STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10903

YIDISHE FOLKS-LIDER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמיל סעקולעץ

ייִדישע פֿאָלקס־לידער

מוזיק־פֿאַרלאַג
פֿון דעם קאָמפּאָזיטאָרן־פֿאַרבאַנד פֿון דער ר. פֿ. ר.
בוקארעשט 1959

מיין טאטן און מיין מאמען,

ד י ע ר ש ט ע וואָס האָבן

מיר יידישע לידער געזונגען.

א י נ ה א ל ט

פאָרוואָרט 7
אריינפיר
1. דאָס יידישע פאָלקס־ליד. די טעמאַטיק 10
2. דער פאָלקס־שאַפער, די מיטלען פון פארשפרייטן דאָס יידישע פאָלקס־ליד 15
3. אייניקע כאראקטעריסטישע שטריכן פונעם יידישן פאָלקס־ליד 20
4. וואריאנטן. 44
טאבעל וועגן דער טראנסקריפּציע מיט לאטיין־שריפט 54
צייכנס 54
די לידער
1. קינדער־יאָרן 55
2. ל י ר י ש. 83
3. אויף חתונות, אויף שמחות, ימים־טובים. 123
4. הומאָר און סאטירע 161
5. ארבעטער און בעלי־מלאכות 183
6. ליידן, בטחון, קאמף און נצחון 205
לידער־רשימה (אינדעקס) 225
ביבליאָגראפיע 234

פאָרוואָרט

דער מוזיק־פארלאג לעגט פאָר א באזונדערן אויסקלויב פון יידישע פאָלקס־לידער, וואָס איז געזאמלט געוואָרן מיט געניטשאפט און מיט ליבע פאר שייִנקייט פונעם קאָמפּאָזיטאָר און פאָלקלאָר־זאמלער עמיל סעקולעץ. דאָס פארעפנטלעכן דעם דאָזיקן באנד — די ערשטע פאָלקלאָר־זאמלונג וואָס דערשיינט ביי אונדז אויף יידיש — ווערט פארעכנט צווישן די רעאליזירונגען פון דער קולטור־רעוואָלוציע וואָס קומט פאָר אין אונדזער היימלאנד, אויפן וועג פון פולשטענדיקן לייזן די נאציאָנאלע פראגע, פון דער פרייהייט און גלייכבארעכטיקונג פאר אלע פעלקער וואָס לעבן צוזאמען אויף דעם באָדן פון דער רומענישער פאָלקס־רעפובליק, א אויפטו פונעם פאָלקס־דעמאָקראטישן רעזשים, אונטער דער זאָרג פון דער רומענישער ארבעטער פארטיי.

די 145 לידער פונעם דאָזיקן באנד, וואָס פאָלגן נאָך א ברייטער אריינפיר־סטודיע, זענען געסדרט לויטן אינהאלט פון די פאָעזיעס: לידער פאר קינדער, וועגן קינדער און בכלל וועגן דער קינדהייט (קינדער־יאָרן), ליבע־לידער (ליריש), טיש־ און טרינק־לידער (אויף חתונות, אויף שמחות, ימים־טובים), וויציקע און סאטירישע לידער (הומאָר און סאטירע), לידער וואָס זענען אינספירירט פונעם אמאָליקן פארהאָרעוועטן לעבן (ארבעטער און בעלי־מלאכות) און, צום סוף, לידער וואָס האָבן א שייכות מיטן קאמף פאר א בעסער לעבן (ליידן, בטחון, קאמף און נצחון).

אזא אינהאלט־רשימה רעכנט זיך נישט מיט א גאָר וויסנשאפטלעכער קלאסיפיקאציע. דערפאר אָבער אנטשפרעכט זי דעם צוועק פון צוגענגלעכקייט און פאָפּולאריזירונג. עמיל סעקולעצס זאמלונג ווענדעט זיך אָבער צו די מאסן. דאָ געפינען מיר זייער באקאנטע לידער וועלכע די יידן האָבן געטראָגן אין דער לענג און אין דער ברייט פונעם ערד־קיילעך אין משך פון אַ דערשיטערטער עקזיסטענץ. עמיל סעקולעץ האָט זיי צונויפגעזאמלט אין פארשידענע געגנטן פון אונדזער לאנד, פארצייכנענדיק פלייסיק די יידישע פאָלקלאָר־זאמלונגען אין וועלכע עס זענען געדרוקט געוואָרן די מחוץ דעם לאגד געקליבענע וואריאנטן. אָבער עס געפונען זיך דאָ אטייל לידער וואָס זענען נאָך ביז איצט נישט פארעפנטלעכט געוואָרן. זייערע פרעמדע פאָרלעך זענען אודז נאָך נישט באקאנט און — לויט ווי עס ווייזט אויס — זענען דאָס רוב פון זיי ביי אונדז געשאפן געוואָרן. געוויסע מעלאָדישע פאָרמולעס דערמאנען אונדז אין די רומענישע פאָלקס־לידער, פונקט אזוי ווי אינעם רומענישן און איבערהויפּט אין דעם מאָלדאָווישן פאָלקלאָר קאָן מען באמערקן איינפלוסן פונעם יידישן מעלאָס. און דאָס איז גאנץ נאטירלעך. אזוי ווייסט מען, למשל, אז די רומענישע קלעזמער פלעגן שפּילן נאָך עד היום אויף די יידישע שמחות. אין בארבו לאוטארוס צייטן איז געווען אין יאס א צעך (ברעאסלע) פון די יידישע קלעזמער, וועמענס סטאראָסטע איז געווען **איציק צאמבאלאזשיו** (צימבלער). נאָך מער, ניקאָלאיע פילימאָן[1] האלט אפילו אז דער „צאמבאל“ האָט אריינגעדרינגען צווישן די רומענישע מוזיקאלישע אינסטרומענטן, א דאנק די יידישע קלעזמער.

---

[1] שרייבער און דער ערשטער רומענישער מוזיק־קריטיקער (1819-1865)

דאָס פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע לידער קומט צו הילף יענע פאָרשער וואָס ווילן שטודירן דעם קינסטלערישן אויסטויש וואָס קומט אומאויפהערליך פאָר אינעם פאָלקלאָר בא די קונסט־שאַפונגען פון די שכנישע פעלקער און בא די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

די פאָלקלאָר־איינפלוסן, וועלכע זענען אמאָל געווען א געביט פון אמפערן זיך צווישן די פאָלקלאָר־פאָרשער פון פארשידענע נאציעס און א געלעגנהייט פון גיפטיקער נאציאָנאליסטיש־שאָוויניסטישער אגיטאציע — לויט ווי עס לערנט אונדז דער גרויסער אונגארישער מוזיקער בעלא בארטאָק — באדייטן נישט צו פאַראָרעמען איין פאָלק כדי צו באַרייכערן אן אנדערס, נאָר — פארקערט — באַרייכערן דעם קינסטלערישן אוצר פון ביידע פעלקער דורכן אקטיוויזירן און סטימולירן דעם שאַפונגס־פּראָצעס.

יענע וואָס זענען געוווינט צו זען אין פאָלקלאָר נאָר אנאָנימע שאַפונג, וועט זיך אויסווייזן מאָדנע דער פאקט וואָס ביי א טייל לידער איז אָנגעוויזן דער נאָמען פונעם מחבר, סיי פון דער פּאָעזיע סיי פון דער מוזיק. די פּאָעזיע פון אזעלכע קלאסישע שרייבער ווי שלום־עליכם, יצחק לייבוש פרץ, אברהם רייזן און אנדערע, זענען פארוואנדלט געוואָרן פונעם פאָלק אין לידער, דורך זייער מעלאָדישן לבוש. ווידער זענען פּאָפּולאריזירט געוואָרן א סך פון די שאַפונגען פון אזעלכע פאָלקס־שאַפער ווי, למשל, דער אלטער שניידער, וואָס וווינט היינט אין בוקארעשט, שמשון פערסט — אזא מין ראדו דע לא דשובעגא. נאָכדעם וואָס זיי זענען פארשפּרייט געוואָרן דורך די קלעזמער און בדחנים אָדער מארשעליקעס — די אנימאטאָרן פון די יידישע שמחות — גאנצע אָדער האלבע פּראָפעסיאָניסטן, טיילמאָל זיי אליין פאָלקס־שאַפער, זענען אזעלכע געבילדעטע אָדער האלב געבילדעטע שאַפונגען איבערגענומען געוואָרן פון דעם ברייטן עולם, און געוואָרן אזוי ארום אלעמענס אייגנטום.

ארומגייענדיק אין דעד אָראלער פאָרם, אלץ מער און מער באנייט כדי צו האלטן שריט מיט די איבעראנדערשונגען אין לעבן, מערן זיי זיך אין פארשידענע וואריאנטן און טראָגן מיט זיך דעם חותם פון דער קאָלעקטיווער שאַפונג און פון דעם שלייפן פון צייט און רוים.

לויט דער מיינונג פון די פאָרשער, זענען די מעלאָדיעס פונעם יידישן פאָלקלאָר — פונקט אזוי ווי די שפראך — מער אייראָפּעישע שאַפונגען.

פילטרירט דורך דער עמפּפינדלעכקייט פון דער יידישער באפעלקערונג, אנטהאלטן זיי טיפּיש העברעישע מעלאָדישע פאָרמולעס, וועלכע זענען אָפטמאָל פיגמענטירט מיט כראָמאטיזמען.

א סך פון די לידער פונעם דאָזיקן באנד, די שאַפונגען פון די ברייטע פאָלקס־מאסן, זענען וווּנדערשיינע דערגרייכונגען. ציזעלירט אין משך פון דער צייט, שפּיגלען זיי אָפּ די געדאנקען, די געפילן און די שטרעבונגען פון דעם ארבעטער־פאָלק, זיין קאמף פאר גערעכטיקייט און פרייהייט — פאר א בעסער לעבן.

א סך פון די פּאָעזיעס האָבן א שטארקן סאָציאלן און קלאסן־כאראקטער:

דעד פּאָטער וועמען דער קאמף פאר א שטיקל ברויט טרייבט ארויס פארטאָג פון שטוב, און וועלכער קערט זיך אום אהיים ערשט אין דער נאכט, דערוווּסט זיך בלויז פון זיין פרוי וועגן דעם קינדס אומשולדיקע שפּיל וועלכעס ער לאָזט איבער שלאָפנדיק און געפינט עס שלאָפן (7).

די טייערסטע פּאלאצן, די רייכסטע הייזער,
דאָס אלץ מאכט דער אָרעמאן.
גאָר, ווייסטו ווער עס טוט אין זיי וווינען ?
גאָרניט ער, נאָר דער רייכער מאן.

בשעת דער אָרעמאן, וואָס שאַפט אלע רייכטומער, ליגט אין קעלער, און ווילנאָטש רינט אים פון די ווענט. (25).

די מאמע שלעפט איין איר קינד און זינגט אים פון זיין דעפּאָרטירטן פּאָטער:

דאָרטן, וויים, גראָבט ער טיפער, טיפער'
ווארפט די ערד ארוים,

זאָרג ניִשט, קינד מײַנס,
פֿאַרן שקר גראָבט ער קברים אויס. (26).

ביי די גגידים איז לחם א ווייסינקע בולקעלע,
אָבער בײַ די קבצנים איז לחם א דארינקע סקאָרינקעלע, נעבעך;
ביי די גגידים איז בשר א געבראָטענע קאטשקעלע,
אָבער ביי די קבצנים איז בשר א לונג און לעבערל, נעבעך. (107);

א שניידער נייט און נייט און נייט
און האָט קדחות ניט קיין ברויט;
ער שטעפּט און שטעפּט און שטעפּט און שטעפּט,
און ניט ער שטאַרבט און ניט ער לעבט. (117)

און נאָך א סך אנדערע לידער דערציילן וועגן דעם אמאָליקן שווערן לעבן פֿון די אָרעמע. נאָר עס „שמידן יונגע לידער" לידער פֿון וועלכע עס „שפּריצן פֿייער שטיקער" (129).

פֿאַרוועריטס, קינדער, און מושטירט זיך
לוסטיק, ביי דער רויטער פֿאָן,
ווייל פֿרייהייט איז דער הערצער ציגדער. (132)

נעמט די כלים, לעשט דאָס פֿייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט,
ווייל אונדזער שטעטל ברענט! (136).

עס לויפֿן און קלאַפּן די מאַשינען
און עס פֿייפֿט דער צוג,
מיר, פֿאַרשיקטע, זיצן דרינען,
מען פֿירט אונדז צום בוג.

קיין גרוב און קיין מצבה
זענען פֿאַר אונדז דאָ,
אין א מאַסן־גרוב, א גרויסן,
ליגט מען אונדז צו רו...

נאָר

אייביק וועט דער צאָרן נישט דויערן,
ענדיקן וועט זיך דער קריג,
און די זון וועט ווידער שיינען,
אונדזערער איז דער זיג (138).

מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך,
מיר זענען פֿריי מיר זענען רײַך,
מ'איז אלע גלייך: רומענער, ייד,
מ'איז אלע גלייך, אָן אָנטערשיד.
און רויק לעבן מיר און פֿריי,
מיט אלץ באַזאָרגט אונדז די פּאַרטיי. (145).

מיר זענען איבערצייגט אז די ווערטפֿולע יידישע קינסטלערישע פֿאָלקס־שאַפֿונגען וואָס גייען אריין צווישן די טאָוולען פֿונעם דאָזיקן באַנד, וועט דער עולם אויפֿנעמען מיט אינטערעס און זיי וועלן נושא חן זיין ביי אלע ליבהאָבער פֿון שיינקייט.

דער מוזיק־פֿאַרלאַג

באַם קאָמפּאָזיטאָרן־פֿאַרבאַנד פֿון דער ר.פֿ.ר.

אריינפיר

1. דאָס יידישע פאָלקס־ליד. די טעמאטיק.

די פאָלגנדיקע זאמלונג נעמט ארום אַן ערך 137 ניגונים און 119 טעקסטן פון יידישע פאָלקס־לידער, א באשיידענער טייל פון אונדזער גרויסן מוזיקאלישן פאָלקלאָר־אוצר.

דער גרעסטער טייל איז געווען זייער פארשפרייט, ווייל די לידער זענען געדרוקט און איבערגעדרוקט געוואָרן אין פארשידענע צייטן, אין פארשידענע עקן וועלט און דאָס האָט גורם געווען אז דער עולם זאָל זיך בעסער באקענען מיט זיי. דער אנדערער טייל — כמעט די העלפט פון די לידער — באגעגענען זיך איצט צום ערשטן מאָל צווישן די מאָוולען פון א זאמלונג. פון אָט די דאָזיקע לידער געהערן אייניקע צו א נייערער תקופה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוריק מיט 17 יאָר — און אנדערע וואָס זענען, צוליב פארשידענע סיבות, נישט פארעפנטלעכט געוואָרן, כאָטש זיי געהערן צו אן עלטערער תקופה.

כמעט אלע לידער פון דער דאָזיקער זאמלונג, סיי די אלטע, סיי די נייע, די געדרוקטע ווי אויך די נישט געדרוקטע, זענען שטארק פארשפרייט צווישן די רומעניִשע יידן. דער מוזיקאלישער פאָלקלאָר־רעפּערטואר פון די יידן פון דער רומענישער פאָלקס־רעפובליק באשטייט — אזוי ארום — פון לידער וואָס געפונען זיך אין רעפּער־טואר פון די יידן פון דער גאָרער וועלט, ווי אויך פון לידער וואָס זענען ספּעציפיש פאר די רומענישע יידן.

דער ביבליאָגראפישער מאטעריאל וועלכן מיר האָבן אויסגעפאָרשט פאר דער דאָזיקער זאמלונג באשטייט, לפי־ערך, פון א 40 אנדערע זאמלונגען וואָס זענען פארעפנטלעכט געוואָרן אין פארשידענע עקן וועלט אין די לעצטע 40—50 יאָר. פון אָט א דעם גאנצן געדרוקטן און נישטגעדרוקטן מאטעריאל, האָבן מיר באדארפט מאכן א שטרענגן אָפּקלייב און דאָס איז גאָרנישט אזוי לייכט געווען. פאר דעם וואָס טרעט צו מיט ליבע אָדער טאקע מיט ליידנשאפט צום פאָלקס־ליד, זענען די אלע בלומען פון פאָלקס־שאפונג באזונדערס טייער און צארט, אין אלע פילט ער א באזונדער מתיקות.

פאָרשנדיק דעם אוצר וואָס ס'שטעלן מיט זיך פאר די יידישע פאָלקס־לידער, די ירושה פון די פארגאנגענע דורות, פארכאפּט אונדז א געפיל פון באזונדערער באוואונדערונג לגבי זיין רייכקייט, שיינקייט און וואריעטעט. וואָס מער מיר פארטיפן זיך אין פאָרשן דאָס יידישע פאָלקס־ליד, אלץ מער אנטפּלעקן זיך און שוועבן פאר אונדזערע אויגן פארשידענע בילדער וואָס דערציילן פון די פריידן און ליידן, ראנגלענישן, פרנסה ספּע־ציפישן יידישן לעבן.

א ליד קאָן פארצייכענען טיילמאָל א געוויסן מאָמענט פונעם לעבן פון א גאנצן כלל, א פשוטע געשעעניש; טיילמאָל קאָן עס כאראקטעריזירן א גאנצע עפּאָכע. צוליב דעם האָבן די לידער אָפטמאָל אויך א דאָקומענטארן ווערט.

א דאנק זייער פאָרם און אינהאַלט, זענען די לידער באַליבט געוואָרן און זענען אריינגעדרונגען אין די ברייטע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. דער פּראָצעס גופא פון שלייפן, פון צוגעבן און אראָפּנעמען, פון אדאַפּטירן און בכלל די אלע ענדערונגען וואָס קומען פאָר אינעם לעבן פונעם ייִדישן פאָלקס־ליד, זענען בולטע באַווייזן מיט וואָס פאַרא ליבע דאָס ליד איז ארומגענומען געוואָרן. דאָס לעבן פונעם פּשוטן מענטש וואָס איז רייך אין פּאַסירונגען און געפילן, אין זוכעניש און ראַנגלעניש, האָט געלעגט זיין חותם אויך אויפן ליד. אָט אַ דעם פאַקט האָבן מיר אין זין געהאַט ביים גרופּירן די לידער פון דער פאָלגנדיקער זאמלונג.

אייניקע לידער באַזינגען מיט וואַרעמע און האַרציקע מעלאָדיעס די פרייד און לייד פונעם ייִדישן בעל־מלאכה. נאָך מער: זעליג באַרדיטשעווערס „דוינע" באַדויערט דאָס טרויעריקע לעבן פונעם אָרעמען רומענישן פּאַסטוך, אַ באַווייז אַז דעם ייִדישער טרובאַדור בלייבט נישט גלייכגילטיק לגבי דעם ווײ פון זיין נישט ייִדישן שכן, צו וועלכן ער ווייזט אַרויס מיטלייד און מיטגעפיל.

אינטערעסאַנט זענען אויך יענע לידער וואָס באַשרייבן דאָס לעבן פונעם אַרבעטער און פון דער אַרבעטערין פונעם „געזעלן". דאָ איז די גאַמע פון סענטימענטן זייער אַ רייכע און אַ פילפאַכיקע. זי הויבט זיך אָן מיטן מיידלס חלום, אַז עס זאָל שוין קומען איר „באַשערטער", זי אַרויסנעמען פון דער אַרבעט און מיט איר חתונה האָבן, ווייל נאָר אַזוי זעט זי די איינציקע מעגלעכקייט פּטור צו ווערן פון דעם שווערן לעבן; אָדער ס'הייבט זיך אָן מיט אַ מעלאַנכאָליע און ענדיקט זיך צומאָל מיט אַ מאָביליזירנדיקן רוף צו אויפשטאַנד און קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע.

אַזעלכע לידער זענען דערשינען לפי־ערך אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט. באַנאַנד מיט די דייטשע און רוסישע, זענען דעמלט דערשינען אויך ייִדישע לידער, וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן צו טעקסטן פון מאָריס ראָזענפעלד, מאָריס ווינטשעווסקי, באָווישאָווער און אַנדערע מחברים וואָס זענען פאַרבונדן מיט די ברייטע מאַסן. אָט די דאָזיקע טעקסטן, אָנגעטוענע אין דינאַמישע מעלאָדיעס, זענען צוגעקומען באַרייכערן דעם ייִדישן לידער־רעפּערטואַר. דאָס פאָלק האָט זיך די לידער אָנגעאייגנט ווי זיינע אַ זאַך.

ביי די וויג־לידער וועלן מיר באַגעגענען זייער פאַרשידענע טעמעס: דאָ זינגט די מאַמע דעם קינד וועמענס טאַטע איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אַלס רעוואָלוציאָנער:

„און ער גראָבט אַלץ טיפער, טיפער,
וואַרפט די ערד אַרויס.
ניט געזאָרגט דאָך! פאַרן שקר
גראָבט ער קברים אויס..."

און ווייטער:

„און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסן,
שלאָף־זשע, שלאָף אַצינד,
זאַמל כּוחות פאַר דער צוקונפט,
זאַמל איינציק קינד!"

(אַ. ד. נאָמבערגס וויג־ליד, נר. 26)

דאָרט, אין אַן אַנדער וויג־ליד:

„און אַז דו, מיין קינד, וועסט אַמאָל עלטער ווערן,
וועסטו ווערן מיט לייטן גלייך;
דעמלט וועסטו געוווּיר ווערן
וואָס הייסט אָרעם, וואָס הייסט רייך"

(נר. 25)

די צרות וואָס די יידן האָבן איבערגעטראָגן אין די פארניכטונגס־לאַגערן פון יענער זייט דניעסטער האָבן זיך אויך טיף איינגעקריצט אין יידישן ליד. („ליד פון בוג", נר. 138; „שלאָף מיין קינד", נר. 27).

נאָך פונעם וויגל ווערט דעם קינד אריינגעהויכט די ליבע צום לערנען. און אין נייעם וויג־ליד הערן מיר שוין קלינגען אזעלכע ווערטער ווי:

„וועסט אויסוואקסן א גרויסער, א שייניקער
און א פליער זיין..." (נר. 28).

אינעם לירישן ליד באַגלייך מיט די שיינע ליבע־ווערטער וועלכע עס שעפטשען זיך די יונגע העלדן, דערשיינט אָפטמאָל די איראָניע, דער גראָטעסק. דאָ שמועסט מען וועגן גדן און וועגן דער הסכמה פון די עלטערן. דאָ וואָלט דאָס מיידל נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט א בעל־מלאכה, ווייל ער פארדינט נישט גענוג אויף פרנסה, דאַרט ווילן דעם בחורס עלטערן נדן, כדי צו האָבן א „צושפּאר" אויף דער עלטער, אז גאָט האָט זיי שוין יאָ געבענטשט מיט א זון... אזוי קאָן נאָך דערשיינען אין סאמע לירישקייט פון ליד א זייער גוט באקאנטער כאראקטעריסטישער פאָלקלאָר־עלעמענט: די קללות (זעלבסטפארשטענדלעך אויף מוזיק...) דער אָפּטימיזם וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פארן יידישן פאָלקס־ליד פירט אָבער דערצו אז סוף כל סוף זאָל —

„דעם טאטן אויף צולהכעיס,
די שונאים אויף קרחת"

זיגן די אמתע ריינע און כשרע ליבע.

אין די לידער וואָס האָבן א שייכות מיט חתונות, שמחות, ימים־טובים, פארגעסט נישט דער פאָלקס־שעפער אין דער פאמיליען־ליבע, שטייגער־לעבן ווי אויך די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען וואָס מאטערן דעם פאָלקס־מענטש, ווי למשל: דאגות פרנסה, די מלחמות א. ד. גל.

אָט די אלע לידער — צו וואָס פאר א זשאנר זיי זאָלן ניט געהערן — זענען אָנגע־זאפּט מיט אן אָפּטימיזם וואָס כאראקטעריזירט זיי, אז אָפּטימיזם וואָס האָט תמיד געהאט זיין געבענטשטע ראָל. אפילו ווען מען געפינט אים נישט אין טעקסט, שפּראָצט ער ארוים פון דער מעלאָדיע. אויך דעמלט ווען דער טעקסט איז א וויינענדיקער, א קלאָגעדיקער, איז צומאָל די מעלאָדיע זיינע א לאַבעדיקע, א שפּאסיקע.

לעבן די לידער וואָס זענען אלט אן ערך 100—200 יאָר און אפשר נאָך מער, האָבן מיר געהאלטן פאר וויכטיק אָפּצוגעבן א באזונדערע אויפמערקזאמקייט אויך יענע לידער וואָס זענען דערשינען אין דער תקופה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן 1940־טן יאָר. די דאָזיקע לידער טיילן זיך אין צוויי גרופּעס:

א. געטאָ־,לאַגער־ און פּארטיזאנער-לידער, ווי אויך
ב. לידער וועגן שפּע און ארבעט אין נייעם, פרייען לעבן.

די לידער פון די געטאָס און לאַגערס ווי אויך פון טראנסניסטריע, שפּיגלען אָפּ די צרות און ליידן פון די יידן אונטער דער פאשיסטישער ממשלה.

„דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און נישט מיט בליי,
דאָס איז קיין ליד(ל) פון א פויגל אויף דער פריי!"

אזוי קלינגט דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג!" וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פון הערש גליק און וואָס איז געוואָרן דער הימן פון די יידישע פּארטיזא־נער וואָס האָבן געקעמפט אין די געטאָס. און ווייטער קלינגט דאָס ליד:

„ווי א פּאראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור!"

און הונדערטער טויזנטער יידן זענען געפאלן א קרבן. דאָס דאַזיקע ליד, צוזאַמען מיט נאָך צענדליקער אַזעלכע לידער, האָבן איבערגעלעבט די וואָס האָבן זיי געשאַפן און טיילמאָל וואָס האָבן זיי געזונגען און געגאַנגען „ווי א פּאַראָל פון דור צו דור" מפּה אל פּה...

און אַזעלכע מאָמענטן זענען געשאַפן געוואָרן קלאָג־לידער, אָבער אויך לידער אָנגע־זאַפּטע מיט אָפּטימיזם, מיט בטחון צווישן זיי אויך סאַטירישע לידער קעגן די אָקופּאַנטן. עס זענען געבוירן געוואָרן לידער וואָס האָבן גערופן צום קאַמף קעגן שונא.

די לידער וועגן נייעם לעבן, וואָס ווערן ביי אונדז געזונגען, זענען צומיינסט געשאַפן געוואָרן פון די סאָוועטישע יידן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. א טייל פון די לידער זענען אריינגעדרונגען צו אונדז און פאַרשפּרייט געוואָרן באַנאַנד מיט דער באַפרייונג און א טייל אביסל שפּעטער.

אייניקע ווערן געזונגען פּונקט אַזוי ווי מען זינגט זיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ביי אַנדערע זענען פאָרגעקומען קליינע ענדערונגען פון זיך צופּאַסן צום לעבן פון די רומענישע יידן, למשל: „מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך" (נר. 145).

*

מיר מוזן זיך מודה זיין, אז עס איז נישט אַזוי לייכט געווען צו גרופּירן די לידער אין פּאַסיקע גרופּעס (קאַטעגאָריעס) אין וועלכע יעדעס זאָל זיך גוט פילן, נעמענדיק אין אכט אז דער צוזאַמענשטעלער נאָמען פון דער גרופּע דאַרף אײַנגאַנצן באַרעכטיקן איר אינהאַלט. דערמיט מיינען מיר אָבער נישט חלילה, אז דער דאָזיקער סדר איז דער בעסטער. ער שליסט נישט אויס אויך אַנדערע פּראָיעקטן, אַנדערע מעגלעכקייטן. בקצור, מען וואָלט געקאָנט — און נאָך זייער לייכט — אריינטראָגן ענדערונגען, וואָס נוגע דעם אָרט פון א סך לידער און דאָס — באַזונדערס — ווייל דאָס זעלבע ליד האָט אָפטמאָל אַלע אייגנשאַפטן כדי צו שטיין פּונקט אַזוי גוט אויך אין אן אַנדערער קאַטעגאָריע.

בכלל האָבן מיר געהאַלטן אז די לידער־גרופּעס זאָלן זיין וואָס מער ארומנעמענדיק מיט אַזעלכע נעמען וואָס זאָלן דערלויבן — א דאַנק זייער ביינגעוודיקייט — אריינצונעמען א גרעסערע צאָל לידער וואָס, כאָטש זיי געהערן צו פאַרשידענע זשאַנרען, דערנענטערן זיי זיך א דאַנק זייער אינהאַלט, א דאַנק זייערע געמיינזאַמע שטריכן.

דאָס מאַטעריאַל איז אַזוי אַרום איינגעטיילט געוואָרן אין זעקס גרופּעס, צו יעדן טייל פון די לידער־גרופּעס האָבן מיר צוגעפּאַסט א מאָטאָ וואָס באַשטייט פון ציטירן אייניקע לידער־פערזן פון דער באַטרעפנדיקער גרופּע. אויף דעם אופן האָבן מיר געוואָלט איבערגעבן אין א מער־ווייניקער סוגעסטיווער פאָרם דעם אינהאַלט פון די לידער־גרופּעס.

די ערשטע גרופּע: קינדער־יאָרן, באַשטייט פון לידער פאַר קינדער און פון קינדער, בילדער פון קינדער־לעבן, געזונגען פון קליין און גרויס, צומאָל אין דער פאָרם פון זכרונות פון די קינדער־יאָרן (קינדער־זכרונות). אין ראַמען פון דער דאָזיקער גרופּע דער שיינט זייער בולט דער דערציערישער פאַקטאָר.

דער מאָטאָ צו דער דאָזיקער גרופּע באַשטייט פון די ערשטע פערזן פון ערשטן ליד:

„ס'איז געווען אמאָל א קליין יידעלע,
האָט עס געהאַט א קליין פידעלע."

די צווייטע גרופּע: ליריש, באַשטייט פון לידער וואָס גיבן איבער פאַרשידענע אַספּעקטן פון דער ליבע.

דער מאָטאָ צו דער דאָזיקער גרופּע באַשטייט פון צוויי ערשטע פערזן (די נעמען) פון די ערשטע צוויי לידער:

„טיף אין וועלדעלע
גיי איך מיר שפּאַצירן".

דורך דעם דאָזיקן מאָטאָ האָבן מיר געפּרוווט סוגערירן אָדער איבערצוגעבן א פּלאַס־טיש בילד פונעם אומגעהויערן און קאָמפּלעקסן זעלישן לאַבירינט וואָס ס'שטעלט מיט זיך פאָר די ליבע מיט אַלע אירע פריידן און ליידן.

די דריטע גרופּע: אויף חתונות, אויף שמחות, ימים־טובים, נעמט ארום לידער וואָס גיבן איבער פאַרשידענע אספּעקטן וויאַזוי דער ייד איז זיך משמח. דאָ געפינען מיר בכלל טרינק־און טיש־לידער. אין דער דאָזיקער גרופּע זענען אריין אויך 13 ניגונים אָן ווערטער, וועלכע מען קאָן הערן זינגען בא סעודות און שמחות.

כדי מען זאָל זיי קענען בעסער אונטערשיידן איינס פון דעם אנדערן, האָבן מיר זיך דערלויבט זיי צו געבן א נאָמען וואָס פּאַסט זיך צו זייער אינהאַלט, האַלטנדיק אז נאָך דער גומער פונעם ליד איז נישט גענוג.

אלס מאָטאָ האָבן מיר צוגעקליבן די ערשטע פערזן פונעם ליד „די מעזינקע".

„העכער, בעסער,
די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער!"

„די ראָד" דאָס מיינט מען די האָרע. דאָס איז איינע פון די פאַרשפּרייטסטע און פון די עלטסטע יידישע טענץ. מען טאַנצט די האָרע אין א פּאַמעלעכן און אין א גיכן טעמפּ. אָפטמאָל הויבט מען אָן פּאַמעלעך און איבערהזורנדיק מערער מאָל באַקומט זי א שנעלן טעמפּ. זייער כאַראַקטעריסטיש ביי דעם דאָזיקן טאַנץ איז דער פאָלקסטימלעכער אינהאַלט וועלכן מען גיט אים צו און נעמלעך: דאָס רעדל, די ראָד, דערמיט וואָס זי איז קיילעכיק האָט זי נישט קיין אָנהויב און נישט קיין סוף („אין קץ, אין סוף"). דאָ איז נישטאָ פאַראַן קיין „אויבן־אָן".

די פערטע גרופּע: הומאָר און סאַטירע נעמט ארום לידער וואָס סאַטיריזירן, וואָס לאַכן אָפּ פון דער מאָנאַרכיע, פון די רייכע, פון די „בעלי מופתים", פון דעם לאַטוטניק, דעם פּאַרטאַטש. דאָ געפינען מיר אויך יענע לידער וואָס לאַכן אָפּ פון די אייגענע צרות. דאָ לאַכט מען אָפטמאָל אויף צולהכעיס דעם דלות, מען ווילט זיך, כאָטש אויפן האַרצן איז נישט תמיד אויפגעלעגט.

דער מאָטאָ צו דער דאָזיקער לידער־גרופּע באַשטייט פונעם רעפרען:

„עלע, בעלע, דלות, דלות,
דו האָסט גאָרנישט, איך האָב אלעס.
הער צעזעצט און ווער צעשפּרינגען
וועל איך דוקא לידער זינגען!"

אגב קאָנען מיר געפינען מאָמענטן פון סאַטירע און הומאָר אויך ביי די אנדערע גרופּעס פון לידער.

די פינפטע גרופּע: ארבעטער־און בעל־מלאָכה־לידער באַשטייט באַזונדערס פון לידער, וואָס דאָס רוב פון זיי גיבן איבער בילדער פון צוריק מיט יאָרן ווען די נויט, די אָרעמקייט און דער הונגער פלעגן זיך פאַרפלעכטן מיט דער ארבעט און — נאָך אין א קלענערער מאָס — בילדער פון דער פרייד וואָס ס'גיט די ארבעט.

נאָך דעם ווי דער טרובאַדור זעליג באַרדיטשעווער גיט איבער אין זיין ליד „מלאָכה־מלוכה" אזעלכע טרויעריקע אספּעקטן פון דער ארבעט, קומט ער אָבער אין זיין רעפרען צו אזא אויספיר:

„מלאכה־מלוכה,
זינגט במנוחה
א לידעלע, א יידיש".

אַט די דאָזיקע פערזן האָבן מיר אויסגעקליבן אַלס מאָטאָ צו דער דאָזיקער לידער־גרופּע.

אין דער זעקסטער גרופּע געפונען מיר די לידער פון לײדן, בטחון, קאַמף און נצחון.

דער מאָטאָ באַשטייט פון די געמען פונעם ערשטן און פונעם לעצטן ליד פון דער דאָזיקער גרופּע.

„יידן שמידן, זינגען:
„מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך!"

בכלל װאָלטן די לידער װאָס זענען דערשינען אין דער נייער שאַפונגס־תּקופה, געקאָנט בילדן איינע אָדער צוויי נייע, באַזונדערע גרופּעס. פונדעסטוועגן האָבן מיר, אַדאַנק דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די ניי דערשינענע לידער, זיי צוגעטיילט צו די אויבן דערמאָנטע גרופּעס, רעכענענדיק זיך אָבער מיט דעם כראָנאָלאָגישן סדר. אַזוי אַרום װעלן אין אַלע גרופּעס דערשיינען קודם־כּל די אַלטע לידער, דערנאָך די װאָס זענען געשאַפן געוואָרן בשעת דער מלחמה און — צום סוף — די לידער פונעם נייעם לעבן, װאָס זענען דערשינען אין רומעניע נאָכן 23־טן אויגוסט, 1944.

2. דער פאָלקס־שאַפער. די מיטלען פון שאַפן און פאַרשפּרייטן דאָס יידישע פאָלקס־ליד.

װער האָט געשאַפן די לידער? בכלל קאָנען מיר זאָגן אַז די לידער זענען געשאַפן געוואָרן פונעם אומבאַקאַנטן מחבר — פונעם פאָלקס־מענטש. אַ גאָר קליינע צאָל פון די לידער איז קאָמפּאָנירט געוואָרן ביים שרייב־טיש אָדער ביים פּיאַן פון אַ קאָמפּאָזיטאָר. אייניקע זענען געבוירן געוואָרן אויפן שוסטער־בענקעלע, ביים שניידער־װאַרשטאַט, אָדער ביים װעב־שטול, מיט איין װאָרט, אין װערקשטאַט צי אין דער פאַבריק, דאָרטן װו דער **פאָלקס־מענטש** פלעגט פאַרברענגען דעם רוב פון זיין צייט.

אַ סך לידער זענען געשאַפן געוואָרן אין סאַמע ברען פון די שמחות. אַ װיכטיקע ראָל האָבן דאָ געשפּילט די בדחנים אָדער מאַרשעליקעס, מערסטן טייל פון זיי פּראָפעסיאָניסטן, װאָס פלעגן אימפּראָװיזירן גראַמען צו פאַרשידענע מעלאָדיעס און מאַכן לאַכן און װיינען דעם עולם. אַדאַנק דעם טאַלאַנט זייערן, פלעגן זיי אַריינברענגען פרייד אויף די שמחות צו װעלכע מען פלעגט זיי פאַרבעטן. דער װיץ און דאָס שטעך־װערטל, דער הומאָר און די סאַטירע האָט זיי קיינמאָל נישט אויסגעפעלט. מיט גרויס געניטשאַפט פלעגן זיי באַנוצן דאָס שטעך־װערטל אָדער דעם שבח אויף דעם אָדער יענעם פון די אַנװעזנ־דיקע, אַז דער עולם פלעגט זיך ממש מחיה־זיין.

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פאָלקס־שעפער קומען נאָך צו די כּלי־זמר, װאָס אַ טייל פון זיי פלעגן קענען אויך די בדחנישע עובדה.

אנדערע פריילעכע לידער אָדער ניגונים, קומען ארויס פון דער חסידישער סביבה. דאָ האָט מען געזונגען און מען זינגט נאָך עד־היום א סך שיינע לידער. שווער קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן א חסידישע סעודה אָן זמירות. פון דאנען אפשר דאָס ווערטל: „א סך זמירות און ווייניק לאָקשן".

בכלל איז דער פאָלקס־שעפער — ווי שוין געזאָגט — דער אנאָנימער מחבר, דער אומבאקאנטער. פונדעסטוועגן איז דאָס אנטשיידנדיקע ביים דערקלערן די פאָלקס־שאפונג אלס אזעלכע, נישט דער פאקט צי דער מחבר איז אונדז יאָ אָדער נישט באקאנט, נאָר וויכטיק איז דער כאראקטער פונעם ווערק, ווי אויך דער פאקט וואָס די מאסן האָבן עס אויפגענומען און עס אונטערגעוואָרפן דעם ספּעציפישן פּראָצעס פון ציזעלירן, ענדערן. אָבער וועגן דער דאָזיקער פראגע וועלן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן.

ס'איז אוודאי וויכטיק דער פאקט וואָס מיר קאָנען היינט א גאנצע ריי פאָלקס־שעפער. א טיפּישן פאל שטעלט מיט זיך פאָר שמשון פערסט, פון פאך א שניידער, היינט 71 יאָר אלט. ער האָט געשאפן זיינע לידער (טעקסטן) נאָר צו באקאנטע מעלאָדיעס (יידישע, דייטשע, רוסישע, אונגארישע, רומענישע, א. ד. גל.). שמשון פערסט באהאלט נישט קיין איין כתב־יד פון זיינע שאפונגען. דערפאר איז ער אָבער געבענטשט מיט אן אויסערגעוויינלעכן זכרון און ווען מען וועט אים אָנכאפּן וועט ער לייענען, זינגען אָדער דיקטירן איינס פון זיינע לידער, ווי אלט און ווי לאנג דאָס ליד זאָל נישט זיין, פונעם „קעמערל פון זיין זכרון" (אזוווי ער הויבט אָן זיינע „קינדער־יאָרן").

ער האָט זייער ליב דעם גראם. דערפאר, ווען ער איז אויפגעלייגט, רעדט ער נאָר אין גראמען. און כאפּט ער יענעם אריין אין א שמועס, איז נישט פאראן קיין וואָרט צו וועלכן ער זאָל נישט קאָנען צופּאסן — און אויף גיך — דעם ריכטיקן גראם.

אין שמשון פערסט קען גיט דעם הילוק צווישן א גראם א גוטן און א „קראנקן".

היינט איז ער א מיטגליד און אויף עמעריטור פונעם רומענישן שרייבער־פארבאנד.

מיר וואָלטן אים געפרווט פארגלייכן מיטן דייטשן האנס זאקס, נאָענטער מיטן רומענישן טעאָדאָר נעקולוצע און אוודאי מיטן יידישן טרובאדור וועלוול זבארזשער.

*

דער פאָלקס־שעפער קען נישט די שאפונגס־כללים פון דער קולטיווירטער מוזיק. זיין איין און איינציקע „שול" איז דאָס ליד. געבענטשט מיט א מוזיקאלישן חוש, וואָס איז אויסגעבילדעט געוואָרן אין דער פאָלקלאָר־סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט, האָט ער געשאפן לידער, א טייל מיט באזונדערע מייסטערישע מעלות.

עס וואָלט אָבער נישט ריכטיק געווען צו מאכן דעם אויספיר, אז בעת דער יצירה, שאפט דער אומבאקאנטער מחבר זיינע לידער אויף א נאָר ווילקירלעכן אופן, נישט רעכנענדיק זיך מיט קיין שום כללים. ער היט אָפּ, אוודאי אינסטינקטיוו און שטיצנדיק זיך אויסשליסלעך אויף זיין קינסטלעריש־מוזיקאלישן חוש, געוויסע כללים וואָס זענען אין משך פון יאָרהונדערטער קאָנקרעטיזירט געוואָרן אין כאראקטעריסטישע ריטמיש־מעלאָדישע פאָרמולעס. א דאנק דעם פאקט וואָס ער האָט געשאפן פריי, נישט נעמענדיק אין אכט קיין שום סכאָלאסטישע באגרע־נעצונגען, איז דעם פאָלקס־קינסטלער געלונגען צו שאפן א סך לידער וואָס שטייען העכער אפילו פון יענע וואָס עס האָבן געשאפן קאָמפּאָניסטן.

אָבער דער פּראָצעס פון שאפן פאָלקס־לידער, פארהאלט זיך נישט אָט דאָ, נאָר ער ווערט ווייטער געפירט פון די פאָלקס־זינגער, פון די פאָלקס־אינטערפּרעטן, וואָס ענדערן די אורשפּרינגלעכע פאָרם פונעם ליד. זיי גיבן צו מאָטיוון אָדער מאקע גאנצע מוזיקאלישע פראזן סיי ביים אָנהויב, סיי ביים סוף פונעם ניגון; זיי ענדערן די קאדענצן, די ריטמישע און מעלאָדישע פאָרמולעס, אָדער זיי פּאסן צו די מעלאָדיע צו יענעם מאָדוס וואָס געפעלט זיי מערער, פארביינדיק דעם מאָדאל מיטן טאָנאל און פארקערט. ווייטער, ברייטן זיי אויס אָדער פארמינערן די אינטערוואלן, מען זינגט אן אונטערשטן קווארט־אינטערוואל אויף

דער איבערשטער אַקטאַוו, אויסברייטנדיק אזוי ארום דעם אמביטוס; מען פאַרוואַנדלט דעם רעציטאַטיוו אויף א טעמפּאָ-רזשיוסטאַ-פאָרם און פאַרקערט. דאָס קומט פאַר ביי דער נגינה. און ביי די טעקסטן? דאָ קומען אויך פאָר ענדערונגען. עס ווערן צוגעגעבן אָדער אראָפּגענומען שורות (פּערזן) און צומאָל טאַקע גאַנצע סטראָפעס; די אַלטע לידער באַקומען נייע טעקסטן וואָס היטן אויף, מער אָדער ווייניקער, עלעמענטן פון דער פריערדיקער פאָרם, עס ווערן געשאַפן פּאַראָדיעס א. ד. גל., כדי די מעלאָדיע זאָל זיך דאַן **אונטערוואַרפן** דעם נייעם טעקסט.

אַזעלכע ענדערונגען ווערן אָבער געמאַכט אין משך פון דער צייט. דאָס זענען די דורות וואָס אָפּערירן אינעם פּראָצעס פון פילטרירן, פון ענדערן דאָס פאָלקס-ליד. אזוי דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס דאָס רוב פון די אינטערעסאַנטע וואַריאַנטן טרעפן מיר ביי די אַלטע לידער, בשעת ביי די נייע וועלן פאָרקומען קלענערע ענדערונגען: א קאַדענץ, א ריטמיש-מעלאָדישע פאָרמולע אָדער לחלוטן גאָרנישט.

דאָס וואָס ס'האָט באַווירקט אז א ליד זאָל היינט איינהאַלטן א געוויסע פאָרם, נעמט זיך דערפון, וואָס די היינטיקע אינטערפּרעטן האָבן אָנגעהויבן „תופס" צו זיין די „סודות" פון נאָטן און אליין צו „דעשיפרירן" די לידער. א דאַנק דעם פאַקט, וועלן פאָרקומען ווייניקער ענדערונגען לגבי דער געדרוקטער ווערסיע פון דער אָדער יענער זאַמלונג.

★

אויך געפונען מיר פאַר גוטיק פעסטצושטעלן א זאַך וואָס איז נוגע יענע לידער וועמענס מחברים זענען אונדז גוט באַקאַנט, וואָס לויט אייניקע פאָלקלאָריסטן טאָרן זיי נישט פאַררעכנט ווערן אַלס אמתדיקע פאָלקס-לידער. לויט דער דאָזיקער טעאָריע, מוז דער פאָלקלאָר זיין אומבאַדינגט די שאַפונג נאָר פון אַנאָנימע מחברים.

אַנדערע האַלטן די דאָזיקע טעאָריע אַלס א נישט ריכטיקע. פּערזענלעך בין איך ביי דער מיינונג, אז סיי וואָספאַרא ליד וועמענס מחבר איז יאָ אָדער נישט באַקאַנט, אָבער וואָס האָט — א דאַנק דער פאָרם און אינהאַלט, א דאַנק דער קראַפט זיינער — פאַרכאַפּט די מאַסן, זייענדיק אונטערגעוואָרפן דעם פּראָצעס פון שלייפן און ענדערן — ווייזן מיר דאָך אז דאָס קומט פאָר אין דעם צירקולאַציע-פּראָצעס — דאַרף פאַררעכנט ווערן אַלס א פאָלקס-ליד.

ס'איז אונדז גוט באַקאַנט דער סאָציאַלער אינהאַלט פון די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, י. ל. פּרץ, אברהם רייזען און אַנדערע זייער באַליבטע שרייבער. שלום-עליכם'ס „וויג-ליד", פּרצעס „דריי נייטאָרינס", רייזענס „העמערל", גאָמבערגס וויג-ליד, ווי אויך ווינטשעווסקיס, ראָזענפעלדס, באָוושעווערס און אַנדערע לידער, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן אויף די פליגל פון געזאַנג, האָבן נאָך מער דערנענטערט די מחברים זייערע צו דער פאָלקס-נשמה, זיי זענען אריין אין נאַטירלעכן פּראָצעס פון פאַר-שפּרייטונג און ענדערונג, ווערנדיק אזוי ארום אמתדיקע פאָלקס-לידער.

דאָס געמלעכע איז מיט די לידער וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון וועלוול זבאַרזשער, אברהם גאָלדפאַדען, מ. מ. וואַרשאַווסקי, זעליג בערדיטשעווער, מרדכי געבירטיג, שמשון פערסט א. אנד. וואָס שפּיגלען אָפּ די פרייד און לייד פון דעם פאָלקס-מענטש. די דאָזיקע לידער זענען זייער באַליבט, דער פאָלקס-מענטש זינגט זיי, ענדערט זיי, און דערפאַר ווערן זיי אויך פאַררעכנט אַלס פאָלקס-לידער.

א ליד וואָס האָט גאָר אויסגענומען ביי אונדז ווי אויך אין דער גאָרער וועלט איז „דער רבי אלימלך" (נר. 70). אַלע וועלן מיר מסכים זיין אז דאָס איז א שיין לידעלע. און מיר זאָגן „אין דער גאָרער וועלט" ווייל דאָס דאָזיקע לידעלע איז שוין פון לאַנג אריבער

דעם תחום פונעם יידישן געסעלע. מיר האָבן עס שוין געהערט שפילן אויך אין דזשעז־אראַנזשאַמענטס און אויך אין פאַרשידענע שפּראַכן. (צ. ב. אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מען עס געזונגען אויף רוסיש אונטערן טיטל: „דיאַדריאַ עלי"). דאָס ליד — פונקט ווי סיי וואָספאַרא ליד, וואָס האָט נושא־חן געווען ביי די ברייטע מאַסן — האָט אויך שוין געליטן פאַרשידענע אויסבעסערונגען, ענדערונגען צוליב וועלכע מיר ברענגען עס אין 3 וואַריאַנטן נאָר... פון וועלכע צוויי זענען געדרוקט.

כאָטש אַזוי, וואָלט אויסגעקומען, נאָך דער נאָרוואָס דערמאָנטער טעאָריע, אַז וויאַזוי מיר וועלן זיך דערוויסן ווער ס'איז דער מחבר פונעם טעקסט (אָבער פון דער מוזיק?...) זאָל עס אויף גיך אַראָפּגענומען ווערן פונעם פאָלקלאָר־רעפּערטואַר.

ערשט אין 1948־סטן יאָר איז מיר באַשערט געווען עס זאָל מיר אַריינפאַלן אין האַנט אַריין דאָס דאָזיקע ליד, זייער אינטערעסאַנט באַאַרבעט פאַר געמישטן כאָר מיט פּיאַן פון זיוויל זילבערטס (מעטראָ־מיוזיק קאָמפּ, ניו־יאָרק, 1935) און די ווערטער פונעם באַקאַנטן שרייבער: משה נאַדיר. דעם פאַקט האָט מיר אויך באַשטעטיקט דער חבר הערש סמאָליאַר, הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע", וועלכער האָט מיט דער געלעגנהייט פון א באַזוך אין רומעניע, מיר דערציילט, אין א געשפּרעך וועגן יידישן פאָלקלאָר אַז, ווען ער האָט צוריק מיט 20 יאָר גערעדט מיט משה נאַדירן וועגן דעם ענין, האָט ער קאָמענטירט דעם פאַקט וואָס דער עולם וועלכער קוויקט זיך אַזוי מיטן „רבין אלי מלך" קען נישט דעם מחבר.

באַטראַכטנדיק די זאַך אונטער דעם דאָזיקן אַספּעקט, זענען מיר ביי דער מיינונג אַז עס קאָן נישט זיין קיין גרעסערע סאַטיספאַקציע פאַר א מחבר ווי צו ווערן געזונגען אויף דער גאָרער וועלט, אַפילו ווען מען קען אים נישט. ערגער איז ס'זאָל זיין פאַרקערט, איך מיין דער נאָמען פון מחבר זאָל זיין באַקאַנט, און נישט דאָס ווערק זיינס. דעמלט איז די לאַגע ווייניקער אָנגענעם.

ס'איז זייער שווער צו מאַכן א מחיצה, אָפּצוטיילן דעם שאַפונגס־פענאָמען פון פאָלקס־ליד און זיין פאַרשפּרייטונג. און דאָס דערפאַר, ווייל כמעט תמיד איז דער פאָלקס־שעפער גלייכצייטיק אויך אַן אינטערפּרעט, פונקט אַזוי ווי דער פאָלקס־אינטערפּרעט ווערט אויך א שעפער דעמלט ווען ער גיט איבער, ווען ער אינטערפּרעטירט א באַקאַנטע מעלאָדיע.

דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטישער פענאָמען איז גוט באַקאַנט אין פאָלקלאָר. כאָטש אַזוי זענען פאַראַן פאַרשידענע פאַקטאָרן וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן אויף א ממשותדיקן אופן ביים פאַרשפּרייטן דאָס פאָלקס־ליד, ווי אויך ביי דער מוזיקאַלישער דערציונג פונעם פאָלק. באַנאַנד מיט די געדרוקטע לידער־זאַמלונגען מוזן מיר דאָ דערמאָנען די וויכטיקע ראָל פון די פאָלקס־זינגער (סיי פּראָפעסיאָניסטן, סיי נישט קיין פּראָפעסיאָניסטן), די כלי־זמר, די לערערס, די חזנים, ווי אויך דעם איינפלוס פונעם גראַמאָפאָן, פון דעם טעאַטער און שפּעטער — אין א קלענערער מאָס — פון דעם ראַדיאָ.

די יידישע שולן זענען געווען — באַזונדערס צוריק מיט יאָרן — א ברייט פעלד פאַרן יידישן פאָלקס־ליד, כאָטש מען האָט נישט געלערנט מיט די קינדער פון 7 ביז 11 יאָר די מוזיק אַלס א באַזונדערן געגנשטאַנד. אַזוי אַרום, האָט מען געזונגען א סך לידער און ס'איז נישט דערלויבט נישט צו דערמאָנען דעם אומגעהויערן צושטייער וועלכן א טייל פון די לערער, וועלכע מען פאַרגעסט געוויינטלעך צו דערמאָנען דעמלט ווען מען רעדט פון דער אַרבעט פון שאַפן און פאַרשפּרייטן דאָס יידישע פאָלקס־ליד. באַנוצנדיק אַלטע פאָלקס־לידער, צופּאַסנדיק אַלטע ניגונים צו טעקסטן וואָס זיי האָבן שוין געשאַפן, אָדער שאַפנדיק טאַקע דעם טעקסט מיט דער מוזיק, האָבן א טייל פון די יידישע לערערס מיטגעהאָלפן צו באַרייכערן דעם שילערס מוזיקאַלישן רעפּערטואַר. א גרויסער טייל

פון די דאָזיקע לידער פלעגן בלייבן אין די שולן און פלעגן איבערגיין פון איין סעריע צו דער אנדערער, פון איין דור צום אנדערן. און אהיימגעבראכט פון דער שול דורכן קליינוואַרג, פלעגן די לידער ווערן אן אייגנטום אויך פון די גרויסע.

אויך אין די שולן פלעגט מען איינאָרדנען קאָנצערטן מיט פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער פון אנדערע שטעט אָדער פון אנדערע לענדער צווישן וועלכע אויך בארימטע פאָלקס-זינגער.

אומקערנדיק זיך צו אונדזערע לערערס, מוזן מיר דערמאָנען אז די ספּערע פון זייער טעטיקייט פלעגט אריבערשפּרייזן די שוועל פון דער שול, ווו זיי האָבן געארבעט.

מיר טאָרן נישט פארגעסן אז כמעט אלע אונדזערע יידישע שרייבער האָבן פארצייכנט אין זייערע ביאָגראַפיעס א היפשן סטאַזש אלס לערערס.

אָט וויאַזוי עס דערציילט אונדז אן אינפאָרמאַטאָרין וועגן דעם דיכטער יאָסעלע לערנער: „ביי אונדז אין שטעפּאַנעשט (א שטעטל נישט ווייט פון באָטאָשאַן, סוטשאַווער רעגיאָן) איז געווען א לערער, יאָסעלע לערנער, וואָס האָט געקאָנט א סך פאָלקס-לידער און אפילו ער אליין פלעגט אויך מאכן לידער; ער פלעגט איינאָרדנען מיט אונדז, מיט דער יוגנט, ספּעקטאַקלען פון אינסצענירטע לידער, מיט וועלכע דער שטעפּאַנעשטער עולם פלעגט זיך ממש מחיה-זיין.” א סך פון די שטעפּאַנעשטער מיט וועלכע איך האָב מיך באַקאַנט פלעגן רעדן מיט גרויס דרך-ארץ פון לערנערן אלס לידער-שעפער, אלס רעזשיסער און אלס מענטש.

אן אנדערע אינפאָרמאַטאָרין, אן עלטערע, הויבט אָן אזוי: „אין אונדזער שטאָט זענען געווען צוויי לערער...” און מיר קאָנען צוגעבן אז כמעט אין אלע שטעט און שטעטלעך, באזונדערס אין מאָלדאָווע און אין דער בוקאָווינע, זענען געווען ווייניקסטנס צו איין „לערנער”, איינער באַנאַנטער פונעם אנדערן.

דערמיט וואָס זיי זענען געווען איבערגעגעבן מיט זייער גאנצער נשמה צו די אָרעמע יידישע שיכטן, דערמיט וואָס זיי האָבן געוווּסט אין וואָס דער עולם נויטיקט זיך גייסטיק, האָבן א טייל פון די דאָזיקע לערערס פארשטאַנען וואָס עס וואָלט געקאָנט אויפלעבן, עמאָציאָנירן — מיט איין וואָרט — זיי פלעגן פאָרויסזען וואָס עס וואָלט געקאָנט דערוואַרעמען דעם עולם. און דעמלט ווען דער אלטער מאַטעריאַל איז נישט געווען א גענוגנדיקער אָדער א צופרידנשטעלנדיקער, סיי פונעם טעמאַטישן, סיי פונעם קוואַלי-טאַטיוון שטאַנדפּונקט, פלעגן זיי שאַפן א נייעם מאַטעריאַל, וואָס זאָל אנטשפּרעכן די פאָדערונגען פון דער צייט, צווישן וועלכע אויך לידער.

און ווייל מיר האָבן דערמאָנט די שולן און די לערערס אלס פאַקטאָרן ביים פארשפּרייטן און שאַפן די פאָלקס-לידער, זאָל אונדז דערלויבט זיין צו דערמאָנען נאָך א שול ווו מען פלעגט אָפּגעבן די קינדערלעך פון 3—4 יאָר, היינט וואָלטן מיר געזאָגט „פאָרשול” — געמיינער דעם חדר.

אמת, דאָ האָט מען נישט אזוי געלערנט קיין לידער, אָבער אָנהויבנדיק מיטן אלף-בית און איבערגייענדיק צו דער עברי, צום חומש און דערנאָך רש”י א. א. וו. פלעגט דאָס אלץ געטאָן ווערן אויף פארשידענע טראַדיציאָנעלע רעציטאַטיווע פאָרמולעס, וואָס לויט אונדזער מיינונג מעג מען דאָס פארעכענען אלס ערשטן שריט מיט וועלכן מען האָט אריינגעפירט די קליינע תלמידים אין דער טראַדיציאָנעלער יידישער נגינה, אָדער בעסער געזאָגט, אין יידישן פאָלקלאָר.

ווייטער איז באוווּסט די ראָלע וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט געשפּילט אינעם פארשפּרייטן דאָס יידישע פאָלקס-ליד. דאָ פלעגן טויזנטער צושויער מיטברומען אָדער אפילו מיטזינגען מיט די אַקטיאָרן. דאָס יידישע פובליקום האַלט נאָך עד-היום פון די ספּעקטאַקלען מיט געזאַנג.

ווידער איז דעם פאָלקס-מענטש תמיד געפעלן אויסצוהערן, — אליין אָדער צוזאַמען מיט אנדערע, פאָלקס-לידער ביים גראַמאָפאָן. מיר דאַרפן זיך נאָר דערמאָנען אין

יענער צייט אין וועלכער די פארוויילונג ביים גראמאפאָן האָט פארנומען דאָס אָרט פונעם קינאָ אָדער טאקע פונעם ראדיאָ.

זע וויאזוי עס דערשיינען די פאָלקס-לידער: „דער פילאָזאָף" (נר. 105) און „א זמרל" (נר. 107) אין די נעדרוקטע זאמלונגען און זייערע וואריאנטן אין אונדזער טראנסקריפּציע לויט די גראמאפאָן-פּליטן (נר. 106 און 108).

3. אייניקע כאראקטעריסטישע שטריכן פונעם יידישן פאָלקס־ליד

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן אז כאָטש דער פאָלקס-שעפער רעכנט זיך נישט מיט די שאפונגס-כללים פון דער קינסטלערישער מוזיק, שאפט ער פונדעסטוועגן נישט אויף א צופעליקן אופן, נאָר לויט אמתע אויפגעהיטע דורך דער טראדיציע כללים, וועלכע ער פילט בדרך החוש און וועלכע זענען ענג געבונדן מיט די כאראקטעריסטישע שטריכן פונעם פאָלקס-ליד. די געטריישאפט צו די דאָזיקע כללים באווירקט אז דאָס ליד זאָל ווערן באליבט און אנגנעאייגנט פון די מאסן; א מעלאָדיע וואָס וואָלט געשאפן געוואָרן נישט אָפּהיטנדיק די דאָזיקע כללים, וואָלט געהאט א קלענערן אָפּקלאנג אין די הערצער פון די ליבהאָבער פון פאָלקס-מוזיק.

דער פארהעלטניסמעסיק קנאפער מאטעריאל וועלכן מיר האָבן געהאט אין אונדזער רשות, ווי אויך דער וואונטש נישט אריבערצושפרייזן די ראמען פון אן ארייננפיר-סטודיע, דערלויבן אונדז נישט אָנצווייזן מער ווי אויף אייניקע כאראקטערשטריכן פונעם יידישן פאָלקס-ליד און דאָס אויך נאָר אויף יענע וועלכע מיר האָבן נעהאלטן פאר וויכטיקער.

עס זענען דאָ לידער ביי וועלכע דער מעלאָדישער גאנג איז א רואיקער. די קלאנגען זייערע פאָלגן נאָכאנאנד בכלל ביי נאָענטע שטופן אין משך פון דער גאנצער מעלאָדיע, למשל: „לאָמיר זיך צעקושן" (נר. 35), „אוי, אבראם" (נר. 53), „ווו ביסטו געוועזן" (נר. 54), „פאָרן פארסטו פון מיר אוועק" (נר. 61), „דריי טעכטערלעך" (נר. 88), „עס ברענט" (נר. 136) א. אנד.

אן אנדערע קאטעגאָריע שטעלן מיט זיך פאָר יענע לידער וועמענס מעלאָדישער גאנג איז ביי אייניקע מערער און ביי אנדערע ווייניקער, אן אומרואיקער און איז צוזאמענגעשטעלט פון פארשידענע אינטערוואלן. אינעם מעלאָדישן גאנג באגעגענען מיר זיך מיט טערצן-, קווארטן-, קווינטן- און אָקטאַוון- שפּרונגען (די סעקסטן און איבערהויפּט די סעפּטימען זענען זעלטענערע) למשל: „שלאָף מיין קינד, שלאָף כסדר" (נר. 25), „ניי איך מיר שפּאצירן" (נר. 30), „צו דיין געבורטס-טאָג" (נר. 72).

א דריטע קאטעגאָריע בילדן יענע לידער וועמענס מעלאָדישער גאנג איז א באשטענדיקער בייט צווישן רואיק און אומרואיק, פארפלעכטנדיק דעם שטופנווייזן מיטן געשפּרונגענעם

גאנג, א זאך וואָס רופט ארויס א אינטערוואַלן=פאַרשידנאַרטיקייט, ווי למשל: „אויפן
פריפעטשיק" (נר. 8), „פרעגט וואָס קען איך" (נר. 100) „לאָמיר אלע זינגען" (נר. 107
108), „אָט אזוי נייט א שניידער" (נר. 117), „יידן שמידן" (נר. 128), „מיין הארץ"
(נר. 58) א. אנד.

אויך דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאנען יענע מעלאָדישע מאָטיוון וואָס האָבן א מאָנאָ=
מאָנעם כאראקטער. מיר וועלן זען ווי ס'דערשיינט א פערז, באזונדערס אויף יענע פון די
הויפּט=שטופן (ערשטע, פערטע און פינפטע), וואָס ווערט געהאלטן אויף איין קלאנג, עווענ=
טועל מיט א קליינער אינפלעקסיע צו א סעקונד= טערץ= קווארט= אָדער קווינט= אינטער=
וואַל, סיי אין טעמפּאָ=דזשיוסטאָ, סיי אויף רעציטאַטיוו. געוויינלעך דערשיינען זיי אין
א קליינער גלייכווערטיקער נאָטן=איינטיילונג, וואָס אלטערנירט פעריאָדיש אָדער נישט
פעריאָדיש, מיט א רואיקן אָדער אומרואיקן מעלאָדישן גאנג, אזוי ווי מיר באגעגענען
למשל אין די לידער „אמאָל איז געווען" (נר. 2), „בא דעם שטעטל" (נר. 9), ביי
דער ווערסיע אין צוויי=פערטל-טאקט), „טיף אין וועלדעלע" (נר. 29), „צוועלף קלאפּט
דאָך שוין" (נר. 32), „לאָמיר זיך צעקושן" (נר. 35), „ווו ביסטו געווען" (נר. 54),
„שא שטיל" (נר. 90).

ס'איז אויך כדאי דאָ צו באמערקן די אויסערגעוויינלעכע רייכקייט פון מעלאָדישע
פאָרמולעס וואָס זענען געבויט נאָר אויף ארפּעגיעס, דרייקלאנגען, דאָס רוב אויף דער
ערשטער שטופע. דער פאקט וואָס דעם דאָזיקן פענאָמען באגעגנט מען ביי מער ווי דער
העלפט פון די לידער וואָס געפונען זיך אין דער דאָזיקער זאמלונג, בארעכטיקט אונדז אים
צו באטראכטן אלס א ספּעציפישע אייגנשאפט פונעם יידישן פאָלקס=ליד. נאָך מער: עס
זענען דאָ לידער וועמענס מעלאָדישער גאנג איז כמעט אינגאנצן אויפגעבויט אויף ארפּע=
גיעס צ. ב.: „אז איך וועל זאָגן" (נר. 19). די דאָזיקע ארפּעגישע מעלאָדיע=גענג זענען
צו געפונען ביי אלע זשאנרען לידער און מיר קאָנען זיי טרעפן סיי ביים אָנהויב, סיי
ביי דער צעזור, ווי אויך אין דער שלוס=קאדענץ.

מיר גיבן דאָ איבער עטלעכע פון די ארפּעגישע פאָרמולעס.





א באוויז וואָס פעסטיקט נאָך מער אונדזער השערה וועגן א באזונדערער פאָרליבע צום באנוצן ביים אינטאָנירן די ארפעגישע פאָרמולעס, וועלן מיר געפונען ביים אָנהויב פון ליד „איינמאָל, איינמאָל“ (נר. 68). אָט א דאָ ביי דעם ליד, ענטפערן א טייל פון דער

גרופּע אינטערפּרעטן דער מעלאָדיע מיט אן ארפּעגישער פאָרמולע טאקע ווי די מעלאָדיע גופא, בילדנדיק א ריטמישע קאָמפּלעמענטאציע און גלייכצייטיק דערגאנצן זיי דעם אקאָרד.



מיר באטאָגנען אז יענע מענטשן וואָס האָבן געזונגען אין דער דאָזיקער פאָרם, זענען נישט געווען אָנגעפירט פון קיין שום דיריגענט און די אינטערווענציע פון א קענער איז אויך אויסגעשלאָסן געווען אין יענע אומשטענדן אין וועלכע עס האָט זיך מיר איינגע-געבן צו הערן דעם דאָזיקן וואריאנט. נאָך מער: אייניקע פון זיי האָבן געזונגען ביידע ראָלן, ביידע טיילן בילדנדיק דערמיט א פאָרמולע פון פיר גלייכווערטיקע נאָטן אין יעדן טאקט.



נאָך אזא מין פענאָמען איז צו זען אויך ביי די פאָלקס-לידער: „מחותנתטע מיינע“ (דער נייער וואריאנט נר. 87) און „לאָמיר זיך צעקושן“ (נר. 35), אין וועלכע א טייל אינפאָרמאטאָרן, אינטערפּרעטן פּרווון צו פארבייטן דעם גרעסער-ווערטיקן קלאנג מיט אן ארפּעגישער פאָרמולע, צוזאמענגעשטעלט פון קלענער-ווערטיקע קלאנגען וואָס פארצייכענען מיט פאָרליבע יעדע צייט-מאָס פונעם טאקט. דער פאָלקס-אינטערפּרעט, וואָס פּאסט צו די ארפּעגיע אויפן אָרט פון דעם לאנג-ווערטיקן קלאנג, העלפט אזוי ארום דורך דער נאָטן-צעטיילונג, צום שאפן א געוויסע שטימונג, ווי אויך צום אויפהיטן דעם ריטם, וואָס שאפט דעם איינדרוק אז ער פעלט אים צומאָל אויס, ווען עס דערשיינט א לאנגווערטיקער קלאנג.

*

וואָס נוגע דעם מעלאָדישן קאָנטור (אומרים) וואָלט מען געקאָנט איינטיילן אונדזערע לידער אין פאָלגנדיקע קאטעגאָריעס:

אייניקע הויבן זיך אָן פון אונטן, שטייגן ארויף בהדרגהדיק אָדער שלענגלען זיך צום הויכפּונקט און דערנאָך קומען זיי צוריק אראָפּ צו דער שלוס-נאָטע, צו דער פינאלע.

אנדערע הויבן זיך אָן אין דער מיט און, נאָך א בהדרגהדיקן אָדער שלענגלענדיקן גאנג, קומען זיי אראָפּ צו דער שלוס-נאָטע.

און ענדלעך א דריטע קאטעגאָריע, וואָס הויבט זיך אָן פון אויבן, אויסקלינגענדיק דירעקט די טאָניקע, („אוי, אבראם“, נר. 53) אָדער נאָך דעם וואָס ס'האָט קודם אויסגע-קלונגען די פינפטע שטופע („א מיידל אין די יאָרן“, 48) און לאָזן זיך אראָפּ שטופנ-וויַיז, אָדער שלענגלענדיק צו דער שלוס-נאָטע, עווענטועל נאָך דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען אן אויבערשטע אָרנאמענטאציע, אן אויבערשט „קנייטשעלע“ (דוינע“ נר. 120).

ביי אייניקע לידער איז צו באמערקן א כסדרדיקע האלטונג ביי עטלעכע שטופן אין דער פאָרם פון א רעציטאטיוו („עלע-בעלע“ נר. 95).

ביי אנדערע לידער מיט א קליינעם אמביטוס, הויבט זיך אָן די מעלאָדיע מיט דער פינפטער שטופע און נידערט אראָפּ צו דער פינאַלע, ניט אויפשטייגנדיק אויף וויפל ס'נישט איז. („לייג איך מיר מיין קעפּעלע" נר. 63) אָדער נאָר נאָכדעם וואָס זי האָט עווענטועל באַנוצט אַן אויבערשטע בראָדעריע („די מעזינקע" נר. 65, „מיר זענען ניכטער" נר. 67).

א טייל לידער באקומען א באזונדערן כאראקטער, מיר קאָנען דאָס אָנרופן אַן אַלאַרמירנדיקן, דערמיט וואָס זיי הויבן זיך אָן טאקע מיט זייער העכסטער שטופע.

אין יידישן מוזיקאלישן פאָלקלאָר וועלן מיר געפונען נאָר א קליינע צאָל לידער, וועמענס מעלאָדישער קאָנטור זאָל זיין א שטייגנדיקער. כדי מיר זאָלן קאָנען רעדן פון אזא מין קאָנטור, באדארפן די לידער זיך ענדיקן ביי דער אויבערשטער אָקטאווע פונעם שלום=קלאנג. אזעלכע פאלן קומען פאָר — ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן — זייער זעלטן און געוויינלעך וועלן מיר זיי באגעגענען ביי יענע לידער וואָס שטייען אונטערן איינפלוס פונעם רוסישן פאָלקס=ליד. אמת, די פּראָפעסיאָנעלע זינגער האָבן צומאָל די נייגונג צו ענדיקן מיט די הויכע קלאנגען. זיי קומען צו דער הויכער נאָטע באנוצנדיק געוויסע „קונצן" דערמיט וואָס זיי ענדערן דעם סוף פונעם ליד אויף צוויי אופנים: אָדער זיי חזרן איבער די שלום=נאָטע ביי דער אויבערשטער אָקטאווע, נאָכדעם וואָס זי איז קודם געזונגען געוואָרן אונטן (צ. ב. „ביי דעם שטעטל", נר. 9) אָדער זיי ענדערן א צוויי=דריי נאָטן פון פאר דעם סוף פון ליד אויף אזא מין אופן, אז דאָס אינטאָנירן דעם פינאל אויף דער אויבערשטער אָקטאווע זאָל אויסקומען „פּרעפּארירט", „צוגעגרייט". זיי קומען צו דעם דאָזיקן הויכן קלאנג נאָר דורך א קווארטן=שפּרונג (סי^{1} — מי^{2}) אָדער דערמיט וואָס זיי באנוצן טאקע אזעלכע שטופן וואָס שטייגן איבער די אויבערשטע אָקטאווע פון דער שלום=נאָטע (פינאלע) (פא^{2} — מי^{2}, סי^{2} — מי^{2}, אָדער סאָל^{2} — מי^{2}).

די פּראָפעסיאָנעלע זינגער נוצן אויס די דאָזיקע מיטלען כדי צו דערגרייכן געוויסע „עפעקטן" און דאָס נאָר דעמלט ווען זיי פארמאָגן א באמערקנסווערטע שטימען=ברייט. די אנדערע פאָלקס=זינגער ענדיקן ניט אויף אזא אופן דאָס ליד, ווייל זיי האלטן נישט פון אזעלכע געקינצלטע עפעקטן.

*

פון די 137 ניגונים וואָס געפונען זיך אין דער דאָזיקער זאמלונג, (אין דער צאָל זענען אריינגערעכנט אויך זייערע וואריאנטן), 125 זענען אין טאָנלייטערן (גאמען) וואָס טראָגן א מינאָר= (מאָל=) כאראקטער, מיט דער שלום=נאָטע מי און 12 ניגונים זענען אין טאָן=לייטערן וואָס טראָגן א מאזשאָר= (דור=) כאראקטער, מיט דער שלום=נאָטע ס אָ ל.

אזוי ווי אלע לידער האָבן אלס שלום=נאָטע די ערשטע שטופע, קאָנען מיר זאָגן אז אין יידישן פאָלקס=ליד איז די דאָזיקע קאדענץ א ספּעציפישע. דאָך געפינט זיך אין דער דאָזיקער זאמלונג איין איינציקער אויסנאם: דאָס ליד „דריי גייטאָרנס" (115) וואָס האָט א ווארינאנט — דעם זעלבן אין אלע געדרוקטע אויסגאבן — מיט דער שלום=נאָטע אויף דער פינפטערשטופע. ווייטער, כמעט אלע לידער ענדיקן זיך מיט מי^{1}, אן אויסנאם זענען נאָר עטלעכע וואָס ענדיקן זיך מיט דער אויבערשטער אָקטאווע פון דער טאָניקא (מי^{2}), צוליב די נאָר וואָס דערמאָנטע סיבות.

*

העכער א דריטל פון די לידער וואָס געפונען זיך אין מינאָר=מאָדוס הויבן זיך אָן מיט דער ערשטער שטופע (מי^{1}), דערנאָך — לויט דער פרעקווענץ — קומען אין דער ריי: 36 לידער וואָס הויבן זיך אָן מיט דער פינפטער, נאָך וועלכער עס פאָלגט די ערשטע שטופע (סי — מי^{1}); פון די דאָזיקע ווערט אין 20 לידער אָנגערופן די פינפטע שטופע אין אויפטאקט און די ערשטע אויפן הארטן צייט=קלאפּ און ביי 16 לידער דערשיינט די פינפטע שטופע אויפן ערשטן צייט=קלאפּ, נאָך וועלכער עס פאָלגט די ערשטע שטופע. די דאָזיקע פאָרמולע בילדעט א כאראקטעריסטישן טיפּ פון אָנהויב ליד, וועלכן מיר וועלן נאָך באגעגענען אויך אין משך פון דער פאנאנדערוויקלונג פון דער מעלאָדיע. אין דער

עוואָלוציע פונעם אורשפּרינגלעכן מעלאָדישן מאָטיוו וואָס איז געבילדעט פון קוואַרטן־שריט, דערשיינט זי סיי אלס שכנישע שטופע, סיי אלס א גרעסערער אינטערוואַל, עווענ־טועל אלס א נאָטע וואָס געהערט צום ארפּעזש (דרייקלאַנג); אין אנדערע פאַלן ווערט אויפגעהיט די ערשטע שטופע.

15 לידער הייבן זיך אָן מיט דער פינפטער שטופע (סי[1]), אלס אויפטאַקט, אָדער אויפן ערשטן טאַקט־קלאַפּ און לאָזן זיך אין גאַנג סיי ארויף סיי אראָפּ.

11 לידער הויבן זיך אָן מיט דער דריטער שטופע (סאָל$_{1}$), 4 הויבן זיך אָן מיט דער אונטערטאָניקא (ר ע[1]) און צוויי לידער הויבן זיך אָן מיט מי [2] דאָס הייסט אויס־קלינגענדיק פון אָנהויב אָן די העכסטע נאָטע.

נאָר איין־און־איינציקן פאַל האָבן מיר באַגעגנט, ביי וועלכן דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט דער צווייטער שטופע (פאַ#). מיר וואָלטן עס אָבער גיכער פאַררעכנט אלס אן אַפּאָ־זשיאַטור צו דער דריטער שטופע, מחמת דער קלאַנג איז זייער א קורצוועדיקער (טאַנץ נר. 75).

ווייטער גיבן מיר איבער א טאַבעל מיט אלע אָנפאַנג־פאָרמולן צו די לידער פון דער דאָזיקער זאַמלונג.

1 2,5,6,7,8,10,18,21,22,23,25,26,29,30,32,33,41,43,44,46,47,49,52,56,58,59,73, 76,79,81,86,87,88,90,91,92,100,105,106,109*,110,111,122,124,127*,128,129,134,137, 139,141*,145.

2 3,12,27,28,33,35,36,63,64,65,67,83,84,99,133,141.

3 1,37,39,40,42,55,68*,74,82,101,113,114,119,136.

4  17,24,69,77,80,85,96,109,112,117,118,127,135.

120,121.

5 9,45,54,60,62,68,95,98.

 75.

6  16,61,78,104.

7  19,57,115,116.

48.

8  70,71,89,93.

9 13,14,15,97.

10  126,142.

11 53,94.

* מיט וואַריאַנטן וואָס געהערן אויך צו אנדערע אָנפאַנג־פאָרמולן.

אן עלעמענט וואָס שפּילט זייער א וויכטיקע ראָלע ביים פאָרשן די פאָלקס-נגינה איז דער ריטם.

די מהברים פון די פארשידענע זאמלונגען וואָס טראָגן א וויסנשאפטלעכן כאראקטער, האָבן א טבע אריינצודריגנען אין דאָזיקן קאפיטל, אָדער זיי שעפּן דאָס טאקע אוים, דערמיט וואָס זיי ברענגען א טאבעל וואָס נעמט ארום פון דער איינפאכסטער ביז צו דער קאָמ-פּליצירטעסטער ריטמישער פאָרמולע פון זייער זאמלונג.

אין אונדזער פאָלגנדיקער זאמלונג וועלן מיר אויך ברענגען א טאבעל, אָבער מיר וועלן זיך נישט נוהג זיין ווי די אנדערע, צוליב פארשידענע טעמים: ראשית — ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן — איז די צאָל לידער פון דער דאָזיקער זאמלונג צו א קליינע כדי צו באטראכטן אלס פולשטענדיק אזא מין טאבעל; וחשנית, קאָן נישט די שטרענגקייט, די האַרטקייט פון אזעלכן מיט קיין סך העלפן דעם ציל וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט.

מיר וואָלטן געוואָלט, פון דעם הויפן מיט ריטמישע פאָרמולן וואָס קומען פאָר אינעם יידישן פאָלקס-ניגון, אָנווייזן דערוויל נאָר דעם סינקאָפּירטן ריטם און מיר זאָגן אז אויב פון 137 ניגונים דערשיינט דער דאָזיקער ריטם אין 56, איז בלי ספק דאָ די רייד פון א טיפּישער פרעקווענץ.

דעם סינקאָפּירטן ריטם וועלן מיר אלזאָ באגעגענען אין אלע לידער-זשאנערן, אָנהויבנדיק מיט יענע וואָס טראָגן א רעציטאטיוון כאראקטער און ענדיקנדיק מיט יענע לידער אין טעמפּאָ דזשיוסטאָ, איזאָלירטע אָדער נאָכאנאנדיקע.

אָט וויאזוי עס קומען פאָר אינעם יידישן פאָלקס-ליד די סינקאָפּירטע פאָרמולעס, נעמענדיק אלס באזע די ניגונים פון דער פאָלגנדיקער זאמלונג.





★

וואָס נוגע די פון אונדז באַגעגנטע אינטערוואַלן, וועלן מיר אין דאָזיקן קאַפּיטל נישט אַנאַליזירן אַלע, נאָר מיר וועלן זיך אַביסל אָפּשטעלן ביי יענע וואָס א דאַנק זייער איבער־פלוס ציען זיי באַזונדערס צו אונדזער אויפמערקזאַמקייט און שטעלן מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקן שטריך פונעם יידישן פאָלקס־ניגון.

דעם פולקומענעם אָדער ריינעם קווארט־אינטערוואַל באַגעגנט מען זייער אָפט און ער קאָן דערשיינען אויף פאַרשידענע שטופן. די קווארט צווישן די שטופן (סי—מי^{1} אָדער סי^{1}—מי^{2}) דערשיינט זייער אָפט ביי די אָנהייב־פאָרמולען, ווו מיר האָבן דאָס שוין אָנגעוויזן. גאַנצע טעמעס, צוזאַמענגעשטעלטע פון די דאָזיקע צוויי שטופן, קאָנען מיר אַלזאָ באַגעגענען (צ. ב. „וויאַזוי לעבט דער קיסר“ נר. 101).

די קווארט סי—מי^{1} באַקומט גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער ווען מיר פאַרגלייכן זי מיט סי^{1}—מי^{2}. אין ערשטן פאַל סוגערירט זי — לויט אונדזער מיינונג — קראַפט, אַנטשלאָסנקייט און אין אַנדערן פאַל: פרייד און ליכטיקייט.



די קווארט צווישן די שטופן I—IV (מי¹ — לא¹) וועלן מיר זייער אָפט באגעגענען אין דער יידישער פאָלקס־נגינה. זי סוגערירט אונדז בענקשאפט, טרויער, וואָס כאראקטערי־זירט די פערטע שטופיקע הארמאָניע.



אויב מיר באַנעגענען דעם קוואַרט־שריט אויף דער פינפטער שטופע, אַזוי ווי גלייך ער וואָלט געווען אַ שפּילעכל אין די הענט פון די אינטערפּרעטן, אָדער טאַקע פון דורות פאָלקס־אינטערפּרעטן, אָנצייכענענדיק דערמיט אַן אומבאַשטענדיקייט, ווייל ער הענגט אָפּ נאָר פון זייערע וואָקאַלע מעגלעכקייטן, איז אָבער דערפאַר די קוואַרט וואָס איז געבויט אויף דער ערשטער שטופע, זייער אַ סטאַבילע. נאָך מער: דאָ מעגן מיר שוין באַהויפּטן אַז עס האַנדלט זיך אין יענעם פענאָמען פון שוץ, ווייל דאָ איז די רייד פון אַן אינטערוואַל וואָס איז דער קערן פון אַ גרויסער צאָל יידישע פאָלקס־לידער, אַ טייערער אינגרייניקסטער באַשטאַנדטייל וואָס איז זייער זאָרגעוודיק אויפגעהיט. דער דאָזיקער אינטערוואַל האָט אַ וואָגיק וואָרט אין יידישן ניגון, אין אונדזער פאָלקלאָר.

נאָך אַ באַווייז איז דער פאַקט, וואָס ביי אַ טייל מעלאָדיעס וואָס זענען געבויט אויף אַרפּעגישע פאָרמולעס, — אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך מיט אַ באַזונדערער פרעקווענץ ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן — קומט נישט פאָר קיין אַנדערער קלאַנג, (אַחוץ יענע וואָס שטעלן צוזאַמען דעם דריי־קלאַנג אויף דער ערשטער שטופע) ווי די לאַ (די פערטע שטופע). אַלס אילוסטראַציע דערצו, ברענגען מיר דאָס ליד „אַז איך וועל זאָגן לכה דודי (נר. 19).

אויך זענען אינטערעסאַנט די קוואַרט־אינטערוואַלן פונעם נאַטירלעכן מינאָר־מאָדוס צווישן די שטופן VII—IV (לאַ^{1}—רע^{2}) ווי אויך V—II (פאַ#^{1}—סי^{1}) וואָס דערמאָנען אונדז אין דער מאַזשאָר־פּאַראַלעלער טאָנאַרט אָדער די איבערמעסיקע קוואַרטע פון די גאַמען מיט דער דריטער שטופע געשטיגן (רע^{1} — סאָל#^{1}); אַביסל זעלטענער קומען פאָר די קוואַרטן צווישן די שטופן VI—III (סאָל^{1} — דאָ^{2}).

פון די ריינע קוואַרטן וואָס זענען באַשטאַנדטיילן און די אַרפּעגיעס איז דאָ איבעריק צו רעדן.

זייער זעלטן וועלן מיר טרעפן לידער אין וועלכע עס זאָלן נישט פאָרקומען, אין דערצו אין אַ גרויסער צאָל, די דאָזיקע קוואַרטן. מיר וואָלטן געמעגט זאָגן אַז דער יידישער מוזיקאַלישער פאָלקלאָר באַשטייט אין אַ גרויסער מאָס פון קוואַרטן.

איבער דעם ס ע ק ו נ ד־א י נ ט ע ר וו א ל וועלן מיר נישט קיין סאַך רעדן. דער פאָלגנ־דיקער טאַבעל מיט נאָענטע שטופיקע פאָרמולעס וועט דאָס נענוג בולט אילוסטרירן.







די איבערמעסיקע סעקונד-אינטערוואלן קומען פאָר אין א טייל כאראקטעריסטישע מאָדוסן וואָס זענען אייגנארטיק פארן ייִדישן פאַלקס-ניגון און נעמלעך צווישן די שטופן I—III, III—V אין VII—VII:





נאָך אן אינטערעסאנטער אינטערוואַל וואָס גיט א ספּעציפישן טעם דעם יידישן פאָלקס־ניגון איז די ריינע קווינטע, באזונדערס יענע וואָס שטייט אויף דער ערשטער שטופע (מי 1 — סי 1), ווי אויך אויף אנדערע שטופן. דער דאָזיקער אינטערוואַל ־ערשיינט אויך אויף סיי וואָס פאר אן אָרט אין משך פון דער מעלאָדיע.



די סעקסט־אינטערוואַלן, באזונדערס די קליינע, באגעגנט מען אין א קלענערער מאָס און אויף פארשידענע שטופן.



ווײַטער גיבן מיר דאָ פֿאַרשידענע כאַראַקטעריסטישע ריטמיש־מעלאָדישע פֿאָרמולעס וואָס זענען אַרויסגענומען פֿון די לידער פֿון דער דאָזיקער זאַמלונג.



★

דער פֿאָלגנדיקער טאַבעל גיט איבער די פֿרעקווענץ פֿון די לידער־אַמביטוסן וואָס קומען פֿאָר אין אונדזער זאַמלונג. אויך קאָנען מיר דאָ מער־ווייניקער זען די אַמביטוס־פֿרעקווענץ אין יידישן פֿאָלקס־ניגון בכלל, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אויף וויפֿל די דאָזיקע לידער רעפּרעזענטירן דאָס יידישע פֿאָלקס־ליד.

גרופּע	קווינטע	סעקסטע	סעפּטימע	אָקטאַווע	נאָנע	דעצימע	אונדעצימע	דואָדעצימע	סך־הכּל
א	—	3	4+1	9	6+1	1	2	—	25+2
ב	2	3	4	2	8+1	13	1	—	33+1
ג	—	—	4	5	6	7+1	4+1	2	28+2
ד	—	3	—	3+1	2+1	2	1	—	11+2
ה	—	—	—	3+1	6	2	6	—	17+1
ו	—	1+1	1	—	4+3	1	2	2	11+4
סך־הכּל	2	10+1	13+1	22+2	32+6	26+1	16+1	4	125+12

לויט ווי עס דרינגט ארויס פון דעם דאָזיקן טאַבעל, איז די פרעקווענץ א גרעסערע ביי די אָקטאַווע-, נאָנע- און דעציִמע-אמביטוסן. עס פאָלגט — לויט דער ריי — די אונדע-צימע-, סעפּטימע-, סעקסט-, דואָדעצימע- און— צום סוף — דער קווינט-אמביטוס.

אויך מוזן מיר דאָ אונטערשטרייכן, אז דער אמביטוס קאָן פארמינערט אָדער פאר-ברייטערט ווערן, לויט ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אלס פועל-יוצא פון די פארשידענע אינטערפּרעטאציעס. כדי צו אילוסטרירן די דאָזיקע באהויפּטונג, וועלן מיר ברענגען צוויי ביישפּילן. דאָס ליד: „אז מען פאָרט קיין סעוואַסטאָפּאָל“ (נר. 127) הויבט זיך אָן, לויט אלע געדרוקטע זאמלונגען, אזוי:



און אין די שבעל-פה ווערסיעס, הויבט זיך עס אָן אזוי:



אין זיין בוך „לידער מיט ניגונים“ הויבט אָן זעליג באַרדיטשעווער דאָס ליד „מלאָכה-מלוכה“ מיט דער דאָזיקער מעלאָדישער פאָרמולע:



און אין די אָראַלע ווערסיעס דערשיינט עס אונדז אזוי:



אויפן אָרט פון דער סי, מיט וועלכער עס הויבן זיך אָן חי ביידע אויבן דערמאָנטע לידער, דערשיינט די פאָלגנדיקע נאָטע (מי^{1}) און דאָס קומט נישט פאָר נאָר ביים אָנהויב פונעם ליד, נאָר אויך וויפל מאָל די דאָזיקע פאָרמולע חזרט זיך איבער אין משך פון דער מעלאָדיע. אויף אזא מין אופן — א דאַנק דער דאָזיקער ענדערונג — פארמינערט זיך דער אמביטוס פונעם ליד מיט א קווארטע. דער דאָזיקער פענאָמען קומט אונדז פאָר נאָך וויכ-טיקער, דערמיט וואָס די געדרוקטע, די אורשפּרינגלעכע פאָרמול — אויף וועלכער דער פאָלקס-אינטערפּרעטער פארציכטעט — איז, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, א כאראקטעריסטישע און האָט א באזונדערע פרעקווענץ אינעם יידישן פאָלקס-ליד.

וועלכע איז די סיבה פון דער דאָזיקער אמביטוס-פארמינערונג? מיר זענען זיך משער אז די דערקלערונג דערצו דאַרף מען זוכן ביי די וואָקאַלע מעגלעכקייטן פונעם רוב

פון די אינטערפרעטן, וועלכע האָבן נישט קיין גרויסע שטימען-ברייט, קיין גרויסן שטימען-רעגיסטער.

דער פאָלקס-אינטערפרעט — לויט ווי מיר האָבן געזען — פארציכטעט נישט אזוי לייכט אויף יענע מעלאָדיעס, וואָס ברענגען מיט זיך געזאנגס-שוועריקייטן, וואָס אנטהאלטן שווער אינטאָנירבארע פאָרמולעס. כל זמן זיי זענען נאָר שיין און נאָענט צום הארצן, גיט ער זיך אן עצה און איז גובר די דאָזיקע שוועריקייטן דערמיט וואָס ער פאסט צו דער באטרעפנדיקע מעלאָדיע צו זיינע באשיידענע וואָקאלע מעגלעכקייטן.

באטראכטן מיר גוט דעם מעלאָדישן גאנג פון די צוויי נאָר וואָס דערמאנטע לידער, זעען מיר ווי דאָס ערשטע גייט ארויף ביז צו דער רע ^{2} און דאָס אנדערע ביז צו דער מי ^{2}. אָבער נאָכדעם וואָס ער האָט געלאָזט הערן דיביידע הויכע טענער, ווערט אים — דעם פאָלקס-אינטערפרעט — נישט אזוי לייכט אויסקומען אראָפצוגיידערן ביז צו דער סי. אין אזא מין פאל ווערט ער פארציכטן אויף דעם דאָזיקן טיפן טאָן, שטעלנדיק אויף זיין אָרט א פאסיקערן. אין ביידע פאלן האָט דער אינטערפרעט פארביטן דעם סי מיט א מי ^{1} אויף אזא מין אופן איז א ליד מיט א דעצים-אמביטוס פארמינערט געוואָרן צו א סעפטים-אמביטוס און דאָס אנדערע — מיט אן אונדעצים-אמביטוס — איז פארמינערט געוואָרן צו אן אָקטאוו-אמביטוס.

ביי די לידער מיט א קליינעם אמביטוס (זעלבספארשטענדלעך טראנספּאָנירט צו א פאסיקער טאָנארט פונעם אינטערפרעט) ווערט בלייבן דער דאָזיקער אונטערשטער סי. נאָך מער: דאָרט ווי דער אמביטוס איז צי קליין, לויט זיינע וואָקאלע מעגלעכקייטן, ווערט דער אינטערפרעט אָפטמאָל פרוון אים פארברייטערן. אזוי דערקלערט זיך דער פאקט וואָס „עלע-בעלע" (נר. 95) דערשיינט אין דער אָריגינעלער ווערסיע באגרענעצט צווישן די טענער מי ^{1} — סי ^{1} און אין דער אָראלער ווערסיע דערשיינט א מי ^{2}, אויסברייטנדיק אזוי ארום דעם אמביטוס פון א קווינטע ביז צו אן אָקטאווע.

ביי די לידער „לייג איך מיר מיין קעפּעלע" (נר. 36) און „אלע ליולע" (נר. 12) איז אויך צו באמערקן די זעלבע אויסברייטונג פון א קווינט- צו אן אָקטאוו-אמביטוס.

דער פאקט וואָס דאָס אויסברייטן דעם אמביטוס דערשיינט ערשט ביים איבערחזרן פונעם מאָטיוו, אין דער פאָרם פון א וואריאציע, שטרעבנדיק — לויט ווי ס'ווייזט זיך ארויס — אויסצומיידן די מאָנאָטאָנישקייט, איז פאר אונדז נאָך א באווייז אז דער דאָזיקער פענאָמען, ד. ה. סיי אויסברייטן סיי פארמינערן, איז נישט קיין פשוטער צופאל.

די דאָזיקע דריי נאָר וואָס דערמאנטע ביישפּילן — צווישן א סך אנדערע — דערפירן אונדז צו דער איבערצייגונג, אז אלס יסוד פון דעם דאָזיקן פענאָמען, דינט אן עסטעטישער כלל, וועלכן די פאָלקס-אינטערפרעטן ווענדן אָן נאָר א דאנק זייער מוזיקאלישן חוש.

* * *

אין הסכם מיטן קאָנווענציאָנעלן פּרינציפּ לויט וועלכן מיר ברענגען די לידער אין דער דאָזיקער זאמלונג, שטעלן 125 פון זיי מיט זיך פאָר אייניקע כאראקטערן פונעם מינאָר-מאָדוס, טראנספּאָנירט ביי אונדז אין גאמען מיט דער שלוס-נאָטע מי און די איבעריקע צוועלף טראָגן כאראקטערן פון מאזשאָר-מאָדוס, מיט דער שלוס-נאָטע סאָל.

אזוי ווי פון אלע אונדזערע 137 מעלאָדיעס, האָבן נאָר 12 א מאזשאָר-מאָדוס-כאראקטער, קאָנען מיר זאָגן אז דער מינאָר-מאָדוס איז דער פאָרגעצויגענער אינעם יידישן מוזיקאלישן פאָלקלאָר.

לויט דער פרעקווענץ באגעגענען מיר דאָ פאָלגנדיקע גאמען:

דער נאטירלעכער מינאָר-מאָדוס (דער לא-מאָדוס):



דעם דאָזיקן מאָדוס באַגעגענען מיר אין 63 לידער צווישן וועלכע מיר האָבן אַריינ־גערעכנט יענע מיט א קווינט־אמביטוס ווי אויך די לידער ביי וועלכע די אויבערשטע קווארט (סי ^{1} — מי^{2}) איז א ליידיקע. דאָ זענען אויך אריינגערעכנט די לידער וועמענס שלוס־קאדענץ איז א פרינישע. דאָס ליד „לאָמיר ביידע" (נר. 44) אונטערשיידט זיך פון די אנדערע דערמיט וואָס אויך אין גאנג פון דער מעלאָדיע דערשיינט די דאָזיקע קאדענץ.

דער הארמאָנישער מינאָר־מאָדוס



נעמט ארום 27 לידער.

דער כראָמאטישער רע־מאָדוס מיט דער פערטער שטופע אלטערירט ארויף־צו



די לידער וואָס געהערן צו דעם דאָזיקן מאָדוס, טיילן זיך אין צוויי פארשידענע גרופעס: מיט דער פינאלע אויף דער צווייטער שטופע, מי — 25 לידער — און מיט דער פינאלע אויף דער ערשטער שטופע, רע — 9 לידער.

דער רע־מאָדוס



נאָר איין פאל (נר. 102 טיילוויז).

דער מעלאָדישער מינאָר־מאָדוס



אויך נאָר איין פאל (נר. 90)

די לידער וואָס טראָגן א כאראקטער פון מאזשאָר־מאָדוס זענען אָנגעשריבן אין דער געוויינטלעכער מאזשאָר טאָן־ליטער



ספעציפיש פאַר דעם יידישן פאָלקס־ליד איז אויך דער ס אָ ל־מ אָ ד ו ם

ווייל אין דער פאָלגנדיקער זאמלונג האָבן מיר קיין שום ליד וואָס זאָל געהערן צום דאָזיקן מאָדוס, וועלן מיר אילוסטרירן אונדזער באהויפּטונג, ציטירנדיק א זייער באקאנט פאָלקס־ליד: „א הונגל אין א קליין שטעטעלע" („די דריי בעלי־בתים") און מיר וועלן אָנווייזן אז עס דערשיינט די גרויסע סעקונדע: צווישן די שטופן 7 און 8 און נעמלעך ביים פערז: „האָט ער גערדאַוונט".

בכלל וועלן מיר טרעפן א קליינעם פּראָצענט לידער וועלכע זאָלן טראָגן א מאזשאָר־מאָדוס־כאראקטער, און דאָס באזונדערס צווישן די אלטע לידער.

ביי די לידער אין מאזשאָר־טאָנארטן, מיטן אויסנאַם פון די נייע מעלאָדיעס וועלכע מען האָט אויסגעבאָרגט ביי אנדערע פעלקער און וואָס ווערן געזונגען אין דער רעספּעקטיווער שפּראַך, אָדער איבערגעזעצט אויף יידיש, זענען אויך אָנצוטרעפן אייניקע ספּעציפישע שטריכן, אויף וועלכע מיר האָבן שוין איינמאָל אָנגעוויזן, ביי יענע אין די גאמעס מיט א מינאָר־כאראקטער און נעמלעך:

1. ריטמישע פאָרמולעס (בתוכם די סינקאָפּן);
2. מעלאָדישע פאָרמולעס (ארפּעזשן, קווארטן, רעציטאַטיוון א. א. וו.);
3. דאָס שטיין־בלייבן אויף דערזעלבער נאָטע (אָדער מיט קליינע אינפלעקסיעס אויף דער לענג פון ווייניקסטנס איין פערז);
4. אויסקלינגען דעם קווארט־אינטערוואַל אויף די שטופן 3 און 6, וואָס באַטייט דאָס זעלבע ווי די שטופן 5 און 1 פון דער מינאָר־פּאראלעלע (סי — מי, מי — לא).
5. אראָפּנידערן די זיבעטע שטופע— פאַ♮—פאַ♯— אין סאָל־מאָדוס (מיקסאָלידיש) בילדנדיק א גרויסן סעקונד־אינטערוואַל צווישן די שטופן זיבן און אכט — פאַ♮ — סאָל — און א קליינעם סעקונד־אינטערוואַל צווישן די שטופן זעקס און זיבן — מי — פאַ♮.

א באזונדערע קאטעגאָריע זענען די לידער וואָס באנוצן זיך פּ ע נ ט א ט אָ נ י ש ע ג א מ ע ס. דער דאָזיקער כאראקטער איז זייער א וויכטיקער אין דער אלטער יידישער נגינה.



ביי די מעלאָדיעס וואָס געפינען זיך אין מאזשאָר־מאָדוס, איז אָפּטמאָל צו באמערקן דאָס אראָפּנידערן פון דער טערץ און דאָס הייסט שוין צו דער אָמאָנימער (גלייכנעמיקער) מינאָר־טאָנארט, סיי אלס עפעקטיווע מאָדולאציע, סיי נאָר אלס אן אינפלעקסיע. (נר. 108).

אויך זענען דאָ אייניקע לידער וואָס הייבן זיך אָן אין מאזשאָר־מאָדוס געוויינטלעך אין אן אטמאָספערע פון א פּענטאטאָנישער טאָנליטעט, אָבער זיי האלטן נישט אויס ביז צום סוף פון דער מעלאָדיע; סיי ביי דער קאדענץ, סיי נאָך פריער מאָדולירן זיי אין דער רעלאַטיווער מינאָר־טאָנארט (צ. ב. נר. 50 און 51).

אן אינטערעסאנטן פאל ברענגט איינע פון די מעלאָדיעס אויף שלום עליכמס וויג־ליד און נעמלעך ביי יענעם אין מאזשאָר־מאָדוס (מיט דער שלוסנאָטע ס אָ ל). אָט אדאָ קומט אונטער א צעזור מיט וואָלגנדיקער פאָרמול:



דער אומבאַקאַנטער מחבר האָט אַריינגעשטעלט אין פולן מאַזשאָר־מאָדוס אַ טיפּישע מינאָר־פּאָרמולע, מיט אַן איבערמעסיקער סעקונדע, וואָס איז רעאַליזירט געוואָרן דורכן אַראָפּנידערן די דריטע און אויפהייבן די פערטע שטופע, שאַפנדיק אויף אַזאַ אופן אַן עכט ספּעציפישן קאָלאָריט מיט אַ באַזונדערן יידישן טעם, כדי תיכף נאָך דעם איבערצוגיין צוריק צו דער אָנפאַנגס־טאָנאַרט און בלייבן ביי איר ביז צום סוף פונעם ליד.

אויך פון אַ מאַזשאָר־מאָדוס־כאַראַקטער קאָנען מיר רעדן ביי אַ טייל לידער וואָס טראָגן אַ מינאָר־כאַראַקטער און ברענגען אַריין אַ באַזונדערן חן דורכן אויפהויבן די זעקסטע שטופע (פון ד אָ ווערט ד אָ ד י ע ז), ווי צ. ב. „חסיד“ פון „משיח'ס צייטן“ פון א. גאָלד־פאַדען (נר. 78) און אַנדערע.

נאָך אַן אינטערעסאַנטער פענאָמען ביי אַ טייל פון די יידישע פאָלקס־לידער זענען די טענער וואָס טראָגן אַ מאָדולירנדיקן כאַראַקטער.

אין ערשטע קאַטעגאָריע בילדן יענע לידער אין מינאָר־טאָנאַרט, ביי וועלכן ס'דער־שיינט צום סוף פון מאָטיוו אָדער פון דער פראַזע אַ טאָן מיט אַ דאָמינאַנט־פונקציע און וואָס זאָגט אָן דעם איבערגאַנג צו דער מאַזשאָר־פּאַראַלעלע פון דער אָנפאַנג־טאָנאַרט, למשל: „ס'לויפן, ס'יאָגן“ (נר. 26)

„דירה־געלט“ (נר. 98)



אין אַנדערע קאַטעגאָריע בילדן יענע מאַזשאָר־טאָנאַרטיקע מעלאָדיעס וואָס קומען צו דער מאַזשאָר־אונטערדאָמינאַנטע, דורך דעם וואָס זיי נידערן אַראָפּ די זיבעטע שטופע פון דער אָנפאַנגס־טאָנאַרט, צ. ב. „די חתונה“ (נר. 66)



די דריי אויבן דערמאַנטע ביישפּילן באַווייזן — לויט אונדזער מיינונג — אַן איינ־פלוס פון דער רוסישער פאָלקס־מוזיק. דער ריינער קוואַרטן־שפּרונג אויף דער ערשטער שטופע ווייזט דאָ אויס צו זיין דער פאַרגעצויגענער לגבי דעם קליינעם טערץ־אינטערוואַל.

אַ דריטע קאַטעגאָריע בילדן יענע מעלאָדיעס וועלכע האָבן מאָדולירט פון דער מינאָר־טאָנאַרט צו איר מאַזשאָר־פּאַראַלעלע און וועלכע קומען צוריק נאָכדעם וואָס זיי

האָבן עווענטועל קאָדענצירט אין דער לעצטער טאָנאַרט, צו דער אָנפאַנגס־טאָנאַרט דורך אן איבערגאַנגס־נאָטע.

צ. ב. „שא, שטיל!“ (נר. 90)



מיר מיינען אז דאָ איז די רייד פונעם איינפלוס פון דער געשולטער מוזיק.

די עטלעכע אויבנגעבראַכטע ביישפּילן באַווייזן אונדז וויאַזוי דער דרויסנדיקער איינ־פלוס פאַרגרעסערט די אויסדרוקס־מעגלעכקייטן און באַרייכערט די כאַראַקטעריסטיקן פונעם יידישן פאָלקס־ליד.

מיר דאַרפן נאָך דערמאָנען אַ ספּעציפישן פענאָמען וועלכער קומט פאָר, באַזונדערס ביי די פריילעכע פאָלקס־ניגונים, וואָס באַשטייט פון אַריינפירן קליינע אינטערמעצאָס אָדער צווישן־שפּילן, אַזעלכע איבערגאַנגס־פאָרמולעס וואָס קומען צו צו דער געוויינטלעכער רעגל־מעסיקער צאָל טאַקטן פון דער פראַזע אָדער פון דעם פעריאָד.



א טייל פון די דאָזיקע צווישן־שפּיל פאָרמולעס טראָגן אַ צוגרייטנדיקן כאַראַקטער; זיי דערשיינען אָדער נאָך איינמאָל אינעם ליד, לויט ווי עס דרינגט ארויס פון די אויבערשטע ביישפּילן, אָדער צוויי מאָל. אין דעם פאַל דערשיינען זיי דאָס צווייטע מאָל געענדערט לגבי דער ערשטער פאָרם (זי בילדעט דאָ אויס אַ קוואַרט־אינטערוואַל).



*

וואָס נוגע דער אינטערפּרעטאַציע מוזן מיר באַזונדערס אונטערשטרייכן אַ פאַקט, אַז די אינפאָרמאַטאָרן און באַזונדערס די ליבהאָבער פון די דאָזיקע לידער נעמען אַ גרויסן אָנטייל בשעת דעם זינגען; זיי אידענטיפיצירן זיך אַ סך מאָל מיט די העלדן וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פונעם באַקאַנטן און מערסטנטיילס אומבאַקאַנטן מחבר. זיי לעבן בוכשטעבלעך איבער די געזונגענע מאָמענטן.

א סך מאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען די דאָזיקע מענטשן, ווײַנענדיק בשעת זיי פֿלעגן זינגען אָדער אויסהערן א ליד און, ווישנדיק זיך די טרערן, אויסרופֿנדיק: „וויפֿל טרויער, אָדער וויפֿל לעבן עס ליגט אין דאָזיקן ליד", אָדער „עס האָט מיר אָפּגעקאָסט א שטיק לעבן, א שטיק געזונט".

די אַלע לידער דערמאָנען אונדז אין מענטשן וועלכע זענען אונדז ליב געווען, אין פֿאַרשידענע געשעענישן און דערפֿאַר בענקט מען נאָך א טייל פֿון די לידער, און אַנדערע ווילט זיך נישט אויסהערן דערפֿאַר ווײַל זיי דערמאָנען פֿאַרשידענע טרויעריקע מאָמענטן. נישט איינמאָל האָט זיך מיר געטראָפֿן מען זאָל מיר פֿאַרבאָטן צו זינגען אייניקע לידער, דערפֿאַר ווײַל זיי רירן אויף א טיפֿן, א גרויסן ווייטיק, פּונקט אַזוי ווי א סך מאָל האָט מען פֿון מיר געפֿאָדערט צו זינגען אָדער שפּילן — אָט די טרויעריקע לידער — טאַקע דערפֿאַר ווײַל אַמאָל ווײַל זיך דעם מענטשן איבערלעבן א מאָמענט פֿון מעלאַנכאָליע און טרויער, עס ווײַל זיך אים אַביסל וויינען...

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויך בײַ די לידער מיט א סאַטיריש־הומאָריסטישן כאַראַקטער. אויך דאָ איז די באַטייליקונג פֿון די וואָס זינגען די לידער אָדער וואָס קוויקן זיך מיט זיי נאָך אויסהערנדיק, זייער א רײַכע. ס'איז כדאַי צו באַמערקן וויאַזוי די פֿאָלקס־אינטערפּרעטן גיבן זיך די מי אונטערצושטרײַכן יעדע „פּוינטע", יעדעס שטעכווערטל. וואָס נוגע די טיש־לידער, וועלן מיר נישט מגזם זײַן אויב מיר וועלן באַהויפּטן אַז זייער אינטערפּרעטאַציע, דערגרייכט א סך מאָל באמת הויך קינסטלערישע מדרגות. מיר זענען זיך משער אַז דאָס נוסח באַקאַנטע ווערטל: „דער רבי האָט געהייסן פֿריילעך זײַן און נישט משוגע זײַן", וואָס ווערט היינט באַנוצט אויך בײַ אַנדערע געלעגנהייטן, נישט נאָר בײַ די שמחות, איז טאַקע אויפֿגעקומען כּדי מען זאָל נישט אַריבער געוויסע גרענעצן פֿון אמתער פֿרייד אָדער פֿון שיינקייט.

דאָס צוקלאַפּן מיט די הענט טאַקע בײַ טייל פֿון די מעלאָדיעס איז א כאַראַקטעריסטישע זאַך בײַ די שמחות. דאָס ווערט געטון פֿון אייניקע אויפֿן האַרטן צייט־קלאַפּ, בשעת די אַנדערע קלאַפּן אויפֿן קאָנטראַטימפּ, דעם ווייכן צייט־קלאַפּ.

נאָך אן אינטערעסאַנטע דערשיינונג איז צום באַמערקן בײַם דאָזיקן סאָרט לידער: אין מיטן דעם שוווּנג פֿון דער מעלאָדיע און נאָך אויף א פּאָר טאַקטן ווערט די באַוועגונג אַביסל איינגעהאַלטן, געוויינלעך אויף א צעזור, אַזוי אַז דאָס ליד קומט דאָ אַרוים אַביסל פּאַמעלעך (נר. 81, 82). דאָס איינהאַלטן אויף א ווײַלע דעם טעמפּ שאַפֿט א מאָמענט פֿון התלהבות, פֿון עכטער קינסטלערישער עמאָציע.

בײַ אַלע זשאַנרען לידער קומען פֿאָר א סך גליסאַנדאָס און מאָרדענטן („קנייטשעלעך", אַזוי ווי דאָס פֿאָלק פֿרוווט זיי אָנרופֿן מיט א „טעכניש" וואָרט), וועלכע די אינטערפּרעטן באַנוצן אַלס מיטל אונטערצושטרײַכן דעם טעקסט אָדער צו באַפּוצן די מעלאָדיע און צו פֿאַרגרעסערן — אויף דעם אופֿן — די אויסדרוקס־קראַפֿט. אַזוי אַרום קומט דאָס ליד אַרויס מער סוגעסטיוו און עס גיט בעסער איבער די סענטימענטן.

מיר קאָנען נישט רעדן פֿון אינטערפּרעטאַציע און נישט דערמאָנען די ראָל פֿון דער מימיק פֿון פּנים און פֿון דער דזשעסטיק. די הוויות, דער „מאַך" מיט ד הענט, א כאַראַקטעריסטישער פּענאָמען בײַ פֿאַרשידענע מינים אינטערפּרעטן.

*

צווישן טעקסט און מוזיק איז פֿאַראַן אן אמתע באַהעפֿטונג. די ביידע עלעמענטן זענען ווי צווייפֿגעוואַקסן און בילדן איין גוף מיט איין נשמה. בײַ א טייל לידער ווערן די מעלאָדיעס ממש אונטערגעהאַלטן פֿון דעם טעקסט און בײַ אַנדערע איז דער טעקסט אונטערגעוואָרפֿן אונטער דער מעלאָדיע.

באַטראַכטנדיק דאָס ערשטע ליד „ס'איז געווען אַמאָל א קליין יידעלע", זעען מיר אַז לויטן טעקסט איז דאָס א פּשוט לידעלע, געשאַפֿן געוואָרן סתם אַזוי צו פֿאַרווײַלן, צו אַמוזירן די קינדערלעך; אָבער אויף די פֿליגל פֿון געזאַנג באַקומט עס א באַזונדערן זין. ווי

סוגעסטיוו קלינגען נישט די ווערטער „א קליין יידעלע" ווען מען זינגט זיי? והשנית באקומט דאָס ליד אביסל א כאראקטער פון א וויג־ליד און דאָס — אדאנק דער ריטמישקייט, הגם איז גאנצן ליד קומט נישט פאָר דער זייער באקאנטער וויג־ליד עלעמענט: „שלאָף מיין קינד".

זייער אינטערעסאנט איז אויך דער פאקט וואָס ביים יידישן פאָלקס־ליד וועלן מיר זייער זעלטן געפונען איבערגעקערטע אקצענטן, דאָס הייסט אז די שוואכע צייט־מאָס פון דער מעלאָדיע זאָל פאלן אויפן הארטן טראף און דער שטארקער — אויפן שוואכן, אויפן נישט אקצענטירן טראף. דאָס ווערט אויסגעמיטן דורכן צושטעלן די אפאָגירטע נאָטן פאר דער הארטער (אקצענטירטער) צייט־מאָס און דורך א נאָטן־איינטיילונג דעמלט ווען עס קומען פאָר מערערע טראפן אויף א קלאנג: ווי אויך דורכן זינגען צוויי אָדער מערערע געבונדענע נאָטן (לעגאטאָ) דעמלט ווען מען דארף זינגען א טעקסט מיט ווייניקער טראפן. אויף א מעלאָדיע וואָס האָט שוין איינמאָל געדינט א געוויסער טראף־איינטיילונג. דאָס ווערט אויסגעמיטן דורך צושטעלן אפאָגיאטורן סיי צו דער רעספעקטיווער שטופע, סיי צו איר פאָריקער, אָדער אויף זייער ביידנס א צווישן־שטופע.

זייער פארשידן זענען די פערזן־קאָמבינאציעס.

מיר מוזן דערמאנען אויך יענע לידער וואָס אין זייער טעקסט דערשיינען אייניקע טראפן וועלכע ווייזן אויבנויפיק אויס אָן א באשטימטן זין. די דאָזיקע טראפן קאָנען ארומנעמען א מאָטיוו, א זאַץ, א רעפרען און זייער אָפט טאקע די גאנצע מעלאָדיע פון א ליד. נישט רעדנדיק פון אָט דער לעצטער קאטעגאָריע (אין וועלכער די גאנצע מעלאָדיע ווערט נישט געזונגען מיט אן אמתן טעקסט) איז דאָס דערשיינען פון די דאָזיקע טראפן געוויינטלעך א פעריאָדישע, נישט קוקנדיק אויף זייער צאָל אָדער גאָכאנאנדיקייט. קאָמבינירט אָדער אריינגעמישט אין טעקסטן, בילדן די דאָזיקע טראפן צוזאמען אָפטמאָל איינעם, אָדער מערערע רעפרענען, אין די ראמען פון דער זעלבער מעלאָדיע; אָפטמאָל בילדן זיי אויס אַן ערשטע אָדער א צווייטע טייל (דעם א אָדער דעם ב) פון א ליד. צ. ב. „גיי איך מיר שפאצירן" (נר. 30), „פרעגט די וועלט" (נר. 104), „דער פילאָזאָף" (נר. 105—106 א. א. וו.

דערמיט וואָס די דאָזיקע טראפן פארטרעטן די ווערטער פונעם טעקסט, זענען זיי אויך אונטערגעוואָרפן אונטער די כללים פון דער מעטריק. זיי גלידערן זיך אין אין גרופעס פון צו צוויי אָדער דריי, צווישן וועלכע אייניקע אקצענטירטע און אנדערע נישט־אקצענטירטע און בילדן צוזאמען די פון דער גריכישער טערמינאָלאָגיע באקאנטע מעטרען: טראָכיי, יאמב, ספאָנדיי, אמפיבראך, דאקטיל, אנאפעסט א. ד. גל. און ווערן צוגעפאסט צו די בינערע און טערנערע איינטיילונגען פון די טעמפים לויטן די מעלאָדישע אקצענטן.

אָנהויבנדיק מיטן פרעדאָנירן אויף די טראפן לא־לא־לא אָדער טרא־לא־לא, וועלכע קומען פאָר אויך א הויכן מאסשטאב אינעם פאָלקלאָר פון א סך פעלקער, ווי אויך אין דער קינסטלערישער מוזיק, וויטער פירנדיק מיט די אויסרופס־טראפן איי, אוי, ווי, היי, אהא, איז די גאמע פון די דאָזיקע טראפן זייער א רייכע אין יידישן פאָלקס־ליד.

מיר גיבן דאָ איבער נאָר עטלעכע פון די דאָזיקע טראפן:

ביי, בוי, בים, באם, באָם, דיי די, דו, דוי, פאם, פאָם; אָדער אזעלכע צוויי־טראפיקע ווי: בי־רי(ם), טשי־רי(ם), די־רי(ם), טי־דל, די־דל, לא־בא(ם), לאָ־באָ(ם), ראם־פאם, ראָם־פאָם, סטאָם־פאָם, סטאָם־באָם, טרא־די(ם), טרא־די(ם), טריי־ליי, טריי־לוי, טריי־ריי, א. א. וו.

לויט ווי עס ווייזט אויס שטרעבן אייניקע טראפן צו אימיטירן פארשידענע מוזיקאַלישע־שטרייך־און בלאָז־אינסטרומענטן, ווי אויך דעם שלאָג־אינסטרומענט. א דאנק די דאָזיקע טראפן קאָנען באשאפן ווערן אזעלכע קאָמבינאציעס, וואָס דערגרייכן אָפטמאָל די לענג פון א פערז.

דער דאָזיקער זשאנר פון אויסרוף און אָנאָמאטאָפעאישע טראפן — אחוץ די באקאנטע לא־לא־לא און טרא־לא־לא דערשיינט אין אונדזער ערשטער גרופע „קינדער־יאָרן" באזונדערס

ווי א פאָרמול ביים איינשלעפן די קינדער: א־לע, ליו־לע, ליו־ליו, ליו־לינקע, א. ד. גל., ביי די לירישע לידער וועלן מיר באגעגענען טראפן וואָס טראָגן אן אויסרופס־כאראקטער: אך, איי, אוי, ווײ, אָדער די געווײנטלעכע לאַ־לאַ־לא און טראַ־לאַ־לא.

פון די אלע טראפן איז פאראן א שפע באזונדערס אין די טיש־לידער און ביי די הומאָריסטישע און סאטירישע לידער ווו מיר קאָנען זיי באגעגענען סיי אין טעמפּאָ־דזשיוסטאָ־ סיי אין די רעציטאטיוו־לידער.

פון די מעלאָדיעס אָן ווערטער וואָס געהערן צו דער דאָזיקער קאטעגאָריע (פון נר. 74 ביז 85) געדענק איך נישט פינקטלעך דעם טעקסט און נאָר דעם טאנץ פון נר. 81 וועלכן איך האָב פארשריבן אזוי ווי ס'האָט אים געזונגען דער בארימטער שוישפּילער יוסף קאמען. מיר גיבן אים דאָ איבער כדי צו אילוסטרירן וויאזוי די דאָזיקע טראפן ווערן באנוצט אין יידישן ליד בכלל און אין חסידישן בפרט.

לויט ווי מיר זעען, העלפן זיי צום שאפן א געוויסע ספּעציפישע שטימונג. א דאנק די דאָזיקע טראפן גיט זיך אָפּטמאָל בעסער איין צו שאפן עמאָציאָנעלע מאָמענטן, ווי איידער צו זינגען דאָס גאנצע ליד נאָר מיט ווערטער וואָס האָבן א באשטימטן זין.

די דאָזיקע „ווערטער־פארבייטער“, ווי מיר וואָלטן זיי ריכטיקער אָנגערופן, באקומען פּאקטיש א באשטימטן אינהאלט דעמלט ווען זיי ווערן אינטערפּרעטירט אזוי ווי עס באדארף צו זיין און דעם שליסל דערצו האָט נאָר דער פאָלקס־אינטערפּרעט, ע ר וועט געבן די דאָזיקע טראפן דעם געהעריקן זין.

מיר וועלן גיין נאָך ווייטער און וועלן זאָגן אז דערזעלבער טראף — א דאנק דער פארשידנארטיקער אינטערפּרעטאציע וואָס ער באקומט — קאָן אויסדריקן פארשידענע און טאקע קעגנגעזעצטע אינהאלטן. מיר וועלן דאָס אילוסטרירן מיט צוויי ביישפּילן:

אינעם ליד „א בריוו צום ליאדער רבין“, וואָס איז זייער באקאנט, זינגט דער אינ־טערפּרעט אין דער ערשטער סטראָפע: „און די פּרנסה איז ביי מיר נישט אזוי א י י, א י י, א י י“, כדי ער זאָל אין דער אנדערער סטראָפע, אחוץ זעלבן מעלאָדישן מאָטיוו זאָגן: „און די פּרנסה איז ביי מיר שוין יאָ א י י, א י י, א י י“, ווו ס'האָט שוין א גאנץ אנדערן זין. דערזעלבער איי, איי, איי, קאָן ארויסרופן אין דער ערשטער סטראָפע א געפיל פון טרויער אָדער ווייטיק, און אין דער אנדערער סטראָפע זאָל ער קלינגען אָפּטימיסטיש און שאפן אן איינדרוק פון צופרידנקייט, פון דאנקבארקייט.

א צווייטן ביישפּיל וועלן מיר געבן מיט א ליד שוין אין רומענישער שפּראך וואָס איז אויפגעקומען אין די יאָרן 1942—1943 אין די דעטאשאמענטן פון צוואנגס־ארבעט פון בראַי־לער געגנט, ווו איך בין דעמלט געוועזן.

אָט וויאזוי דאָס קלינגט:



„ווייל יידן ארבעטאָרער זענען מיר,
אוי, ווײ, אוי, ווײ,
און מיר קעמפן (ארבעטן) ווי די לייבן,
אוי, ווײ, אוי, ווײ..“

וואָס געשעט דאָ?

די טראַפּן „אוי־ווי״ וויאַזוי מען האָט געזונגען, פּלעגן קומען אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ מיטן אינהאַלט פון טעקסט; דערמיט פּלעגן זיי שאַפן אַ טראַגיקאָמישן מאָמענט וואָס האָט זייער אַמוזירט די חברה פון יענעם לאַגער. די דאָזיקע טראַפּן וואָס פּלעגן פּאַלגן נאָך יעדן פּערז אָדער נאָך יעדער מעלאָדישער שורה, האָבן אַ דאַנק דער אינטערפּרעטאַציע בלומרשט געוואָלט זאָגן: „קינדערלעך, ווי צו אונדז מיט אונדזער אַרבעט״, אָדער: „האָט דען עמעצער פון אונדז חשק צו אַרבעטן פאַר זיי?

*

אויך איז צו באַמערקן ווי ביי אייניקע פון די שוין געדרוקטע ווי אויך ביי די נאָך נישט געדרוקטע לידער קומט פאָר אַזאַ מין וואַקלעניש צווישן דעם ליטעראַרישן און דעם גערעדטן דיאַלעקט. אָט צ. ב. דאָס ליד „ביי מיין מאַמען״ וואָס געפינט זיך אין דער 60־לידער זאַמלונג „זינג אַ ליד״ (זייט 31) פון אַלבערט ביטער, קאָן מען ביים טיטל, ווי אויך ביים ערשטן פּערז אונטער די נאָטן לייענען: „ב׳אַ מיין מאַמען״, בשעת אין טעקסט שטייט: „ב י י מיין מאַמען בין איך געווען״.

מיר זענען ביי דער מיינונג אַז די דאָזיקע וואַקלעניש אָדער — בעסער געזאָגט — דער געמיש פון דיאַלעקטן, איז נישט אויף אַזויפיל די אַרבעט פון די מחברים פון די זאַמלונגען ווי דער אויפטו פון די זינגער — פון די אינטערפּרעטן — וואָס אין משך פונעם זעלבן ליד קאָנען זיי זאָגן: איך, עך, אַך און אפשר יאַך׳ אָדער אינדזער און אונדזער, מיטער און מוטער, קייסער און קייזער. דאָס זעלבע וואָרט קאָן מען קודם הערן אין איין דיאַלעקט און דערנאָך, טאַקע אין דעם זעלבן ליד, אין אַן אַנדערן דיאַלעקט.

דעם דאָזיקן פענאָמען קאָן מען דערקלערן דערמיט וואָס אַ טייל אינטערפּרעטן — זייענדיק אונטערן איינפלוס פון די געלייענטע ביכער, אָדער פון דער שפּראַך וואָס זיי הערן אין טעאַטער, אָדער ביי אַנדערע געלעגנהייטן, — מישן אַזוי אויס די דיאַלעקטן אַז אין דעם זעלבן ליד קאָן פאָרקומען דאָס זעלבע וואָרט אויף פאַרשידענע אופנים.

*

דער יידישער פאָלקס־שעפער פלעגט נישט צופאַסן זיינע נייע טעקסטן אויסשליסלעך צו באַקאַנטע יידישע ניגונים. ער פלעגט זיך אָפטמאָל ווענדן אויך צום פאָלקלאָר־רעפּערטואַר פון די אַרומיקע פעלקער. די בדחנים אָדער מאַרשעליקעס, ווי אויך די כלי־זמר, וואָס פלעגן שפּילן און זינגען אין די פּריצישע הייף, פלעגן דאָרט אַריינפירן יידישע ניגונים און גלייכצייטיק זיך אָנעמען מיט נישט יידישע לידער און זיי אַריינברענגען אין דער יידישער פאָלקלאָר־סביבה.

אַזוי דערקלערט זיך אַ פאַקט וואָס אָפטמאָל איז שווער פעסטצושטעלן צי איז דאָס ליד קודם געווען אַ יידיש, אַ רומעניש, אַ רוסיש, אָדער אַן אונגאַריש. טיילמאָל אָבער קאָן מען לייכט פעסטשטעלן דעם שטאַם פון אַ ליד. צ. ב. די מעלאָדיע צו די לידער „קינדער־יאָרן״ מיט טעקסטן פון שמשון פערסט און מרדכי געבירטיג איז צו געפינען אין אונגאַרישן רעפּערטואַר אין דער פאָרם פון אַן אַלט ליד אין וועלכן עס האַנדלט זיך וועגן דער געזעגענונג איידער מען גייט צום מיליטער, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:



אַזוי איז אונדז באַקאַנט „דער קאַלעווער״ וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער סביבה אונגאַרישע ניגונים. נאָך עד היום קאָן מען הערן אין אַ געוויסער סביבה (איך

מיין פון די זעלבע יידן) ניגונים, וואָס ווערן גלייכצייטיק געזונגען אויף יידיש, העברעאיש און אונגאריש. א דאנק „דעם קאלעווער“ און מן הסתם נאָך אויך אנדערע, זינגען די זיבנבירגישע און מארמאָראָשער יידן — צווישן אנדערע — אויך לידער מיט אונגארישע ניגונים און טעקסטן.

קיפּניס דערציילט אין זיין זאמלונג „80 פאָלקס־לידער“ וועגן „דעם רימענעווער“ וויאזוי ער האָט אריינגעבראכט א פּוילישן ניגון צום שלוש־סעודות. דאָ זינגט זיך אויף פּויליש, אויף יידיש און עס פעלן אויך נישט די העברעאישע עלעמענטן.

אזוי ארום געפונען מיר אינעם יידישן פאָלקלאָר פארשידענע נישט־יידישע מאָטיוון: לעבן דעם 6/8 = אָדער 3/8 = טאקטישער האָרע, וואָס איז אונדז אזוי גוט באקאנט פון די רומענישע פאָלקס־טענץ, קאָנען מיר טרעפן ווי די דזשאמבאראלע ענלעכע ריטמישע באוועגונגען. לעבן דער רוסישער אָדער רומענישער ראָמאנצע קלינגט אוים די מאזורקא, די פּאָלקא, דער קאזאטשאָק א. ד. גל. און אלע איניינעם קומען באריינערן און אויפרישן דעם יידישן פאָלקלאָר.

מיר מוזן אָבער באטאָנען אז דער מוזיקער אויסבאָרג איז נישט געמאכט געוואָרן אויף א צופעליקן אופן. די געליגענע מאָטיוון האָבן קודם־כל געמוזט זיין — א דאנק זייערע אינטאָנאציעס — נאָענט צום יידישן פאָלקלאָר, און וויאזוי זיי זענען נאָר אָנגענומען געוואָרן, האָבן זיי באלד באקומען אן אנדערן אויסזען. דאָ קאָן מען שוין זאָגן אז דער נישט־יידישער מאָטיוו איז פאריידישט געוואָרן. חוץ מזה זענען טאקע ארויסגענומען געוואָרן פון די מוזיקע לידער געוויסע נישט־יידישע מעלאָדישע פאָרמולעס און אויף זייער פּלאץ האָט מען באלד אריינגעזעצט מער יידישע.

4. וואריאנטן

די גרויסע פארשפּרייטונג פונעם יידישן פאָלקס־ליד איבערן גאנצן ערד־קיילעך, ווי אויך די פארשידענע השפעות פון דעם פאָלקלאָר פון די פעלקער מיט וועלכע די יידן האָבן צוזאמענגעלעבט, האָבן גורם געווען א גרויסע צאָל וואריאנטן פון די לידער.

אויב מיר פאָרשן די זאמלונגען מיט יידישע פאָלקס־לידער, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין זייער א סך לענדער אין די לעצטע יאָרצענדליק, ווי אויך דעם חומר־שבעל־פּה, קאָנען מיר זיך שאפן א בילד פון דעם וואריאנטן־רייכטום פון אונדזערע לידער. אָפט איז אזא אומגעהויערער רייכקייט פון וואריאנטן וואָס זענען ענלעך צווישן זיך, אָדער זיי האָבן געמיינזאמע שטחים, איז אָפּטמאָל שווער אָדער טאקע אומעגלעך פעסטצושטעלן דעם איינגעזעסענעם טיפּוס פונעם ליד און וועלכער ס׳איז דער וואריאנט, ווייל מיר קאָנען זיי זייער לייכט פארבייטן. צ. ב. „א ייִנגעלע פון פּוילן“ וועלכעם מיר גיבן דאָ איבער אין פינף וואריאנטן (נר. 37—42).

אזוי איז אויך צו באמערקן די ענלעכקייט צווישן דעם וויג־ליד „אלע־ליולע“ (נר. 12) און דעם ליד „לייג איך מיר מיין קעפּעלע“ (נר. 63). די ענלעכקייט צווישן די מוזיקע לידער פירט אונדז צו דער השערה אז איין ליד האָט געבוירן דאָס אנדערע, כאָטש זיי זענען פארשפּרייט אין דער וועלט אלס צוויי פארשידענע לידער.

פארגלייכנדיק דעם פון פאָלקס־מויל געזאַמלטן מיט דעם פריער געדרוקטן מאַטעריאַל, האָב איך קודם כל באַמערקט ווי א טייל פון די לידער ווערן ביי אונדז געזונגען פונקט אַזוי ווי זיי זענען שוין אין פאַרשידענע זאַמלונגען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָדער מיט קליינע — כמעט נישט וויכטיקע ענדערונגען. והשנית האָבן מיר באַמערקט ווי א גרויסע צאָל לידער זענען פאַרשפּרייט אין פאַרשידענע פאָרמען, בשעת אין די געדרוקטע זאַמלונגען קומען זיי פאָר תמיד די זעלביקע, אָן שום ענדערונגען. דאָס איז אוודאי דערפאַר ווייל א סך פאָלקס־לידער זענען אַזוי פּינקטלעך רעפּראָדוצירט געוואָרן פון איין זאַמלונג אין דער אַנדערער (העכסטנס טראַנספאָנירט אין אן אַנדערער טאָנאַרט) טאַקע צוליב דעם אינטערעס וואָס זייער גרויסע פאַרשפּרייטונג האָט אַרויסגערופן, ווי אויך דערפאַר ווייל דאָס רוב פון די מחברים האָבן נישט געזאַמלט דירעקט פונעם פאָלקס־מויל.

א סך לידער־זאַמלונגען זענען דערשינען אָן די מוזיקאַלישע נאָטן, דאָס הייסט, די הוילע טעקסטן אָן דער נגינה. און דאָס איז געשען סיי ווייל די מחברים אַליין האָבן נישט געקענט קיין נאָטן, אָפּגעבנדיק דערפאַר זיך נאָר מיטן ליטעראַרישן טייל ד. ה. מיט די טעקסטן, סיי ווייל עס זענען נישט געווען קיין טעכנישע דרוק־מיטלען צו רעפּראָדוצירן די נאָטן.

דאָ דאַרף מען פירן א שמיקל קאַמף מיט יענער מאָדנער מענטאַליטעט וואָס מען באַגעגנט זייער אָפט ביי א טייל מענטשן, פון אָנעמען פאַר גילטיק נאָר דאָס וואָס איז געדרוקט געוואָרן און נישט אין אכט נעמען יענע וואַריאַנטן וואָס גייען אַרום מפּה אל פּה. נישט איינמאָל האָט זיך מיר געטראָפן אז די פון מיר פאָרגעלייגטע ווערסיעס פון א פאָלקס־ליד זאָלן נישט אָנגענומען ווערן, דערפאַר ווייל זיי זענען געווען אַנדערש ווי יענע שוין פון פריער באַקאַנטע, מיטן אַרגומענט: „וואָרט ווערטער זען וויאַזוי עס שטייט געדרוקט..."

זיך אַזוי צו באַגיין מיט פאָלקלאָר־ענינים איז געגליכן מיט שטעלן א מצבה דעם אָדער יענעם פאָלקס־ליד, בעת עס גייט נאָך אַרום, עס איז בויגיק און איז אונטערגעוואָרפן די פאַרקירצונגען, צוגאָבן און ווערט נאָך געשליפן — מיט איין וואָרט — ענדערונגען, מצד די דורות פאָלקס־אינטערפּרעטן, נישט וויסנדיק וואָספאַרא פאָרם עס וועט נאָך באַקומען אין משך פון דער צייט, ביז עס וועט פאַרשטיינערט ווערן. צוליב דעם טעם קאָנען מיר נישט איגנאָרירן די פונעם פאָלקס־מויל געקליבענע וואַריאַנטן, ווייל זיי אַנטפּלעקן פאַר אונדז פאַרשידענע און אינטערעסאַנטע אַספּעקטן פון דער לעבעדיקייט פונעם פאָלקס־ליד, וואָס קומען ניט פאָר אין רוב פון די געדרוקטע זאַמלונגען.

די ליבהאָבער פון די געדרוקטע פאָלקס־לידער פאַרגעסן — אָדער אפשר ווייסן זיי נישט — אז א פאָלקס־זינגער קאָן דאָס זעלבע ליד זינגען אַנדערש פון איינמאָל צום אַנדערן און, ווי געוויינטלעך, וועלן צוויי זינגער נישט זינגען גלייך דאָס זעלבע ליד. אַזוי אַרום וועט אוודאי און זיין א חילוק צווישן דעם געדרוקטן און צווישן דעם פון פאָלקס־מויל געקליבענעם ליד. דעם פאָלקס־זינגערס פאַנטעזיע איז פול גרעסער ווי איניקע שטעלן זיך פאָר און מיר באַגייען דעם גרעסטן פעלער דעמלט ווען מיר איגנאָרירן די גרויסע מעלה פון דעם דאָזיקן אינטערפּרעט — זיין שעפערישקייט.

א פאַרגלייך צווישן די געדרוקטע לידער און יענע וואָס כ'האָב זיי אַליין געזאַמלט ביי א מענגע פאָלקס־זינגער, וואָלט אַרויסגעבראַכט אינטערעסאַנטע און פאַרשידענע אונטער־שיידן וואָס נוגע די ריטמישע און מעלאָדישע פאָרמולעס קאַדענצן, אַמביטוסן, מאָדוסן, ווי אויך דער קאָנסטרוקציע פון די מעלאָדיעס.

ביים טעקסט קומען פאָר אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען, אָנהייבנדיק פון דער צאָל מערערע אָדער ווייניקערע טראַפן ביז צום אַראָפּנעמען אָדער צוגעבן גאַנצע סטראָפעס אָדער באַנוצן גאָר אַנדערע טעקסטן.

מיר וועלן געבן עטלעכעביישפּילן כדי צו אילוסטרירן די אויבנדערמאַנטע באַהויפּ־טונגען. קודם וועלן מיר לעבן דער געדרוקטער ווערסיע פון כמעט אַלע זאַמלונגען פונעם ליד „דער פילאָזאָף" (נר. 105) ברענגען א טראַנסקריפּציע לויט דער אינטערפּרעטאַציע פון זינגער ה. שטיינבערג אויף א גראַמאָפאָן־פּליטע. דאָ זעט מען דעם רייכטום פון עקספּרעסיוו־קייט און אָרנאַמענטאַציעס, ווי אויך די פריהייט וואָס דער אינטערפּרעט האָט זיך דערלויבט לגבי דער איינפאַכער נאָטאַציע פון די געדרוקטע זאַמלונגען (קיפּניס, רות רובין א. אנד.) א צווייטן ביישפּיל אילוסטרירט דאָס ליד „לאָמיר אַלע זינגען א זמרל" („די גנידים און די

קבצנים", נר. 107) וואָס בשעת אין די פאָלקלאָר-זאַמלונגען (קיפּנים „60 פאָלקס-לידער" א. אנד.) איז עס אין איין פאָרם נאָטירט געוואָרן און אויף דער גראַמאָפאָן-פּליטע, אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דעם באַקאַנטן זינגער מרדכי הערשמאַן, דערשיינט עס נאָר אין אַן אַנדערער פאָרם. אויך דאָ ברענגען מיר די פּלאַטן-טראַנסקריפּציע (נר. 108). ראשית קומען דאָ פאָר טעקסטן-ענדערונגען. דערנאָך איז ביי דער נגינה צו באַמערקן ווי בשעת אין דער געדרוקטער ווערסיע קומט פאָר דאָס ליד נאָר אין א מאַזשאָר-טאָנאַרט, קומט עס פאָר און דער ווערסיע אויף פּלאַטן, ביי דעם רעציטאַטיוון טייל (ביי דער סטראָפע) ביים אָנהויב פון דער ערשטער מעלאָדישער שורה, אין דער אָמאָנימער מינאָר-טאָנאַרט. א דאַנק דער דאָזיקער ענדערונג וואָס ברענגט אריין אויף א ווײַלע א טרויעריקע שטימונג, ווערט בעסער אילוס-טרירט דער טעקסט. אויך דאָ — פונקט ווי ביים „פּילאָזאָף" — קומען פאָר פאַרשידענע פרייהייטן מצד דעם אינטערפּרעט לגבי דער קאַלטקייט פון די געדרוקטע נאָטן.

דאָס ליד „א ייִנגעלע פון פּוילן" (נר. 37) איז געדרוקט געוואָרן אין א נאַטירלעכן מינאָר-מאָדוס. אמת, דאָס ליד ווערט אויך ביי אונדז געזונגען אזוי ווי עס איז געדרוקט געוואָרן, אָבער איך האָב באַגעגנט דאָס זעלבע ליד אויך אין א כראָמאַטישן מאָדוס מיט אַן איבערמעסיקן סעקונד-אינטערוואַל (נר. 39).

דאָס ליד „יאָך בין פאָן ליטאָ מיר" (נר. 57) ערשטער טייל אין 3/4-טאַקט פונקט ווי דאָס פאָריקע ליד, ווערט געזונגען אין צוויי פאַרשידענע טאָנאַרטן: די ערשטע — אין נאַטירלעכער מינאָר-טאָנאַרט האָב איך איבערגענומען ביי אַן אינפאָרמאַטאָר 17 יאָר אַלט, פון באָטאָשאַן אין 1944, וואָס האָט עס אויסגעלערנט ביי יאָסעלע לערנער, צוריק מיט יאָרן, אין שטעפאַנעשט און דעם אַנדערן וואַריאַנט, אין א מינאָר-מאָדוס, מיט אַן איבער-מעסיקן סעקונד-אינטערוואַל האָב איך איבערגענומען ביי שוישפּילערס אין 1946, אין בוקאַרעשט.

„אז מען פאָרט קיין סעוואַסטאָפּאָל" (נר. 127) איז אונדז באַקאַנט געוואָרן נאָכן 23-טן אויגוסט 1944, ווי אויך דורך די זאַמלונגען וואָס זענען דערשינען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באַפרייונג. אין דער געדרוקטער פאָרם קומט עס פאָר מיט אזא שלום-קאַדענץ:



טרעפט זיך אָבער אַז אין דער פאָלקס-אינטערפּרעטאַציע קומט פאָר די שלום-קאַדענץ געענדערט, — א פריגישע:



דאָס נעמלעכע טרעפט זיך מיט אַן עלטער פאָלקס-ליד ב ו ל ב ע ס. דאָס דאָזיקע ליד איז זייער באַליבט ביי אונדזערע ייִדן און ווערט געזונגען אין פאַרשידענע וואַריאַנטן וואָס האָבן אַן ענלעכקייט מיט יענעם וואָס געפינט זיך אין רות ראובינס זאַמלונג (נר. 96).

פּלוצעם קומט צו גיין אַן אינפאָרמאַטאָר פון 73 י אָ ר, פון באָטאָשאַן און זינגט אונדז א וואַריאַנט פון דאָזיקן ליד (נר. 97), וואָס פאַרדינט א באַזונדערע אויפ-מערזאַמקייט.

קודם האַלט ער אַז דאָס ליד האָט נישט מער ווי איין סטראָפע.

פאַרגלייכן מיר ביידע וואַריאַנטן פונעם מוזיקאַלישן שטאַנדפּונקט, זעען מיר ווי דער ערשטער — דער שוין פאַרעפנטלעכער — איז דורכאויס אין א נאַטירלעכן מינאָר (עאָלישן) מאָדוס פון אָנהויב ביז צום סוף, אויף אַן אונדעצים-אמביטוס און דער אַנדערער דער פון אונדז נאָר וואָס פאַרצייכנטער, איז אין א מינאָר-מיט אונטערטאָן-מאָדוס

(דאָריש), אויף נאָך א טעקסט=אמביטוס. און ווייטער, בשעת דער מער באקאנטער וואַ=ריאַנט הויבט זיך אָן מיט א קווארט=אינטערוואַל (דאָמינאנטע=טאָניקא)



ווערט ביים אנדערן וואַריאַנט דער דאָזיקער פארמינערט אין דער פאָרם פון א סעקונד=אינ=טערוואַל (אונטערטאָניקא=טאָניקא)



דער ערשטער וואַריאַנט איז פארשריבן אין אן אַלעגרעטאָ = און דער אנדערער גייט אין אן „אנדאַנטע=באוועגונג.

ס'איז אויך כאראקטעריסטיש דאָס וואָס ביים ערשטן — ביים מער באקאנטן — וואַ=ריאַנט חזרט זיך איבער דער ערשטער טאקט נאָך איינמאָל און גייט שוין דערנאָך אריבער צום צווייטן מאָטיוו:

בשעת ביים אנדערן וואַריאַנט ווערט דער ערשטער טאקט נאָך דריי מאָל איבער=געחזרט (סך=הכל פיר מאָל געזונגען) אריינברענגענדיק א גרעסערע מאָנאָטאָניע, אילוס=טרירנדיק אויף דעם אופן נאָך בעסער דעם טעקסט („זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס, דינסטיק בולבעס, מיטוואָך בולבעס") און ערשט דערנאָך ווערט אריינגעפירט דער נייער מאָטיוו



וואָס ווערט איבערגעחזרט אין דער צווייטער העלפט דיוויזירט (אונטערן איינפלוס פונעם טעקסט), און גרייט צו די שלוס=קאַדענץ אראָפּנידערנדיק קודם די צווייטע שטופע (פא♮),



פירט צו ווייטער צו א קווארט=אינטערוואַל און — ווי אן איבערראשונג — א נאָך ביז אצינד אין ליד נישט באגעגנטן איבערמעסיקן סעקונד=אינטערוואַל:



ס'איז כדאי צו באַמערקן די שפּאַרזאַמקייט און די מייסטערשאַפט מיט וועלכער דער אַנאָנימער קינסטלער האָט אויסגעפירט דעם מעלאָדישן גאַנג און דאָס אַלץ נאָר אויף זעקס נאָטן (רע-לאַ).

נאָך אַ באַזונדערע מעלה פון דאָזיקן וואַריאַנט איז, וואָס אַ דאַנק זיין מעלאָדישער סטרוק-טור האָבן מיר דאָ מערערע האַרמאָנישע מעגלעכקייטן; אויף וויפל עס איז מאָנאָטאָן ביים אָנהויב, ווערט עס אַלץ מער און מער אינטערעסאַנטער צום סוף. אַזוי אַרום קאָנען מיר באַהויפּטן אַז דער פריש אַנטדעקטער וואַריאַנט איז עלטער. אמת, דער ערשטער וואַריאַנט איז ליכטיקער, מער דורכזיכטיק, יונגלעכער און שאַפט אפשר אַ מער אָפּטי-מיסטישע שטימונג; דערפאַר טראָגט אָבער אַריין דער צווייטער וואַריאַנט אַ **באַזונדערן** פּאַרפום, פונעם אַלטן ליד. אויב אין דעם ערשטן וואַריאַנט הערן מיר די מאַמעס און אפשר די זיידעס ווי זיי זינגען ב ו ל ב ע ס הערן מיר אין דעם אַנדערן שוין אונדזערע זיידעס און עלטער-זיידעס.

און ווייטער, רעדנדיק וועגן די געדרוקטע און נישט געדרוקטע לידער — בעסער געזאָגט — וועגן דער נישט גילטיקייט פון די נישט געדרוקטע לידער, לאָמיר באַטראַכטן די מוזיק צו די „דריי נייטאָרינס" פון י. ל. פּרץ. בשעת אין די פאַרעפנטלעכטע זאַמלונגען (אַלבערט ביטערס זעכציק לידער-זאַמלונג „זינג אַ ליד", ווי אויך אין וואַרשעווער „אונדזער געזאַנג") איז דאָס פאַרצייכנט געוואָרן אין צוויי פּערטל טאַקט (נר. 115) און אין אַלע ווערסיעס וואָס ווערן ביי אונדז געזונגען פון פאַרשידענע זינגער פון אַלע עקן לאַנד, האָב איך עס באַגעגנט נאָר אין נ י י ן א כ ט ל ט א ק ט (נר. 116). דאָס איז שוין אַ גרויסער אונטער-שייד. נאָך האָב איך באַגעגנט אַ וואַריאַנט פון דאָזיקן ליד (אויך אין 9/8 טאַקט) וואָס איז אינטערעסאַנט דערמיט וואָס נאָך יעדער סטראָפע באַקומט עס אַ צוגאָב אין דער פאָרם פון אַזאַ מין קליינער „קאָדאַ":



מיר מיינען אַז דער דאָזיקער צוגאָב קומט באַפרידיקן יענע פאָלקס-אינטערפּרעטן, וואָס האָבן דעם איינדרוק אַז דאָס ליד איז נישט פאַרענדיקט דערמיט ווען די לעצטע נאָטע איז די דאָמינאַנטע און נישט די טאָניקע.

און אַצינד אַ ביישפּיל ביי וועלכן דער נייער מאָטיוו קומט צו אַלס צוגאָב צום אָנפאַנג פונעם ליד, אין דער פאָרם פון אַ סטראָפע מיט אַ נייעם טעקסט און מיט אַ נייעם מעלאָדישן מאָטיוו: דאָס ליד „מחותנתטע מיינע" (נר. 87).

אַ נאָך בולטער ביישפּיל פון ענדערן דעם פּרצוף, ברענגט אונדז דאָס ליד „אָט אַזוי נייט אַ שניידער". דאָס דאָזיקע ליד וואָס שפּיגלט אָפּ אויף אַ וויציקן אופן דאָס אַמאָליקע ביטערע לעבן פונעם יידישן בעל-מלאָכה, וואָס

„נייט און נייט אַ גאַנצע וואָך
און פאַרדינט אַ פינעווער מיט אַ לאָך"

אָדער וואָס

„שטעפּט און שטעפּט און שטעפּט
און נישט ער שטאַרבט און נישט ער לעבט".

דאָס ליד איז זייער באַליבט און פאַרשפּרייט צווישן די פאָלקס-מאַסן און איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ סך פון די זאַמלונגען (נר. 117). נאָר, נאָכדעם וואָס מיר באַגעגענען עס אין דער סאָוועטישער זאַמלונג $\frac{1MF}{No.\ 26}$ אַלס שטרייק-ליד מיט אַזעלכע פערזן ווי:

„פּאַראַיאָרן נישט היינט געדאַכט
האָבן מיר געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט
אונדזער סטוטשקאַ האָט אָנגעמאַכט
מיר אַרבעטן שוין מער נישט פון אַכט ביז אַכט".

געפונען מיר עס איצט — דאָס זעלבע ליד — אין דער פאָרם פון א לויבגעזאַנג אויף דעם נייעם לעבן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך דער באפרייונג. אָט א סטראָפע פון דעם דאָזיקן נייעם וואריאנט (נר. 118):

„א שניידער איז געווען א פלעק
אמאָל אין פריערדיקע טעג,
נאָר יענע טעג, נישטאָ זיי מער,
צעהאקט האָט זיי דעם שניידערס שער".

און די דערקלערונג סיי פארן דאָזיקן ליד, סיי פאר דעם אלגעמיינעם פראָצעס פון ענדערונגען געפונען מיר אין טעקסט פון נאָר וואָס דערמאנטן ליד גופא:

„אנדערש קלינגט דאָס אלטע ליד
ווען דאָס לעבן וואקסט און בליט"

און עטוואָס ווייטער:

„נאָך א ניי און נאָך א שטאָך
ווערט זיין די שונאים ווי און אָך!".

אָבער אין דער מעלאָדיע קומען אויך פאָר ענדערונגען פון וועלכע מיר וועלן אָנווייזן בלויז איינציקע: בשעת די צווייטע פראזע מיטן אלטן טעקסט ענדיקט זיך אזוי:



האלטנדיק די מעלאָדיע אין די ראמען פון אן אָקטאַוו-אמביטוס, קלינגט דער נייער וואריאנט, מיטן נייעם טעקסט שוין גאָר אנדערש:



א דאנק דער ניי צוגעקומענער קוואַרט, פארברייטערט זיך דער אמביטוס פון אן אָקטאַוו — ווי ער איז פריער געווען — צו אן אונדעצים נאָך וועלכן עס פאָלגט די שלום-קאַדענץ. אויף אזא אופן באקומט דער סוף א ליכטיקערע פארב און וועקט ביי אונדז דעם איינדרוק פון מער אנטשלאָסנקייט און גלייכצייטיק מער צופרידנקייט. נאָך מער, וואָס נוגע דער נייקייט, די מעלאָדיע ווערט באַרייכערט דערמיט וואָס זי באקומט א נייעם מאָטיוו איבער וועלכן אונדזער אינפאָרמאַטאָר, א שושפילער, זאָגט אונדז: „דאָס האָב איך צוגעגעבן ווייל כ'האָב געפילט פאר נויטיק נאָך עפּעס צו זאָגן. דאָס ליד איז געווען צו אָרעם, צו קליין."
און מיט אָט דעם צוגאָב איז ער שוין צופרידן.

*

אינעם לעבן פונעם פאָלקס-ליד קומט אויך פאָר א באזונדערס אינטערעסאנטער פענאָמען וואָס שטייט העכער פון די וואריאנטן אלס אזעלכע: עס האנדלט זיך וועגן די פארשידענע מעלאָדיעס אויף דעם זעלבן טעקסט, און פארקערט, פארשידענע טעקסטן אויף דער זעלבער מעלאָדיע.

ס'איז א באוווּסטער פאקט אז א מעלאָדיע־שעפער נעמט ארום מיטן פאסיקן מעלאָדישן לבוש נאָר יענע לידער (יענע טעקסטן) וואָס געפונען אָן אָפּקלאַנג אין זיין נשמה, אין זיין הארץ. און ווען דאָס דאַזיקע ליד איספּרעסיאָנירט מערערע קונסט־שעפער, וועלן זיי אומאָפּהענגיק איינער פון דעם אנדערן דאָס ארומהילן א יעדער באזונדער מיט אן אנדערער מעלאָדיע. וואָס ס'האָט אָבער נאָך מער מיטגעווירקט צום דערשיינען פון פארשידענע מעלאָדיעס צו איין און דעמזעלבן טעקסט, איז געווען דער פאקט וואָס דער טעקסט איז פארעפנטלעכט געוואָרן אָן דער נגינה. די השערה אז ס'איז שוין איינמאָל צוגעפּאסט געוואָרן א מעלאָדיע צו דעם אָדער יענעם טעקסט, האָט מיט גאָרנישט געשטערט דעם שעפערישן דראנג פון א מחבר פון א נייער מעלאָדיע, סיי וואָס ער זאָל נישט געווען זיין: א קאָמפּאָניסט צי א פּשוטער פאָלקס־מעלאָדיסט. איך וועל מיך מודה זיין אז עס האָט זיך מיר אליין געטראָפן — און נישט נאָר איינמאָל — איך זאָל באגעגענען אזעלכע טעקסטן, פון וועלכע איך האָב בלי ספק געוווּסט אז זיי גייען שוין לאנג ארום אָנגעטון אין זייערע מעלאָדישע מלבושים. אָבער, נישט קענענדיק זייער נגינה (דערפאר ווייל זי איז נישט געווען פארצייכנט צוזאמען מיט די טעקסטן) האָב איך צו זיי אָנגעשריבן אנדערע נייע.

איך וועל געבן נאָר איין ביישפּיל: נאָכן 23־סטן אויגוסט 1944 איז מיר אריינגעפאלן אין די הענט די זאמלונג „פאָלקס־לידער פון דער פאָטער־לענדישער מלחמה" פון ש. קופּער־שמיד, (פארלאג „דער אמת" מאָסקווע 1944) מיט 21 טעקסטן אָן די ניגונים; האָב איך אויך אָנגעשריבן צו עטלעכע פון זיי די מוזיק. פון די דאָזיקע האָט דאָס ליד „יידן, רוסן, אוקראַינער" געהאט א באזונדערן דערפאָלג. אין באָטאָשאַן, ווו איך האָב דעמלט געוווינט, האָבן עס געזונגען די שול־קינדער, די יונגט און אויך די יידישע ארבעטער. מיט א יאָר שפּעטער האָט עס מיר פאָרגעזונגען אין בוקארעשט א חברטע, נישט קענענדיק, — פארשטייט זיך — דעם מחבר פון דער מוזיק...

מיר זענען ביי דער מיינונג אז וואָס פריער א ליד וואָלט פארעפנטלעכט געוואָרן צוזאמען מיט דער נגינה, אלץ וויניקער מעלאָדיעס וואָלטן שפּעטער דערשינען דערצו.

מיר דארפן אויך נישט פארגעסן אז עס זענען דאָ אזעלכע לידער (טעקסטן) וואָס א דאנק זייער אינהאלט, זייער שיינער פאָרם און זייער טעכנישער קאָנסטרוקציע (ריטמיק, סטראָפעס, א. ד. גל.) איספּרעסיאָנירן זיי פונעם ערשטן בליק און בעטן זיך צו א מעלאָדיע, צו א ניגון. דאָס זענען טעקסטן וואָס קאָנען נישט לעבן, וואָס קאָנען נישט זיין אָן מוזיק. זיי בעטן זיך צו די טענער, זיי ווילן מען זאָל זיי אויסזינגען און נישט נאָר לייענען, דעקלאַמירן... איז דעמלט, וואָס דו זאָלסט נישט זיין, א געשולטער קאָמפּאָניסט אָדער א פּשוטער שאפער פונעם פאָלק, וועסטו זיך צוכאפּן צו דער ארבעט און נישט ארויסלאָזן דעם טעקסט פון האנט ביז ער וועט נישט באקומען א ניגון, *ביז דער טעקסט וועט נישט פארוואנדלט ווערן אין א געזאנג.*

עס קומט אָבער אָפט מאָל פאָר אז די מעלאָדיע זאָל נישט באפרידיקן דעם אָדער יענעם בעל־נגינה און ער האלט אז ער וואָלט געקאָנט שאפן א בעסערע מוזיק. דאָס איז נאָך א סיבה, א דאנק וועלכער עס קאָן אמאָל צוקומען נאָך א מעלאָדיע צו א טעקסט.

(זע ביים אינדעקס די לידער: נר. 128 $\left(\frac{ZL}{15(II)\,8}\right)$ און נר. 136 $\left(\frac{ZMM}{82}\right)$.)

צו שלום עליכם'ס וויג־ליד ברענגען מיר פיר פארשידענע מעלאָדיעס (נר. 20—24) אלע געזאמלט ביי אונדז. פון די אלע איז אונדז באקאנט דער מחבר נאָך פון איינער: לויט דער זאמלונג TJF איז דער מחבר דוד קאָוואנאָווסקי (נר. 20) און ס'איז גאנץ מעגלעך מען זאָל נאָך האָבן צוגעטראכט אָדער געשריבן אויך אנדערע מעלאָדיעס צו דעם זעלבן ליד.

צום ליד „ביי דעם שטעטל" וואָס איז באקאנט געוואָרן דורך מערערע זאמלונגען אויף א מעלאָדיע וואָס גייט אין 2/4־טאקט (נר. 9) האָב איך צוגעבראכט נאָך א מעלאָדיע וואָס איז ביי אונדז זייער באקאנט און וואָס ווערט געזונגען אין 3/4־טאקט מיט א ריטם וואָס איז זייער ענלעך צו די „דזשאמפּאראלע" וועלכן מיר באגעגענען זייער אָפט אין רומענישן און באזונדערס אין טערקיש־בולגארישן פאָלקלאָר. דער דאָזיקער ריטם איז אונדז אָבער גוט באקאנט אויך פון די חסידישע טענץ, פונעם ליד „ס'האָט זיך מיר די זיפּ צעזיפּט" און אנדערע, צווישן וועלכע דער פּורים־טאנץ „א ברוגזל".

עס קומט אויך פאָר אז צו דער זעלבער מעלאָדיע זאָלן געשאפן ווערן מערערע טעקסטן, וואָס א טייל פון זיי היטן אויף דיזעלבע — און א טייל אן אנדערע — טעמאטיק.

כדי צו אילוסטרירן דעם ערשטן פאל, דאָס הייסט צוויי טעקסטן מיט דער זעלבער מוזיק, וועלן מיר ברענגען אלס ביישפיל דאָס ליד „קינדער־יאָרן“ (נר. 3 און 4). צו דער זעלבער מעלאָדיע און אונטער דעם זעלבן טיטל האָבן אָנגעשריבן זייערע קינדער־זכרונות צוויי מחברים, וועמענס לידער ווערן היינט פארעכנט אלס פאָלקס־לידער. דאָס זענען מרדכי געבירטיג און שמשון פערסט. זייערע נעמען, באגלייך מיט זייערע לידער, זענען היינט באקאנט אין דער גאנצער יידישער וועלט. איך האָב באזונדערס געהאלטן ארייננצוברענגען די לידער פון דיביידע מחברים פון וועלכע דער ערשטער איז אומגעקומען אין פאשיסטישן לאגער און דער אנדערער לעבט אין בוקארעשט. שמשון פערסט, באגייסטערט פונעם הויפט־געדאנק פונעם דאָזיקן ליד האָט נאָכגעפאָלגט געבירטיגן און האָט אויך באזונגען זיינע קינדער־יאָרן. דאָס וואָס די טעקסטן זענען געשריבן געוואָרן לויטן סטיל וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר יעדן איינעם פון די מחברים, האָט אָבער נישט געשטערט דעם אמעריקאנער פובליציסט — זילבערצווייג — צו באשולדיקן פערסטן אז ער האָט פלאגירט געבירטיגן, כאָטש פערסט האָט פארעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ פון יאָר 1932, זיין טעקסט מיט דער באמערקונג: „צו זינגען לויט געבירטיגס קינדער־אָרן“.

ווייטער־פירנדיק די בייַשפילן פון מערערע טעקסטן צו דער זעלבער מעלאָדיע, וועלן מיר ברענגען דאָס „ליד פון בוג“ נר. 138 וואָס איז געזאמלט געוואָרן ביי די יידן וועלכע זענען צוריקגעקומען פון די לאגערס. דער מחבר האָט געשאפן דאָס דאָזיקע ליד צו דער מעלאָדיע פון א. ד. נאָמבערגס רעוואָלאָציאָנערן וויג־ליד, ארייַנטראָגנדיק עלעמענטן פון שוין באקאנטן ליד (נר. 26).

נאָך אזא מין בייַשפיל איז דאָס חתונה־ליד (נר. 66) וואָס דערשיינט שפּעטער מיט א נייעם טעקסט (נר. 143) אין וועלכן עס ווערט באזונגען דאָס אָנקומען פון דער סאָוועטישער באפרייונגס־ארמיי. אין ביידע נאָר וואָס דערמאנטע פאלן האָבן די מחברים פון די נייע לידער באנוצט עלעמענטן פון די אלטע לידער פון וועלכע זיי האָבן זיך אינספּירירט.

נאָך א בייַשפּיל פון א מעלאָדיע וואָס גייט ארום מיט צוויי פארשידענע טעקסטן, איז דאָס געטאָ־ליד „רבקה־לע די שבתדיקע“ (נר. 137) וועמענס מעלאָדיע איז שוין פריער באקאנט געוועזן דורך דעם ליד „קעגן גאָלד פון זון“ (נר. 124).

אויב אין די פאָריקע בייַשפּילן האָט זיך געהאנדלט וועגן צוויי טעקסטן וועלכע די מעלאָדיע האָט איינגעקריצט כמעט דעם זעלבן אידעישן אינהאלט, שאפנדיק די זעלבע, אָדער כמעט די זעלבע שטימונג — די זעלבע אטמאָספערע פון ליידן, אונטערשיידנדיק זיך נאָר דורך די עלעמענטן וואָס מערקן אָפּ תקופות — די תקופות אין וועלכער זיי זענען געשאפן געוואָרן — איז אין דעם בייַשפּיל האנדלט עס זיך שוין וועגן צוויי פארשידענע טעקסטן וואָס קומען פאָר אין קאָנטראסט איינער לגבי דעם אנדערן. אזוי ארום איז די מעלאָדיע וואָס האָט באגלייט א ליכטיקן טעקסט, פון ליבע צום נייעם סאָוועטישן לעבן, ארייַנעמענדיק אין זיך אזא שטראלנדיקן עלעמענט ווי „גאָלד פון זון“, שפּעטער דערשינען מיט אן אנדערן טעקסט וואָס באזינגט, באוויינט, באדויערט די געטאָ־ליידן פון א יונג מיידל.

שטעלט זיך די פראגע: האָט דער אנאָנימער געטאָ־דיכטער אויסגענוצט די דאָזיקע מעלאָדיע ווייל ער האָט קיין אנדערע חלילה נישט געקענט, צי ווייל זי איז אים גלאט אזוי געפעלן?

מיר מיינען אז ער האָט בכיוון באנוצט א מעלאָדיע וועלכע האָט געדינט צו יענעם טעקסט וואָס האָט באזינגען דאָס שיינע, פרייע און באזוניקטע לעבן פונעם יידישן סאָוועטישן ארבעטנדיקן, כדי צו שאפן א קאָנטראסט לגבי דעם שווערן און שוידערלעכן לעבן און גלייכצייטיק — צוליב דער געדאנקען־אסאָציאציע — נאָך מער צו פארשטארקן דעם ווילן פון פראָטעסט און קאמף קעגן די רוצחים. אויף אזא מין אופן פארוואנדלט זיך דאָס קלאָג־ליד אין א קאמף־ליד.

זעלבספארשטענדלעך אז דערמיט וואָס זי באדינט א נייעם טעקסט, ווערט די מעלאָדיע אונטערגעוואָרפן ווערן סיי סטרוקטורעלע, סיי אינטערפּרעטאטיווע ענדערונגען.

אויב אזוי — װעלן אפשר אייניקע שטעלן די פראגע: וויאזוי קאָן א מעלאָדיע, װאָס איז באקאנט געוואָרן מיט א העלן טעקסט, פון ליבע צו דער נאטור, אזויווי ס'איז „קעגן גאָלד פון זון", זיך משדך־זיין מיט א טעקסט װאָס קלאָגט און וויינט אויף די צרות פון געטאָ?

דאָס איז שוין נישט קיין פּראָבלעם. מיר מעגן זיך שוין פארלאָזן אויפן פאָלקס־אינטערפּרעט, ער ווייסט שוין וויאזוי אונטערצוווארפן די מעלאָדיע דעם נייעם טעקסט.

עס קומט אָפטמאָל פאָר אז אין זעלבן ליד גופא געפונען זיך סטראָפעס מיט א פרייליכן און סטראָפעס מיט א טרויעריקן אינהאלט. די זעלבע מעלאָדיע וועט מוזן ווערן באלד א פריילעכע און באלד א טרויעריקע, א דאנק דער אינטערפּרעטאציע װאָס דער זינגער וועט געבן די ווערטער. די דאָזיקע אויסדרוקס־קראפט געפונט זיך אין דער זעלבער מעלאָדיע גופא.

איבערהויפּט האָט דער כראָמאטישער מאָדוס מיט אן איבערמעסיקן אינטערוואל — אין װעלכן ס'איז דאָס אויבן דערמאָנטע ליד — געדינט יאָרהונדערטער־לאנג צום אויסדריקן די גאנצע גאמע פון געמיטס־צושטאנד. פון דעם פריילעכסטן טאנץ אָדער ליד, ביז צום טרויעריקסטן ליבע־ליד אָדער קלאָג־ליד האָבן זיי זיך זייער גוט געוויגט אינעם דאָזיקן מאָדוס. דער פאקט איז גוט באקאנט אינעם יידישן ווי אויך אינעם נישט יידישן פאָלקלאָר. דאָס איז נישט קיין סוד, דאָס ווייסן א סך פעלקער.

*

מיר האָבן באטראכט אלס „נישט פארעפנטלעכט" אלע פאָלקס־לידער װאָס געפונען זיך נישט אין די זאמלונגען פון דער בייגעלייגטער ביבליאָגראפישער רשימה. פונדעסטוועגן קאָן געמאָלט זיין אז אייניקע פון די דאָזיקע לידער זאָלן האָבן דערשינען אין אנדערע זאמלונגען װעלכע מיר האָבן נישט געהאט די זכיה צו קענען. דערפאר בעטן מיר נישט צו פארשטיין אין אן אבסאָלוטן זין דאָס וואָרט „נישט פארעפנטלעכט".

די ניגונים האָב איך אויפגעטירט לויט דער קאָנווענציע װאָס איז אָנגענומען געוואָרן כמעט אין אלע פאָלקלאָר־אויסגאבן, באזונדערס אין די פאָלקס־דעמאָקראטישע לענדער, בתוכם אויך דער רומענישער פאָלקלאָר־אינסטיטוט, באנוצנדיק די שלוס־נאָטע (פינאלע) מי פאר די לידער מיט א מינאָר־ (מאָל־) כאראקטער און סאָל פאר יענע אנדערע װאָס טראָגן א מאזשאָר ־ (דור־) כאראקטער. נאָר איין ליד „מיטן פידעלע" (נר. 77) איז אן אויסנאם דערמיט װאָס מיר האָבן עס געלאָזט אין דער זעלבער טאָנארט אין װעלכער עס איז אינטערפּרעטירט געוואָרן (רע מינאָר), נעמענדיק אין אכט אז דאָס ענדערן די טאָנארט באזונדערס פון רע אויף מי ברענגט מיט זיך — אויפן פידל — אייניקע טעכנישע אינטערפּרעטאציע־שוועריקייטן.

אמת, דאָס ברענגען אלע לידער צו דער זעלבער שלוס־נאָטע, פארלייכטערט די ארבעט פונעם פאָלקלאָר־פאָרשער; דערפאר אָבער וועט עס צומאָל פארשאפן אייניקע שוועריקייטן באזונדערס פאר די וואָקאלע אינטערפּרעטן — די זינגערס. זיי װעלן מוזן טראנספּאָנירן אייניקע פון די לידער, װאָס זיי װעלן האָבן אויסגעקליבן, אין באקוועמע טאָנארטן.

די טעקסטן פון אונטער דער נגינה האָבן מיר געשריבן מיט לאטיין־שריפט, בכדי זיי זאָלן גיין צוזאמען מיט דער מוזיק — פון לינקס אויף רעכטס. צוליב דעם צוועק האָבן מיר באנוצט א פאסיקע טראנסקריפּציע װאָס איז אָנגעוויזן ביי דער זייט 54. דאָס איז אייגנטלעך נישט מער ווי א פּרוּוו װעלכן מיר האָבן געמאכט, צוצופאסן די אלוועלטלעכע פאָנעטישע טראנסקריפּציע צו די ספּעציפישע יידישע שפּראך־נויטווענדיקייטן.

די טעקסטן צו די לידער װעלכע מיר האָבן געפונען אין אנדערע זאמלונגען, אָדער װאָס געפונען זיך אין די אנטשפּרעכנדיקע ווערק פון זייערע מחברים, האָבן מיר געגנבֿ איבערגעגעבן. װאָס נוגע די װאריאנטן, די פון אונדז געקליבענע און נאָך נישט פארעפנט־לעכטע, האָבן מיר זיך געסטאַרעט זיי איבערצוגעבן אזוי ווי מען האָט זיי אונדז פאָרגעזונגען, אזוי ווי מיר האָבן זיי געהערט.

ביים רעפּראָדוצירן די טעקסטן מיט העברעאישע אותיות, האָבן מיר זיך דערלויבט צו פאראייגהייטלעכן דעם אויסלייג פונעם רוב פון די לידער פארהאלטנדיק נאָר די גראמא־טיקאלישע פאָרם װאָס איז אָפטמאָל אן אָנווייז פון װאנען עס שטאמען די מחברים אָדער די אינטערפּרעטן פון די לידער (צו זען דאָס ליד „אויפן בוידעם", נר. 6).

כמעט ביי יעדן ליד קומט פאָר די שטאָט (דער אָפּשטאם) און — צומאָל — דאָס יאָר אין וועלכן איך האָב דאָס ליד געהערט זינגען. ביי אייניקע לידער קומט פאָר אויך דער נאָמען פון דער פּערזאָן ביי וועלכער דער אינפאָרמאטאָר האָט דאָס ליד אויסגעלערנט און אויך פארשידענע באמערקונגען מצד דעם אינפאָרמאטאָר אָדער פון אונדז. דאָרט ווו עס קומען נישט פאָר אזעלכע דאטן, הייסט נישט אז דאָס ליד קומט נישט פון קיין אָראלער קוועלע. יענע לידער האָב איך אויך געהערט זינגען פון צענדליקער מענטשן.

ביים איגהאלט־פארצייכעניש פון די לידער האָבן מיר פארשריבן די ר״ת פון די זאמלונגען אין וועלכע יעדעס ליד פון די פארעפנטלעכטע איז דערשינען. אויך קומען דאָ פאָר ביי וואָס פארא זייט און אין וועלכער שלום־נאָטע זיי זענען אין די אנטשפּרעכנ־דיקע זאמלונגען.

די דאָזיקע לידער זענען באצייכנט מיט א שטערנדל (*) ביים נומער.

איך האלט נישט אז ס'איז מיר געלונגען אויסצושעפּן אלע פּראָבלעמען. דאָס איז נישט געווען אפילו מיין כוונה אין דער דאָזיקער ארבעט. איך האָב נאָר אָנגעוויזן, אָנגערירט יענע פּראָבלעמען וועלכע איך האָב געהאלטן פאר מער וויכטיקע.

ס'וואָלט אוודאי כדאי געווען צו מאכן אן אנאליז פון א גרעסערן פארנעם, דערפאר איז אָבער נייטיק פיל מער מאטעריאל, א גרעסערע צאָל לידער. ראשית זענען די פון אונדז געקליבענע לידער נישט גענוג — כאָטש זיי זענען אסך — און אויף די געדרוקטע זאמלונגען קאָן מען זיך בכלל נישט פארלאָזן, נעמענדיק אין אכט די נישט אייגהייטלעכקייט זייערע: פאר־שידענע אויסגאבן פון פארשידענע עקן וועלט אין פארשידענע צייטן, פון זאמלער — וואָס זיי אליין זענען אויך — פון פארשידענע קאָמפּעטענצן.

איך קומט צו דאנקען די אלע חברים פון בוקארעשט ווי אויך פון די אנדערע שטעט, פאר די לידער וואָס זיי האָבן מיט פיל ליבשאפט פאר מיר געזונגען.

עמיל סעקולעץ

טראנסקריפּציע מיט לאַטיין־אותיות

א — a
אָ — o,u
ב — b
* בּ — b
ג — g
ד — d
ה — (האַרץ — hartz)
ו — u,i
* ו,וו — v
ז — z
* ח — (חדר — cheder)
ט — t
י — i
* כּ — k
כ (ך) — ch

ל — l
מ (ם) — m
נ (ן) — n
ס — s
ע — e
פּ — p
פ (ף) — f
צ (ץ) — tz
ק — k
ר — r
ש — ș (שיר — șir)
* שׂ — s
* תּ — t
* ת — s (חתן — chosn)

זש — j (זאָג־זשע — zog-je)
טש — tș (מענטש — mentș)
טשע — ce (טשערעפּ — cerep)
טשי — ci (טשיריבים — ciribim)

דיפטאָנגען:

ײַ — ai (ווײַס — vais)
איי — ai (אייזן — aizn)
אוי — oi
יאָ — io
יאך — iach

די ווייכע וואָקאל באצייכנט: ‿

דער דיאלעקטאלער קלאנג וואָס געפינט זיך צווישן די וואָקאלן ע (e) י (i) ווערט באצייכנט מיט א פּינטעלע פון אונטן: .
צ. ב. לערנען (— lernen), ווילן (— viln), שפּינען (— șpinen), שווימען (— șvimen) קומען (— kimen), גדולה (— gedile).

פאַרווייכטע קאָנסאָנאַנטן: ק, ג, (נ, ל) ווערן באצייכנט אזוי: ’
צ. ב. זעק (— zek’), קארג (— karg’), קנאַק (— k’nak), קנאָבל (— k’nobl), קלאנג (— k’lang), קלאָר (— k’lur) א. א. וו.

צייכנס

דער קלאנג דויערט ווייניקער ווי זיין ווערט	˘
דער קלאנג דויערט מער ווי זיין ווערט	⌒
גליסאנדאָ	~
א קלאנג מיט א נישט באשטימטער הויכקייט	ע̃

* אותיות וואָס שטאמען פון העברעישע ווערטער.

א. קינדער־יאָרן

מאָטאָ: ס׳איז געווען אמאָל א קליין יידעלע,
האָט ער געהאט א קליין פידעלע.

1

ס'איז געווען אמאָל א קליין יידעלע

באָטאָשאַן — 1926



ס'איז געווען אמאָל (בים)
א קליין יידאלע, (בים)
האָט ער געהאט (בים)
א קליין פידאלע.
פי-פי-פי, פי-פי-פי, } בים
מאכט דאָס פידאלע, }
אוי, דאָס פידאלע!

ס'איז געווען אמאָל (בים)
א קליין יידאלע, (בים)
האָט ער געהאט (בים)
א קליין צימבאלע, (בים)
צים-צים-צים, צים-צים-צים } בים
מאכט דאָס צימבאלע, }
אוי, דאָס צימבאלע,

ס'איז געווען אמאָל (בים)
א קליין יידאלע, (בים)
האָט ער געהאט (בים)
א קליין פּייפאלע, (בים)
פּיי=פּיי=פּיי, פּיי=פּיי=פּיי } (בים)
מאכט דאָס פּייפאלע,
אוי, דאָס פּייפאלע!

ס'איז געווען אמאָל (בים)
א קליין יידאלע, (בים)
האָט ער געהאט (בים)
א קליין פּייקאלע, (בים)
פּאק=פּאק=פּאק, פּאק=פּאק=פּאק, } (בים)
מאכט דאָס פּייקאלע,
אוי דאָס פּייקאלע!

*2

אמאָל איז געווען א קליין יידעלע



* לויט $\frac{SLO}{44}$ אין דער ערשטער סטראָפע פון ||: ביז :|| אויסלאָזן.

אמאָל איז געווען, אמאָל איז געווען
א קליין יידעלע, א קליין יידעלע.
האָט ער געהאַט, האָט ער געהאַט
א קליין פידעלע, א קליין פידעלע:
שרײ=רײ=רײ, שרײ=רײ=רײ
מאכט דאָס פידעלע,
שרײ=רײ=רײ=רײ
מאכט דאָס פידעלע.

אמאָל איז געווען, אמאָל איז געווען
א קליין יידעלע, א קליין יידעלע.
האָט ער געהאַט, האָט ער געהאַט
א קליין דודעלע, א קליין דודעלע:
דו=דו=דו, דו=דו=דו —
מאכט דאָס דודעלע.
שרײ=רײ=רײ
מאכט דאָס פידעלע.
שרײ=רײ=רײ
מאכט דאָס פידעלע.

אמאָל איז געווען, אמאָל איז געווען
א קליין יידעלע, א קליין יידעלע.
האָט ער געהאַט, האָט ער געהאַט
א קליין פײפעלע, א קליין פײפעלע:
פײ=פײ=פײ, פײ=פײ=פײ
מאכט דאָס פײפעלע.
דו=דו=דו, דו=דו=דו
מאכט דאָס דודעלע.
שרײ=רײ=רײ
מאכט דאָס פידעלע.
שרײ=רײ=רײ
מאכט דאָס פידעלע.

אמאָל איז געווען, אמאָל איז געווען
א קליין יידעלע, א קליין יידעלע.
האָט ער געהאַט, האָט ער געהאַט
א קליין פײקעלע, א קליין פײקעלע.
פאַם=פאַם=פאַם, פאַם=פאַם=פאַם
מאכט דאָס פײקעלע.
פײ=פײ=פײ, פײ=פײ=פײ
מאכט דאָס פײפעלע.
דו=דו=דו, דו=דו=דו
מאכט דאָס דודעלע.
שרײ=רײ=רײ
מאכט דאָס פידעלע.
שרײ=רײ=רײ
מאכט דאָס פידעלע.

3*

קינדער־יאָרן

טעקסט: שמשון פערסט — געזונגען פון דעם מחבר



אין דעם קעמערל פון מיין זכרון
נאָר ווי אין א שפּיגל אין א קלאָרן,
זע איך דאָרטן אָן א צאָל,
שיינע בילדער פון אמאָל —
זכרונות פון די שיינע קינדער־יאָרן.

אין דעם הזנס גערטנדל דעם שיינעם,
אויף דעם גרינעם בערגעלע דעם קליינעם,
יעדן שבת זיך געשפּילט,
אזוי גליקלעך זיך געפילט...
דאָרט מיט די חברימלעך אינאיינעם.

דער רבי'ן חדר זיצט מיט די בחורים —
טייטשט דאָרט איין מיט
זיי דעם שיר־השירים;
די רביצן באַם לאָקשנברייט,
מיט דעם וואָלגערהעלצל שטייט —
זי וואָלגערט המן־טעשעלעך אויף פּורים.

דער בעלפער קומט און קנאַפּט
מיך אין מיין בעקל,
טוט מיר אָן דאָס נייע לייבצודעקל;
דעם רבינס מיידל, ציפּקעלע,
זיצט זינגענדיק באַם ריבקעלע,
זי נייט איר חתן אויס א תפילן־זעקל.

היינט איז פּורים, גיי איך נישט אין חדר.
איך פאַרשטעל זיך אין מיין שוועסטערס
קליידער;
א רויטע מאַסקע פון פּאַפּיר
האָט געבראַכט מיין ברודער מיר
און א ספּאָדיק מיט א גרינער פעדער.

ערב פּסח, ווי די זון שיינט פריילעך,
אויפדערנאַכט, דער טאַטע ווי א מלך
ליגט אויף דעם בעט צעשפּרייט;
די מאַמע טייעט אָן פאַר פרייד,
איך פרעג דו פיר קשיות שיין, פּאַמעלעך.

איך זע דיך אויך דאָרט מיין געליבטע חנה,
מיט די שווארצע אויגן דיינע.
געליבט האָב איך דיך אָן שיר,
תמיד שוועבט דיין בילד פאַר מיר.
איך האָב געמיינט אז דו וועסט ווערן מיינע...

ניט געפעלן האָט דאָס דיין משפּחה
וויל איך לערן זיך א בעל־מלאכה;
האָט מען דיר דעם קאָפּ פאַרדרייט
און אויף אייביק אונדז צעשיידט...
זאָל דיר שענקען גאָט דערפאַר הצלחה.

איך וואָלט ביי מיין לעבן וועלן גערן
איך זאָל פון דיר גוטע בשורות הערן,
אז דו האָסט אין דער וועלט באַגליקט,
איך וואָלט פּשוט זיך דערקוויקט,
איך וואָלט וויינען אַזש מיט פריידן־טרערן.

קינדער־יאָרן אין א תהום געפלויגן,
ביי דער ארבעט זיץ איך איינגעבויגן;
מיט דעם נײדעלע איך ניי,
דאָס בענקענדיקע האַרץ טוט וויי,
זכרונות־טרערן קאַפּען פון די אויגן...

---

* שמשון פערסט זינגט זיין ליד וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (יאָר 1932) אויף דער זעלבער מעלאָדיע ווי אין געבירטיגס „מיינע לידער".
** די מאָרדענטן זענען לויט אָן אָראַלער אינטערפּרעטאַציע.
*** אין געבירטיגס „מיינע לידער" קומט נישט פאָר דער ווידערהאָלונגס־צייכן (ע. ס.)

4 *

קינדער־יאָרן

טעקסט: מ. געבירטיג

(די זעלבע מעלאָדיע ווי ביי נר. 3)

קינדער=יאָרן, זיסע קינדער=יאָרן,
אייביק בלייבט איר וואך אין מיין זכרון;
ווען איך טראכט פון אייער צייט,
ווערט מיר אזוי באנג און לייד —
אוי, ווי שנעל בין איך שוין אלט געוואָרן.

נאָך שטייט מיר דאָס שטיבל פאר די אויגן,
וו איך בין געבוירן, אויפגעצויגן,
אויך מיין וויגל זע איך דאָרט,
שטייט נאָך אויף דעם זעלבן אָרט —
ווי א חלום איז דאָס אלץ פארפלויגן;

און מיין מאמע, אך, ווי כ'פלעג זי ליבן,
כאָטש זי האָט אין חדר מיך געטריבן;
יעדער קניפּ איז פון איר האנט
כאָטש קיין צייכן איז מיר נישט פארבליבן
מיר נאָך אזוי גוט באקאנט —

נאָך זע איך דיך, פייגעלע, דו שיינע,
נאָך קוש איך די רויטע בעקלעך דיינע,
דיינע אויגן פול מיט חן,
דרינגען אין מיין הארץ אריין,
כ'האָב געמיינט, דו וועסט אמאָל זיין מיינע.

קינדער=יאָרן, יונגע שיינע בלומען!
צוריק צו מיר וועט איר שוין מער נישט קומען
יאָרן אלטע, טרויעריקע,
קאלטע, מרה=שחורהדיקע
האָבן אייער שיינעם פלאץ פארנומען.

קינדער=יאָרן, כ'האָב אייך אָנגעווירן,
מיין געטרייע מאמען אויך פארלוירן,
פון דער שטוב נישטאָ קיין פלעק,
פייגעלע איז אויך אוועק
אוי, ווי שנעל בין איך שוין אלט געוואָרן.

איך געדענק נאָך

טעקסט: שמשון פערסט

מוזיק: לויט „ריין און ליכטיק איז דער הימל“ פון פרוג

דראָבאני = 1923



איך געדענק נאָך יענע יאָרן
ווען איך בין א קינד געווען,
פאר מיר שוועבן נאָך די בילדער
ווו ס'פלעג מיין וויגל שטיין.
ווו מיין מאמע, זאָל זיך מיען,
האָט מיך צו איר הארצן געדריקט
און מיט זיסע מעלאָדיען
אין דעם שלאָף מיך אייגעוויגט.

אוי, דער מאמעס זיסע לידער,
זיי פארגעסן קען איך ניט;
זיי דערקוויקן מיין נשמה,
היילן מיר מיין קראנק געמיט.
ווען מיין הארץ הייבט אָן צו ציען
נאָך דעם אומבאקאנטן גליק,
זינג איך פון די מעלאָדיען
וואָס געהערט איך האָב אין וויג.

איי, די יאָרן גיך אנטלויפן
און זיי קומען נישט צוריק,
אָפּגעשטאָרבן ליגט די מאמע,
שוין צעבראָכן ליגט די וויג...
וו געשטאנען איז דאָס שטיבל
וו עס איז געווען מיין היים,
גרעף איך נאָר א פוסטע גריבל
און א בערגעלע מיט ליים.

און איך וואנדער, ווי אמאָל...
זוכנדיק א שטיקל טרייסט
אין דעם רומל פון דעם לעבן,
ווי א פויגל אָן א נעסט.
נאָר מיין זוכן בלייבט פארגעסן
ווהין איך וועגד מיין פאָרשער=בליק;
אזוי ענדיקט זיך מיין לעבן,
ווי דאָס שטיבל מיט דער וויג.

* 6

אויפן בוידעם שלאָפט דער דאך

טעקסט: (לויט אן אינפאָרמאציע) פון פּרץ הירשביין



אויפן בוידעם שלאָפט דער דאך
צוגעדעקט מיט שינדעלער;
און אין וויגל ליגט א קינד
נאקעט גאָר אָן ווינדעלער,

רעפרען

האָפּ, האָפּ, אָט אזוי,
עסט די ציג פון דאך דעם שטרוי;
האָפּ, האָפּ, אָט אזוי.

אויפן בוידעם שטייט א וויג,
וויגט זיך דאָרט א שפּין אין איר;
ציט ער פון מיר דאָס חיות אויס
און דעם דלות לאָזט ער מיר.

רעפרען

אויפן בוידעם שטייט א האָן
און זיין קאם איז פייער־רויט;
זאָל מיין ווייב ערגעץ באָרגן
פאר די קינדער א שטיקל ברויט.
רעפרען:

אין דעם פון אונדז געזאמלטן שבעל־פה האָבן מיר באגעגנט נאָר די דאָזיקע ריטמישע פאָרם: וואָס געפינט זיך אויך אין $\frac{ZMM}{122}$.

לויט K 60 — מעלאָדיע פון קיפּניסעס זאמלונג, טעקסט ב. שאפיר.

* 7

מײַן ייִנגעלע

טעקסט: מאָריס ראָזענפעלד

געזונגען פון א מיידעלע — א יתומה — פון טראנסניסטריע. באָטאָשאַן, 1944.



איך האָב א קליינעם יינגעלע,
א זונעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזע אים, דאכט זיך מיר
די גאנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטן, זעלטן, זע איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואכט,
איך טרעף אים אימער שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר ביינאכט.

די ארבעט טרייבט מיך פרי ארויס,
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
אָ, פרעמד מיין קינדס א בליק.

איך קום צעקלעמטערהייט אהיים,
אין פינסטערניש געהילט —
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט
„אָ מאמע, גוטע מא,
ווען קומט און ברענגט א פּעני מיר,
מיין גוטער, גוטער פּא?“

איך הער עס צו און וויס, עס מוז, —
יאָ, יאָ, עס מוז געשען!
די פאָטער־ליבע פלאקערט אויף:
עס מוז מיין קינד מיך זען!

איך שטיי ביי זיין געלעגערל
און זע, און הער און שאַ!
א טרוים באוועגט די ליפּעלעך;
„אָ, וו איז, וו איז פּא?“

איך קוש די בלויע אייגעלעך:
זיי עפענען זיך — „אָ, קינד!“
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

„דאָ שטייט — דיין ־פּאפּא, טייערער,
א פּענעלע דיר נא“ —
א טרוים באוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, וו איז, וו איז פּא?“

איך בלייב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פארביטערט און איך קלער:
„ווען דו דערוואכסט אמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך ניט מער“.

8*

דער אלף־בית

טעקסט און מוזיק: מ. ווארשאווסקי

בוקארעשט, 1952



אויפן פריפעטשיק ברענט א פייערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך } בים
דעם אלף־בית

זעט־זשע קינדערלעך, געדענקט־זשע, טייערע,
וואָס איר לערנט דאָ;
זאָגט־זשע נאָך אמאָל, און טאקע נאָך אמאָל:
קמץ אלף־אָ!

לערנט, קינדערלעך, מיט גרויס חשק,
אזוי זאָג איך אייך אָן!
ווער ס'וועט גיכער פון אייך קענען עברי
דער באקומט א פאָן.

לערנט קינדער, האָט נישט מורא,
יעדער אָנהויב איז שווער;
גליקלעך איז דער וואָס האָט געלערנט תורה.
צי דארף דער מענטש נאָך מער?

c. 1086 — 5

(אז) איר וועט קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אליין פארשטיין,
וויפל אין די אותיות ליגן טרערן } בים
און וויפל געוויין...

אויפן פריפעטשיק ברענט א פייערל
און אין שטוב איז היים,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך } בים
דעם אלף־בית...

9*

ביי דעם שטעטל

באָטאָשאַן, 1929



ביי דעם שטעטל שטייט א שטיבל
מיט א גרינעם דאך, (בים)
און ארום דעם שטיבל וואקסן } בים
ביימעלעך א סך.

קויפט א פערדל, וואָס סע הירזשעט,
מיט דעם נאָמען מוציק; (בים)
קויפט א הינטל, וואָס סע האווקעט } בים
מיט דעם נאָמען צוציק.

און דער טאטע מיט דער מאמע,
חנהלע מיט מיר, (בים)
שוין א לאנגע צייט אינאיינעם } בים
וווינען אלע פיר.

קויפט א גאנדז מיט א ווייסן האלדז,
פעדערלעך ווייס ווי שניי; (בים)
קויפט א הון, וואָס קוואָקעט, קוואָקעט } בים
ביז זי לייגט אן איי.

און דער טאטע ארבעט, ארבעט
אלע יאָרן זיינע (בים)
און ער קויפט אונדז און ער ברענגט אונדז } בים
זאכן שיינע, פיינע.

נעמט די מאמע אָט די אייער,
אוי, איז דאָס א מופת! (בים)
זעצט ארויף אויף זיי א קוואָקע } בים
האָבן מיר שיינע עופות.

10

באַ דעם שטעטל

בוקארעשט, 1949.



דער זעלבער טעקסט ווי ביי נומער 9.

* 11

ציפּ־צאָפּ, עמערל

1923 — דאראבאני



ציפּ־צאַפּ עמערל,
קום צו מיר אין קעמערל,
וועל איך דיר עפּעס ווייזן:
(שיפעלעך מיט) אייזן
שיסעלעך פון אייזן,

ביר פון די קריגעלעך,
קינדער אין די וויגעלעך,
קינדער אין די וויגעלעך
שרייען ווי די ציגעלעך:
מאמע! מאמע!

---

* לויט דער זאמלונג JFA/685 לא בעמאָל.

* 12

אלע ליולע, ליולע



אלע ליולע ליולע,
שלאָף=זשע איין מיין גדולה,
מאך=זשע צו דיינע
אייגעלעך די פיינע!
שטיי אויף ווידער
מיט געזונטע גלידער,
מיין ליב זיס קינד
גיך און געשווינד,

אין מארק וועל איך לויפן,
בייגעלעך וועל איך קויפן,
מיט פוטער וועל איך שמירן,
צו דער חופה זאָל איך דיך פירן.
ווערסט אויסוואקסן א גרויסינקער
וועסטו זיין א תנא,
וועלן דאָך אלע
זיין מיר מקנא.

13

אונטער דעם קינדס וויגעלע *



אונטער דעם קינדס** וויגעלע
שטייט א גאָלדן ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האנדלען
ראָזשינקעס מיט מאנדלען.
ראָזשינקעס מיט פייגן —
ס'קינד** וועט שלאָפן און שווייגן.

שלאָף מיר, שלאָף מיר אין דיין רו
מאך די כשרע אייגעלעך צו!
מאך זיי צו און מאך זיי אויף,
קומט דער טאטע און וועקט דיך אויף.
טאטע, טאטע, נישט אויפוועק!
דאָס קינד וועט שלאָפן ווייטער אוועק.

שלאָפן איז א גוטע סחורה,
משהלע וועט לערנען תורה.
תורה וועט ער לערנען,
ספרים וועט ער שרייבן.
א גוטער און א פרומער
וועט ער אם־ירצה־השם בלייבן.

---

*אזוי ווי מיין מאמע און מיין באבע פלעגן עס מיר זינגען (ע. ס.).
**אָדער „אונטער יאנקאלעס וויגעלע" (מען גיט צו דעם קינדס נאָמען).

*14

אונטער דעם קינדס וויגעלע



דער זעלבער טעקסט ווי ביי נומ. 13.

* 15

אונטער דעם קינדס וויגעלע



אונטער דעם קינדס וויגעלע
שטייט א קלאָר=ווייס ציגעלע,
דאָס ציגעלע ז'געפאָרן האנדלען
ראָזשינקעס מיט מאנדלען.
ראָזשינקעס מיט מאנדלען איז זייער זיס,
מיין קינד וועט זיין געזונט און פריש.

געזונט איז די בעסטע סחורה
מיין קינד וועט לערנען תורה.
תורה וועט ער לערנען,
ספרים וועט ער שרייבן.
א גוטער און א פרומער
וועט ער אם ירצה=השם בלייבן.

* דער טעקסט באשטייט פון עלעמענטן פון $\frac{\text{IFC}}{\text{No. 110-111}}$

*16

איילע, ליולע, פייגעלע

געזונגען פון א סך אלטע מענטשן



איילע, ליולע, פייגעלע,

מאך שוין צו דיין אייגעלע,

שלאָף שוין, שלאָף, שלאָף שוין, שלאָף,

איילע, ליולע, ליו!

איילע, ליולע, זונעניו,

דיך וויגט דיין מאמע, זונעניו,

שלאָף שוין, שלאָף, שלאָף שוין, שלאָף,

איילע, ליולע, ליו!

דער צווייטער וואריאנט איז לויט $\frac{\text{IFBF}}{303}$

דאָס ליד געפינט מען אויך אין גאָלדפאַדענס טעאַטער־שטיק.

*17

שלאָף, שלאָף, שלאָף



רעפרען:
שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאטע וועט פאָרן אין דאָרף,

וועט ער ברענגען אן עפּעלע,
וועט זיין געזונט דאָס קעפּעלע.
רעפרען

וועט ער ברענגען א ניסעלע,
וועט זיין געזונט דאָס פיסעלע.
רעפרען

וועט ער ברענגען אן ענטעלע,
וועט זיין געזונט דאָס הענטעלע.
רעפרען

וועט ער ברענגען א ייכעלע,
וועט זיין געזונט דאָס בייכעלע.
רעפרען

וועט ער ברענגען א פייגעלע,
וועט זיין געזונט דאָס אייגעלע.
רעפרען

וועט ער ברענגען אן העזעלע,
וועט זיין געזונט דאָס נעזעלע.
רעפרען

*18

שלאָף, מיין טאָכטער



שלאָף, מיין טאָכטער, שיינע, פיינע,

אין דיין וויגעלע,

כ'וועל זיך זעצן לעבן דיר

און זינגען א לידעלע.

כ'וועל דיך וויגן,

לידער זינגען,

ליולינקע, מיין קינד,

פעסטעסש זיך און וויינסט, און וויינסט,

און שלאָפן ווילסטו ניט,

מאכסט נאָך דיין פארמאטערטער מוטער

שמערצן מיט דערמיט.

כ'וועל דיך וויגן,

לידער זינגען,

ליולינקע, מיין קינד.

*19

אז איך וועל זאָגן...

באָטאָשאַן 1927.



אז איך וועל זאָגן: לכה דודי,

זאָלט איר זאָגן: טשי=די=בי=די=באָם;

אז איך וועל זאָגן: לקראת כלה,

זאָלט איר זאָגן: טשי=די=בי=די=באָם.

לכה דודי:

טשי=די=בי=די באָם,

לקראת כלה;

טשי=די=בי=די=באָם;

לכה דודי לקראת כלה,

טשי=די=בי=די,

טשי=די=בי=די=באָם.

* 20

שלאָף מיין קינד

טעקסט: שלום עליכם   מוזיק: דוד קאָוואַנאָווסקי *



שלאָף מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שיינער,

שלאָף=זשע זונעניו,

שלאָף מיין קרוין, מיין קדיש איינער,

שלאָף=זשע שלאָף=ליו=ליו.

ביי דיין וויגל זיצט דיין מאמע,

זינגט א ליד און וויינט,

וועסט אמאָל פארשטיין מתתמא

וואָס זי האָט געמיינט.

* לויט TJF/23.

*21

שלאָף מיין קינד



דער זעלבער טעקסט ווי ביי נר. 20.

22

שלאָף מיין קינד

באָטאָשאַן, 1945



דער זעלבער טעקסט ווי ביי נר. 20.

23

שלאָף מיין קינד

באָטאָשאַן 1929



* די דאַזיקע מעלאָדיע האָט מען געזונגען מיט העברעישע ווערטער.

24

שלאָף מיין קינד

באָטאָשאַן — 1957



דער זעלבער טעקסט ווי ביי נר. 20.

25

וויגליד

שלאָף מיין קינד, שלאָף כסדר

באָטאָשאַן — 1940



שלאָף, מיין קינד, שלאָף כסדר,
זינגען וועל איך דיר א ליד;
אז דו מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן אן אונטערשיד.

אז דו מיין קינד וועסט עלטער ווערן,
וועסטו ווערן מיט לייטן גלייך;
דעמלט וועסטו געוויר ווערן,
וואָס הייסט אָרעם און וואָס הייסט רייך.

די טייערסטע פּאלאצן, די רייכסטע הייזער, —
דאָס אלץ מאכט דער אָרעמאן;
נאָר, ווייסטו ווער עס טוט אין זיי וווינען ?
גאָר נישט ער, נאָר דער רייכער מאן.

דער אָרעמאן ליגט אין קעלער,
ווילגאָטש רינט אים פון די ווענט;
דערפון באקומט ער רעמאטעס-פעלער
אין די פיס און אין די הענט.

* 26

ס'לויפן, ס'יאָגן

טעקסט: א. ד. נאָמבערג — באָטאָשאן — 1944



ס'לויפן, ס'יאגן שווארצע וואָלקן,
ס'פייפט און ס'ברומט דער ווינט;
פון דער ווייטן שיקט דיין טאַטע } בים
דיר א גרוס, מיין קינד!

נאָר דער ווינט — ער ברענגט אונדז גרוסן
פון דעם קאלטן לאנד;
דאָרטן שטייט ער, א לאָפּאַטע } בים
האלט ער אין דער האנט.

און ער גראָבט אלץ טיפער, טיפער,
ווארפט די ערד ארויס,
ניט געזארגט דאָך, פאר'ן שקר } בים
גראָבט ער קברים אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פאלט ער אויפ'ן פעלד!
זאָרג ניט, קינד מיינס, דיך געבאָרן } בים
האָט א גרויסער העלד.

און א העלד וועסטו אויסוואקסן,
שלאָף־זשע, שלאָף אצינד;
זאמל כחות פאר דער צוקונפט } בים
זאמל איינציק קינד!

* אויף דער זעלבער מעלאָדיע ווערט געזונגען אויך דאָס „ליד פון בוג" (נר. 138).

27

שלאָף־ליד

בוקארעשט, 1944



שלאָף מיין קינד, שלאָף ווידער רואיק איין!
עס רוישט דער ווינט און די לבנה שיינט.
אויף דעם הימל גלאנצן שטערן,
קוק נישט, קינד, אויף מיינע טרערן, } ביס
שלאָף מיין קינד, שלאָף ווידער רואיק איין,

ס'וועט דיין טאטע מער נישט קומען,
מע האָט אים ארויסגענומען,
אויף די גאסן אים געשלעפט,
פון די שונאים אים
(אויפן עשאפאָד) געקעפט — } ביס
זענען מיר געבליבן, קינד, אליין...

ריידער גייען אין פארבריקן,
מענטשן שטארבן אונטער בריקן —
דאָרט אליין איז ער געגאנגען,
ווו סע הערט זיך זיפצן־קלאנגען, } ביס
ווי דער שניי זיך רויט פארבט
פון דעם בלוט.

מיט דעם שטארקן, פעסטן גלויבן,
מיט דער רויטער פאָן געהויבן,
אז מע וועט באפרייען שקלאפן
פאָרן מיר צום פרייען האפן, } ביס
פאָרן מיר אין שיינער, פרייער וועלט.

דערפאר, שלאָף מיין קינד, שלאָף ווידער רואיק איין!
עס רוישט דער ווינט און די לבנה שיינט,
אויף דעם הימל גלאנצן שטערן,
קוק נישט קינד אויף פארגאָסענע טרערן, } ביס
שלאָף מיין קינד, שלאָף ווידער רואיק איין!

א ליד פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָס איז צוגעפאסט געוואָרן צו די טראסנים־טריער לײדן (ע. ס.).

* 28

שלאָף מיין זון

(א ניי סאָוועטיש פאָלקס=ליד)

בוקארעשט — 1949



שלאָף מיין זון, מיין טייער פייגעלע,
מאך די אייגעלעך צו;
וועסט נאָך צייט האָבן צו שטיפן,
איצטער שלאָף אין דיין רו.

איך וועל דיר קויפן שיינע ביכעלעך (שווערדלעך),
מיט א רויטינקער פאָן,
דו וועסט וואקסן א געראָטענער,
שלאָף מיין ליבער זון.

שלאָף מיין זון, מיין טייער פייגעלע,
שלאָף=זשע, שלאָף=זשע איין,
וועסט אויסוואקסן א גרויסער, א שיינינקער
און א פליער זיין.

וועסטו פליען אין דער וייט אהין
מיט דער זון באגלייך,
און איר וועט זיך ביידע גליקלעכע
שפיגלען אינעם טייך.

ב. ליריש

מאָטאָ: טיף אין וועלדעלע,
גיי איך מיר שפּאצירן.

*29

טיף אין וועלדעלע

באָטאָשאַן — 1942



טיף אין וועלדעלע שטייט א ביימעלע
און די צווייגעלעך בליען (ביס)
און ביי מיר, אָרעם שניידערל, } ביס
טוט מיין הערצעלע ציען.

אויפן ביימעלע וואקסט א צווייגעלע
און די בלעטעלעך זשווזשען (בליטן); (ביס)
און מיין אָרעם שוואך הערצעלע } ביס
ציט צו מיין זיסער דושען (גיטל).

אויפן צווייגעלע שטייט א פייגעלע,
און דאָס פייגעלע פישטשערט; (ביס)
און ביי מיר אָרעם שניידערל, } ביס
מיין הארץ פאר ליבע טרעשטשעט.

אין א טייל זאמלונגען איז די מעלאָדיע געדרוקט געוואָרן אין 6/8=טאקט. לויט אייניקע וואריאנטן ווערט די ערשטע וואָלטא געזונגען פונקט ווי די צווייטע. (ע. ס.).

* 30

גיי איך מיר שפּאַצירן



גיי איך מיר שפּאַצירן — } ביס
טראַ=לאַ=לאַ, לאַ=לאַ=לאַ, לאַ,
באַגעגן איך אַ בחור — אהא! אהא! (ביס)

ער זאָגט ער וועט מיך נעמען — } ביס
טראַ=לאַ=לאַ, לאַ=לאַ=לאַ, לאַ,
ער לייגט עס אָפּ אויף זומער — אהא! אהא! (ביס)

דער זומער איז געקומען — } ביס
טראַ=לאַ=לאַ, לאַ=לאַ=לאַ, לאַ,
ער האָט מיך ניט גענומען — אהא! אהא! (ביס)

יעצט וויל ער מיך שוין נעמען — } ביס
טראַ=לאַ=לאַ, לאַ=לאַ=לאַ=לאַ,
וויל איך אים נישט קענען — אהא! (ביס) *

---

* די לעצטע סטראָף קומט נישט פֿאָר אין קיין שום געדרוקטער זאַמלונג אַ חוץ $\frac{\text{ZMM}}{33}$

* 31

מאַריאַשע



דאָרט, אויף דער לאַנקע, ניט ווייט פונעם וועלדל,
פאַשעט מאַריאַשע א סטאַדע אין פעלדל
און זי וויינט און זי זינגט: | בים
— ווו זענען מיינע גרויסע אָקסן? זאָגט עס מיר.

יאַשא איז דורכן פעלד אדורכגעגאַנגען,
האָט ער געהערט מאַריאַשעס געזאַנגען.
מיידעלע, וואָס איז דיר? | בים
צי פעלן דיר דיינע גרויסע אָקסן? זאָג עס מיר.

— ווען דו וועסט מיינע אָקסן געפינען,
וועסטו פון מיר א קוש באַקומען.
ניט נאָר איינס, ניט נאָר צוויי, | בים
נאָר 99 קושן, בסדר, איינס נאָך איינס.

יאשא האָט געוואָלט זיין לוין פאַרדינען,
איז ער געגאַנגען די אָקסן געפינען
— מיידעלע, פאַרדינט מיין לוין,
האָסט צוגעזאָגט א קוש געבן, גיב אים שוין! } ביס

— וואָלט מיין מאמע אויפן שוועל — ניט געשטאַנען,
איז ביי מיר קיין ליגן ניט פאַראַנען.
— מיידעלע, שאַקרענטע!
האָסט צוגעזאָגט און ניט געגעבן, ליגנערטע! } ביס

* 32

צוועלעף קלאַפּט דאָך...

בוקארעשט — 1952
קימפאַלונג, 1957



— צוועלעף קלאַפּט דאָך שוין דער זייגער,
פיר מיך גיכער אַפּ אהיים! (ביס)
— וואָס-זשע פאַר א תירוץ וועסטו זאָגן,
וועסטו זאָגן ביי דיין מאמע אין דער היים? } ביס

— דעם ערשטן תירוץ וועל איך זאָגן
אז איך האָב געאַרבעט שפּעט (ביס)
— און טאָמער וועט דיין מאמע דיר נישט גלויבן? } ביס
— וועל איך זאָגן: האָב געבלאָנדזשעט דעם וועג.

— דעם צווייטן תירוץ וועל איך זאָגן
אז כ'בין געגאַנגען אויף שפּאַציר.
— און טאָמער וועט די מאַמע וועלן שלאָגן? } בים
— וועל איך זאָגן: ס'איז געווען פאַרמאַכט די טיר!

* 33

מאַמעניו, ליובעניו!

בוקאַרעשט — 1954



מאַמעניו, ליובעניו, האַרצעניו, קרוינעניו!
שווייג שוין אביסעלע שטיל! (בים)
לעש שוין אין מיר אויס דאָס העלישע פֿייערל } בים
און גיב מיר שוין וועמען איך וויל!

איך וויל נישט קיין גאָלד און איך דאַרף קיין בריליאַנטן, *
איך דאַרף נישט קיין סאַמעט און זייד; (בים)
איך וויל נאָר דאָס יינגעלע וועלעכס האָב ליב, } בים
מיט אים וואָלט איך חתונה געהאַט!

* 34

מאַמעניו, ליובעניו!

(די זעלבע מעלאָדיע ווי ביים נר. 33)

מאַמעניו, ליובעניו, קרוינעלע, האַרצעלע,
שוויג שוין א וויילינקע שטיל; (בים)
לעש אין מיר מיין העלישן פייער } בים
און גיב מיר שוין וועמען איך וויל!

איך האָב זיך איינגעליבט אין א שיינעם יינגעלע,
שיין ווי א רענדל גאָלד; (בים)
אים, מאַמעניו, האָב איך געליבט } בים
און אים האָב איך טאַקע געוואָלט

שפּאַצירן דושע-לעבן זענען מיר געגאַנגען,
אַרום און אַרום דעם בולוואַר, (בים)
אַלע מיידעלעך שפּילן ליבעס } בים
און איך בין געבליבן צום נאַר

שפּאַצירן דושע-לעבן זענען מיר געגאַנגען
אַרום און אַרום דעם גראָז, (בים)
וואָס פאַר אַן אומחן האָסטו אָף מיר געוואָרפן — } בים
געוואַלד, איך ווייס ניט פאַרוואָס.

---

* א וואַריאַנט צום צווייטן סטראָף פון נר. 33 לויט $\frac{ZMM}{24*}$:
איך וויל נישט קיין צירונג, איך דאַרף קיין בריליאַנטן,
איך וויל נישט קיין שיינעם אויסגאַנג. (בים)
גיב מיר נאָר, מאַמעניו, דאָס יינגעלע איך ליב, } בים
דעם וואָס איך וויל שוין פון לאַנג.

א חלום מאמעניו, א חלום מאמעניו!
א חלום האָט זיך מיר געדאכט; (ביס)
זיינע שיינע בעקעלעך מיט די שווארצע אייגעלעך, } ביס
האָבן מיך קראנק געמאכט.

35

לאָמיר זיך צעקושן!

בוקארעשט, 1956



לאָמיר זיך צעקושן!
די מאמע מעג שוין וויסן,
מיר האָבן ביידע חתונה געהאט! (איי, איי, איי)
איעדער מעג שוין הערן
און קיינער וועט ניט שטערן,
מיר האָבן שוין געזאָגט דעם „הרי־את“!

* 36

יאָמע, יאָמע

באָטאָשאַן, 1928



— יאָמע, יאָמע,* זינג מיר א לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
— דאָס מיידעלע וויל א פּאָר שיכעלעך האָבן,
דארף מען גיין דעם שוסטער זאָגן.
— ניין, מאמעשע, ניין,
דו קאָנסט מיך נישט פארשטיין,
דו ווייסט ניט וואָס איך מיין.

— יאָמע, יאָמע, זינג מיר א לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל,
— דאָס מיידעלע וויל א קליידעלע האָבן
דארף מען גיין דער שניידערן זאָגן...
— ניין, מאמעשע, ניין,
דו קאָנסט מיך נישט פארשטיין,
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין.

— יאָמע, יאָמע, זינג מיר א לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
— דאָס מיידעלע וויל א היטעלע האָבן,
דארף מען גיין דער פּוצערן זאָגן...
ניין, מאמעשע, ניין,
דו קאָנסט מיך נישט פארשטיין
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין.

---

*לויט א טייל זאמלונגען און אינטערפּרעטן: יאמע, יאמע און לויט FR/No. 6 ווינע, ווינע (ע. ס.).

— יאָמע, יאָמע, זינג מיר א לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
— דאָס מיידעלע וויל א פּאָר אוירינגלעך האָבן
דאַרף מען גיין דעם גאָלדשמיד זאָגן...
— ניין, מאמעשע, ניין,
די קאָנסט מיך נישט פארשטיין,
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין.

— יאָמע, יאָמע, זינג מיר א לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
— דאָס מיידעלע וויל א חתנדל האָבן,
דאַרף מען גיין דעם שדכן זאָגן...
— יאָ, מאמעשע, יאָ,
דו קאָנסט מיך שוין פארשטיין,
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין.

* 37

א ייִנגעלע פון פּוילן

(די מאמע איז געגאנגען)



די מאמע איז געגאנגען
אין מארק אריין נאָך קוילן,
האָט זי מיר געבראכט
א ייִנגעלע פון פּוילן;

אוי (איי) איז דאָס א ייִנגעלע
א שיינס און א פיינס,
מיט די שווארצע אייגעלעך,
קעצעלע דו מיינס.

די מאמע איז געגאַנגען
אין מארק אריין נאָך קרויט,
האָט זי מיר געבראַכט
א יינגעלע פון בויד;

אוי איז דאָס א יינגעלע,
א שיינס און א פיינס,
מיט די ווייסע ציינדעלעך,
קעצעלע דו מיינס.

איך האָב געגעסן מאַנדלען,
איך האָב געטרונקען ווייַן;
איך האָב געליבט א יינגעלע,
איך קאָן אָן אים נישט זיין.

אוי איז דאָס א יינגעלע
א שיינס און א פיינס,
מיט די שווארצע הערעלעך
קעצעלע דו מיינס.

38 *

די מאמע האָט מיך געשיקט

(די מעלאָדיע איז די זעלבע ווי ביי נר. 37)

די מאמע האָט מיך (מיר) געשיקט
קויפן א יאשטשיק;
האָט זיך אין מיר פארליבט (איינגעליבט)
א בחור (יינגל) א פריקאַזטשיק
אוי איז דאָס א יינגעלע (א בחורל), א שיינס און א פיינס,
מיר פאר זיינע בייגדעלעך, קעצעלע דו מיינס.

די מאמע האָט מיך (מיר) געשיקט
קוילען א הון;
האָט זיך אין מיר פארליבט (איינגעליבט)
דעם שוחטס א זון.
אוי איז דאָס א שוחטל א שיינס און א פיינס,
מיר פאר זיינע (דיינע) ציינדעלעך, קעצעלע דו מיינס.

די מאמע האָט מיך (מיר) געשיקט
פרעגן א שאלה,
האָט זיך אין מיר איינגעליבט (פארליבט)
דער רב אויף א ווילע.
אוי איז דאָס א רבילע, א שיינס און א פיינס,
מיר פאר זיין שפיץ יארמעלקעלע, קעצעלע די מיינס!...

39

א יינגעלע פון פוילן
(די מאמע איז געגאנגען)

בוקארעשט, 1950



דער טעקסט איז דער זעלבער ווי ביי נר. 37

* 40

דער טאַטע איז געפֿאָרן

(די בײַקע)



דער טאַטע איז געפֿאָרן (געגאַנגען) אין (קין) באַלטע, (בים)
האָט ער מיר געקויפֿט א בייקע,
האָט ער מיר געקויפֿט א בייקע.

וויפֿל האָט ער באַצאָלט פֿאַר דער בייקע? (בים)
— צוויי מיט אָ האַלבן טאָלער, מאַמע, דייקע,
האָט ער באַצאָלט פֿאַר דער בייקע.

— ווער וועט דיר נייען די בייקע? (בים)
— שרה די מאָדיסטקע, מאַמע, דייקע,
זי וועט מיר נייען די בייקע.

— ווען וועסטו אָנטאָן די בייקע? (בים)
— שבת, נאָכן קוגעל, מאַמע, דייקע.
וועל איך אָנטאָן די בייקע.

— וווּ וועסטו גיין מיט דער בייקע?
— אין דעם גרינעם וועלדל, מאַמע, דייקע,
וועל איך גיין אין דער בייקע.

— מיט וועמען וועסטו גיין אין דער בייקע? (בים)
— מיט א שיינעם בחור, מאַמע, דייקע,
וועל איך גיין אין דער בייקע.

— וואָס וועט זיין דער סוף פֿון דער בייקע?
— ער וועט מיך טאַקע נעמען, מאַמע, דייקע,
דאָס וועט זיין דער סוף פֿון דער בייקע. *

---

* לויט $\frac{ZAF}{43}$ קומט נאָך צו די סטראָפֿ מיט וועלכן דאָס ליד ענדיקט זיך.

41

די בייקע

באָטאָשאַן, 1930.



דער זעלבער טעקסט ווי בײַ נר. 40

* 42

די מאמע קאָכט וואַרעניקעס

(אַז עס געפעלט א חופה*)



* לויט $\frac{ZMM}{29}$

7 c. — 1086

די מאמע קאָכט ווארעניקעס
און איך בין גאָר פֿלייִשיק,
דערזע איך א שיין מיידעלע
קריג איך צו איר חשק.
רעפרען: לא=לא, לא=לא, לא=לא.

שיין איז דאָס מיידעלע,
ווי די גאנצע וועלט,
נאָר איין חיסרון האָט זי דאָך:
זי האָט, דאָך ניט קיין געלט.
רעפרען: לא=לא, לא=לא, לא=לא,

מיר געפעלט דאָס מיידעלע,
מיין מאמע אינדערמיט;
איך האָב ליב דאָס מיידעלע,
מיין מאמע וויל דאָך ניט.
רעפרען : לא=לא, לא=לא, לא=לא.

געלט איז דאָך קיילעכיק,
עס קייקלט זיך אוועק;
נעם איך מיר מיין מיידעלע
און פֿאָר מיט איר אוועק.
רעפרען: לא=לא, לא=לא, לא=לא.

איך פֿאָר מיט איר אוועק
אין דער שטאָט אָדעס;
איך שטעל מיט איר א חופּה
אין איין מעת=לעת
רעפרען: לא=לא, לא=לא, לא=לא.

43

לאָמיר ביידע א ליבע שפּילן

באָטאָשאַן, 1950.



לאָמיר ביידע א ליבע שפּילן,
ווייל מיר זענען ביידע פֿין גאָט א פּאָר (ביס)
איך שווער דיר אז איך וועל דיך נעמען, } ביס
נאָר ווארטן דאַרפסטו אָפּע מיר צוויי, דריי יאָר }

צוויי, דריי יאָר וועל איך אָף דיר ווארטן,
אפילו פיר איז דאָך אויך כדאי, (ביס)
געלט אין פּאָלק אריין וועל איך דיר שיקן } ביס
און מוטשען וועל איך זיך ביים שניידעריי. }

*
. . . .
. . . .

דו וואָלסט כאָטש שיקן אמאָל א בריוול } ביס
און געלט א יעדע וואָך מיר אָף טוטין. }

געלט אויף טוטין וועל איך דיר שיקן
און מוטשען וועל איך מיך אָפּן טויט, (ביס)
אז דו וועסטעך סלאָבאָדיען פון פּאַניען, } ביס
זאָגן וועסטו אז איך בין אן אלטע מויד. }

* דער אינפֿאָרמאַטאָר געדענקט נישט די ווערטער.

44

לאָמיר ביידע א ליבע שפּילן

באָטאָשאַן, 1929*



* אויף אזא מין שטייגער פלעגט ער אָפּזינגען דאָס גאנצע ליד און דאָס האָט זייער אמוזירט דעם עולם.



אוי,
לאָמיר בעווערווײדע אווא ליבעבווע שפּיביביווען
מיר זענעווען ביידע פֿון גאַוואָוואָט א פּאָר,
מיר זעווענעווען בעווערווײדע פֿון גאָט אווא פּאָר;
איך שווער דיר אז איוויך ווערווועל דיך נעמעווען, } ביס
נאָר וואַוואַווארטן דארפסטו אָפּע מיוויר צווערווי דראַווי יאָר }

*45

לאָמיר ביידע א ליבע פֿירן



לאָמיר ביידע א ליבע פֿירן,
לאָמיר ביידע זיין פֿון גאָט א פּאָר; (ביס)
שווערן שווער איך דיך ביי גאָט און ביי מענטשן, } ביס
אז ווארטן וועל איך אויף דיר צוויי-דריי יאָר. }

צוויי־דריי יאָר וועל איך אויף דיר וואַרטן
אַפילו פינף יאָר איז מיר אויכעט כדאַי; (בים)
געלט אין פּאָלק אַריין וועל איך דיר שיקן
און איך וועל מיך מוטשען ביי דעם שניידעריי. } בים

גנבע דיך אַרויס פון דיינע עלטערן,
און קום צו מיר אין וואַגעזאַל אַריין; (בים)
אָפּגעזעגנט זיך און אָפּגעקושט זיך
און גלייך אין וואַגאָן אַריין. } בים

דער פּאָטשאָנג, מאַמעליו, איז שוין לאַנג אָפּגעגאַנגען,
ביי יעדער סטאַציע בלייבט ער שטיין; (בים)
ווען איך דערמאָן זיך אין מיין טייער לעבן,
טו איך מער נישט נאָר קלאָג און וויין. } בים

* ביים שניידעריי וועל איך זיך מוטשען
און דאָ לעבן אין גרויס נויט (בים)
און אַז דו וועסט אַמאָל פון סלוזשבע קומען,
זאָלסטו ניט זאָגן כ'בין אַן אַלטע מויד. } בים

* 46

דו מיידעלע, דו פיינס



* לויט $\frac{\text{ZMM}}{21}$ איז דאָס דער דריטער און דער לעצטער סטראָף.

— דו מײדעלע, דו פײנס, דו מײדעלע דו שײנס,
איך װעל דיר עפּעס פרעגן: א רעטעניש א קלײנס:
װאָס איז העכער פון א הױז?
װאָס איז פלינקער פון א מױז?
— דו נארישער בחור, דו נארישער כלאָפּ!
האָסט דאָך ניט קײן שכל אין דײן קאָפּ!
דער רױעך איז העכער פון א הױז,
א קאַץ איז פלינקער פון א מױז.

— דו מײדעלע דו פײנס, דו מײדעלע דו שײנס,
איך װעל דיר עפּעס פרעגן א רעטעניש א קלײנס:
װאָס פליט אָן פליגל?
װאָס מױערט אָן ציגל?
— דו נארישער בחור, דו נארישער כלאָפּ!
האָסט דאָך ניט קײן שכל אין דײן קאָפּ!
שנײ פליט אָן פליגל,
דער פראָסט מױערט אָן ציגל.

— דו מײדעלע דו פײנס, דו מײדעלע דו שײנס,
איך װעל דיר עפּעס פרעגן, א רעטעניש א קלײנס:
װאָס פאר א קיסר איז אָן א לאנד?
װאָס פאר א װאסער איז אָן זאמד?
— דו נארישער בחור, דו נארישער כלאָפּ!
האָסט דאָך ניט קײן שכל אין דײן קאָפּ!
דער קיסר פון קאָרטן איז אָן א לאנד,
טרערן פון אױגן איז אָן זאמד.

47

פאר דיר וועל איך קויפן

באָטאָשאַן, 1950
בוקארעשט, 1944. *



— פאר דיר וועל איך קויפן
קארעלן מיט יענעטשעס,
פּאַדרע מיט כוואָדעקאלאַן;
איך וועל דיך אויספּוצעווען
און זיידענע פּלאטיצעס } בים
ווי די דאמע פון גרעסטן (שענסטן) סאלאָן.

— איך דארף נישט קיין פּלאטיצעס
איך דארף נישט קיין יענעטשעס,
איך דארף נישט קיין כוואָדעקאלאַן,
** . . . .
. . . .
. . . .

. . . .
. . . .
. . . .
— די שענסטע פּיטאַנען
וועל איך דיר שפּאַנען,
קאטייען וועל איך דיך אומזיסט.

— איך דארף נישט אומזיסט,
איך קען בעסער באצאָלעווען,
אבי נישט צו פּאָרן מיט דיר;
און איר מיילעך קאטשקע
גיט מיר די וואשקע
און רופט מיך אָפּן שפּאציר.

* ביידע אינפאָרמאטאָרן האָבן איבערגענומען דאָס ל י ד ביי יאָסעלע לערנער, אין שטעפּאנעשט, סוטשאווער געגנט, לעבן באָטאָשאַן, צוריק מיט יאָרן.
** געדענקט נישט די ווערטער.

* 48

א מיידל אין די יאָרן

געזונגען פון מיין מאמע.



איך בין דאָך שוין א מיידל אין די יאָרן
וואָס האָסטו מיר דעם קאָפּ (דאָס קעפּעלע) פארדרייט? (בים)
איך וואָלט שוין לאנג א כלה געוואָרן } בים
און אפשר טאקע חתונה געהאט.

דו האָסט מיר צוגעזאָגט נעמען,
איך האָב אויף דיר געווארט; (בים)
פארוואָס זאָלסטו, דושעניו, מיך פארשעמען, } בים
צי האָסטו דיך אין מיר גענארט?

און אפשר גייט דיר קעצעלע אין נדן,
די מאמע וועט פארקויפן די שטוב; (בים)
מיר וועלןביידע חתונה האָבן, } בים
ווייל איך האָב דיך ליב!

און אפשר ווילסטו וויסן מיין יחוס,
דער זיידע איז געוועזן א רב; (בים)
לאָמיר=זשע ביידע חתונה האָבן } בים
און זאָל שוין נעמען א סוף...

* 49

פאפיר איז דאָך ווייס



פאפיר איז דאָך ווייס און טינט איז דאָך שוואַרץ,
צו דיר, מיין זיס לעבן, ציט דאָך מיין האַרץ;
כ'וואָלט שטענדיק געזעסן דריי טעג נאָכאַנאַנד,
צו קושן דיין שיין פנים און צו האַלטן דיין האַנט.

נעכטן ביינאַכט בין איך אויף א חתונה געווען,
פיל שיינע מיידלעך האָב איך דאָרטן געזען;
פיל שיינע מיידלעך, צו דיר קומט נישט גאָר,
צו דיינע שוואַרצע אייגעלעך, צו דיינע שוואַרצע האָר.

דיין טאַליע, דיין מינע, דיין איידלער פאַסאָן,
אין האַרצן ברענט א פייער, מען זעט עס ניט אָן;
נישטאָ אזא מענטש, וואָס זאָל פילן ווי עס ברענט,
דער טויט און דאָס לעבן איז ביי אונדז אין די הענט.

אָך, דו ליבער גאָט, וואַרף מיך נישט אַראָפּ,
גלייך מיך נישט צום ביימעלע און ניט צו קיין סלופּ!
דאָס ביימעלע, אַז עס בליט, איז דאָך זייער שיין,
ווי העלפט מיר שוין גאָט, מיט דיר צו דער חופּה צו גיין!

*אך, דו ליבער גאָט, הער אויס מיין פארלאנג,
דעם עושר גיסטו כבוד מיט א שיינעם גאנג.
אוי, מיר גיב א שטיבעלע אויף דעם גראָז דעם גרינעם,
אז איך מיט מיין זיס־לעבן זאָלן וווינען דריגען.

* לויט $\frac{TJF}{57}$

* 50

טרייע ליבע

בוקארעשט, 1957



— כ'האָב שוין ניט קיין כוח
ביי דער ארבעט איינצוזיצן,
פאר מיין מאמען זאָג איך ניט ארויס, } בים
אוי, ארויס!

זע, האָב אויף מיר רחמנות
און ווער פאר מיר א חתן
און נעם מיך פון דער ארבעט ארויס
אוי ארויס.

— פאר דיר א חתן ווערן
האָט פאר מיר קיין ראסטשאָט ניט,
ווייל איך בין א יינגעלע צום שטיין, } בים
אוי, צום שטיין...

— און אז דו ביסט א יינגעלע
מיט פאלשע געדאנקען,
פון פאָניעס הענט זאָלסטו ניט ארויסגיין
ארויסגיין,

— דיך האָב איך ליב
און דיך וועל איך נעמען.
איך וועל דיך נעמען אָן א גראָשן געלט! } בים
אוי, אָן געלט!

דעם טאטן אויף צו להכעיס,
די שונאים אויף קדחת
מיט דיר וועל איך אָפּלעבן די וועלט,
אוי, די וועלט!

51

וואָס דערגייסטו מיר די יאָרן?

בוקארעשט, 1955



— וואָס דערגייסטו מיר די יאָרן?
מיינע שיינע יונגע יאָרן,
זאָג: וואָס ביסטו צוגעשטאַנען הײַנט צו מיר? (בים)

װען איך זאָל פריער געװען באַטשבע װיסן
אז מײן מאמע'ס דיך נישט װעלן פאר קײן שנור,
װאָלט איך די ליפּן מיט די צײן פאַרביסן, אױ װײ!
און קײן ליבע נישט געשפּילט װאָלט איך מיט דיר.

— צו דײן מאמע האָב איך גאָרנישט.
— האָסטו גאָרנישט?
— האָב איך גאָרנישט.
װײל דײן מאמע איז נישט שולדיק אין דעם.
— װײל מײן מאמע איז נישט שולדיק אין דעם...
— נאָר אין שפּיטאָל אױף א בעטל זאָל זי ליגן,
קײנער זאָל זיך ניט צורירן צין איר,
װײל צו קײן ליבע טאָר מען זיך נישט מישן, אױ, װײ,
אױ, װאָס האָט זי געהאַט צו מיר?

— אָבער צו מײן טאַטן האָסטו גאָרנישט?
— האָב איך גאָרנישט, (בים)
— װײל מײן טאַטע איז נישט שולדיק אין דעם.
— װײל דײן טאַטע איז נישט שולדיק אין דעם...
נאָר אין דער גרױסער תפיסה זאָל ער ליגן
פאַרשפּאַרט אונטער אן אײַזערנעם טױער,
װײל צו קײן ליבע טאָר מען זיך נישט מישן, אױ, װײ,
אױ װאָס האָט ער געהאַט צו מיר?

— צי געדענקסטו װען מיר בײדע
פלעגן יעדע נאַכט שפּאַצירן?
און מײן שװעסטער האָט קײן װאָרט נישט געזאָגט,
— און דײן שװעסטער האָט קײן װאָרט נישט געזאָגט...
נאָר אין די הײזער זאָל זי ארומגײן,
קײנער זאָל זיך נישט ארומקוקן אױף איר,
װײל צו קײן ליבע טאָר מען זיך נישט מישן, אױ װײ!
אױ, װאָס האָט זי געהאַט צו מיר?

— אָבער צו מײן ברודער האָסטו גאָרנישט?
— האָב איך גאָרנישט, האָב איך גאָרנישט!
װײל דײן ברודער איז נישט שולדיק אין דעם.
— װײל מײן ברודער איז נישט שולדיק אין דעם...
— נאָר אָף א טאַטשקעלע זאָל מען אים פירן
און קריכן זאָל ער אָף אלע פיר,
װײל צו קײן ליבע טאָר מען זיך נישט מישן, אױ, װײ!
אױ, װאָס האָט ער געהאַט צו מיר?

— צי געדענקסטו װען מיר בײדע
פלעגן יעדע נאַכט שפּאַצירן?
— און ס'האָט קײנער נישט געװאָלט אונדז פאַרשטײן.... (בים)
אָבער מיר האָבן בײדע געשװױרן
זיך צו נעמען און לעבן אין פרײד,
װײל צו קײן ליבע טאָר מען זיך נישט מישן, אױ װײ!
און א סוף צו די צרות און לײד!

*52

לאָמיר זיך איבערבעטן

באָטאָשאַן, 1950



לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
שטעל דעם סאמאָװאר; (בים)
זײ־זשע ניט קײן נאר.
לאָמיר זיך איבערבעטן, } בים

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף א פאָר מאראַנצן; (בים)
לאָמיר זיך איבערבעטן,
לאָמיר בײדע (גײן) טאנצן. } בים

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
װאָס טוסטו בײ דער טיר? (בים)
לאָמיר זיך איבערבעטן
גיב א קוק אויף מיר,
(קוק ארויף צו מיר) } בים

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף א פונט פיסטאשקעס. (בים)
לאָמיר זיך איבערבעטן
שענק מיר דײנע לאסקעס. } בים

*53

אוי, אבראם



אוי, אבראם,
איך קען אָן דיר נישט זיין,*
איך אָן דיר און דו אָן מיר
קענען מיר ביידע נישט זיין.

געדענקסטו, געדענקסטו ביי דעם טויער,
האָסטו מיר געזאָגט א סוד אין אויער;
אוי, וויי, רבקהניו,
גיב־זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

אוי, אבראם,
איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר
איז ווי א קליאמקע אָן א טיר.

געדענקסטו, געדענקסטו, אויף דעם בולוואר,
איך דער קלוגער און דו דער נאר;
אוי, וויי, רבקהניו,
גיב־זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

אוי, אבראם,
איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר
קענען מיר ביידע נישט זיין.

געדענקסטו, געדענקסטו, דאָס רויטע קליידל,
אוי, בין איך געווען א שיין מיידל,
אוי, וויי, רבקהניו
גיב־זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

---

* דער אָנהויב ווי ביי „שושנת יעקב“

SSI / No. 91

* 54

ווּ ביסטוּ געווען?

דאראבאַן, 1923



ווּ ביסטוּ געווען,
אַז געלט איז געווען
און דער נדן איז געלעגן אויפן טיש?
היינט ביסטוּ דאָ,
אַז קיין געלט איז נישטאָ,
און דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי מיאוס.

רעפרען: טראַ=לאַ=לאַ

ווּ ביסטוּ געווען,
אַז יוגנט איז געווען,
און דאָס לעבן איז געווען צוקער=זיס?
היינט ביסטוּ דאָ,
אַז די האָר זענען גראָ
און דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי מיאוס

רעפרען

ווּ ביסטוּ געווען
אַז יוגנט איז געווען
דאָס הארץ האָט. מיט ליבע געברענט?
היינט ביסטוּ דאָ,
אַז דער קאָפּ איז שוין גראָ
און עס ציטערן שוין ביי מיר די הענט.

רעפרען

55 *

די ווערבע

טעקסט: ח. נ. ביאליק.

באָטאָשאַן, 1928



ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט,
גיי איך מיר ארום פֿארטראכט;
ניט אויף בארג און ניט אויף טאָל,
שטייט א ווערבע פון אמאָל.

א נביאהטע א גרויסע
איז די ווערבע, אלצדינג ווייסט זי,
ביי דער ווערבע וועל איך וועגן
מיין באשערטן טאקע פרעגן.

און זי וועט מיר אלץ דערציילן,
צי מיין געליבטער קומט פון פוילן,
צי פון ליטע, צי פון זאמוט,
א באנקיר, צי א מלמד.

צי א בלאָנדער, א ברונעטער,
א בחור, צי א געגטער
און אפשר גאָר אן אלטן יידן —
בין איך טאקע ניט צופרידן.

איך וועל זאָגן: טאטע, טייט מיך,
נאָר ניט צום שידוך נייט מיך.
אוי, כ'וועל דאָס ניט אויסהאלטן,
כ'וויל טאטע ניט קיין אלטן.

* 56

מיין רוע־פּלאַץ

טעקסט: מ. ראָזענפעלד.



נים זוך מיך ווו די מירטן גרינען!
געפינסט מיך דאָרטן נים, מיין שאַץ!
ווו לעבנס וועלקן ביי מאשינען,
דאָרטן איז מיין רוע=פלאַץ. (בים)

נים זוך מיך ווו די פייגל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטן נים מיין שאַץ;
א שקלאַף בין איך, ווו קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מיין רוע=פלאַץ. (בים)

נים זוך מיך ווו פאָנטאַנען שפריצן!
געפינסט מיך דאָרטן נים מיין שאַץ;
ווו טרערן רינען, ציינער קריצן,
דאָרטן איז מיין רוע=פלאַץ. (בים)

און ליבסטו מיך מיט ווארעמע ליבע,
טאָ, קום צו מיר, מיין גוטער שאַץ!
און הייטער אויף מיין הארץ דאָס טריבע,
און מאַך מיר זים מיין רוע=פלאַץ.

57

אזוי ווי ס'איז ביטער

באָטאָשאַן, 1950
בוקארעשט, 1944. *



אזוי־ווי ס'איז ביטער
צו דינען ביי יענעמען,
אזוי איז דאָך ביטער
און טאקיש געמיין;
עס ציפּט מיך ביים לעבער,
ביים הארץ טוט מיך קלעמען;
אייך גלוסט זיך צו לאכן
און יאך נעבעך וויין.

רעפרען:

יאך בין פאָן ליטאָ מיר,
קאָכט דאָך דאָס בלוט אין מיר,
קאָכט עס א גאנצענע וואָך;
יאך בעט דיך, ליבע מאמעשע,
זאָל די מאדאמעשע
טרעפן א פינצטערן בראָך!

---

* איבערגענומען ביי יאָסעלע לערנער צוריק מיט יאָרן אין שטעפּאנעשט, כוטשאווער געגנט, לעבן באָטאָשאַן.
א טייל בוקארעשטער שוישפּילער, האָבן מיר געזונגען אין ערשטער טייל (3/4—טאקט), די פערטע שטופע (די לא־נאָטע) נאָרמאל (מיט בעקאר און ניטש געהויבן מיט א דיעז). (ע. ס.)

שבת נאָך קוגל,
נאָך קישקע מיט צימעריונג,
אזוי נאָך דעם קוגל
קומט דאָך מיין יונג,
ער קושט מיך און גלעט מיך,
שלמה־יונה, דער ווילער יונג
ווארעם עס ווערט מיר,
פון נחת איך זינג:

רעפרען

ער האָט מיר צוגעזאָגט
ער וועט מיך נעמענען,
און שטעלן א חתונה,
מיין טייערער שאַץ;
ער וועט שטיין אין צילינדער
און שיין וועט דאָס פאסן אים,
און מיין מאדאמעשע
עט קריגן די פלאַץ!

רעפרען

יאך וועל זיך נישט לאָזן
פון קיינעם פארפירעווען,
עס מעג שוין אפילו
דער באלעבאָס זיין אליין,
יאך וועל זיך די בייגל
אויף גלאנץ מאניקירעווען,
מען זאָל נישט דערקענען
דאָס רייבן פון כריין.

רעפרען

*58

מיין הארץ



מיין הארץ, מיין הארץ וויינט אין מיר, *
אז איך דארף זיך שיידן איצט מיט דיר;
מיינע געדאנקען, — אהין אהער, } בים
מיט דיר צו שיידן איז מיר שווער. }

און ווו פאַרסטו מיין זיס לעבן?
ווו פאַרסטו פון מיר אוועק?
ווו וועל איך דיך דארפן זובן, } בים
זאָג־זשע מיר, אויף וועלכן וועג? }

פון ערשטן שטעטעלע, פון ערשטן דערפעלע,
דאָס ערשטע בריוועלע שרייב צו מיר!
בעטן, בעט איך דיך, מיין זיס־לעבן, } בים
פארגעסן זאָלסטו נישט אין מיר! }

* ווערסטו קומען צו א וואסערל
זאָלסטו זיך נישט טרענקען,
וועסטו קומען צו אן אנדער מיידל, } בים
זאָלסטו מיך געדענקען. }

59 *

מיין הארץ

דער זעלבער טעקסט ווי ביי נר. 58.



* דער מוזיקער סטראָף געפינט זיך נאָר אין

IFBF
210 so



60

אוי, ווײ אָן אן עק

שטעפּאַנעשט, 1950*



אוי, ווײ, אָן אן עק, } ביס
מײַן שײן לעבן, פאָרסטו אוועק! }
פאָרסטו אוועק, פאָר־זשע מיט גליק!
בלײַבסטו דאָ, נעם איך דיך צוריק.

* „געהערט פון יאָסעלע לערנער".

אוי, וויי, אָן אן עק,
מיין שיין לעבן, פאָרסט אוועק! } ביס

האָסטעד געוואוסט מיר האָבן זיך ליב,
וואָס האָסטו אונדז געלאָזט אליין אין שטוב?
אוי, וויי, אָן אן עק,
מיין שיין לעבן, פאָרסט אוועק· } ביס

שווארצער שאָל מיט זיידענע פראנדזן,
איך מיט מיין מיידל גייען מיר טאנצן.
אוי, וויי, אָן אן עק,
מיין שיין לעבן, פאָרסט אוועק! } ביס

*61

פאָרן פאָרסטו פון מיר אוועק



פאָרן פאָרסטו פון מיר אוועק,
טייער לעבן מיינס,
פאָרן פאָרסטו זיך צום פריזיוו שטעלן,
אוי, העלף־זשע מיר שוין, גאָטעניו,
זאָלסט ארויס פון קייסערס הענט
און דער גאנצער פריסודסטווע זאָלסטו ניט געפעלן.

— וואָס זשע האָסטו מיר אזוינס אָפּגעטאָן (ע)
טייער לעבן מיינס?
וואָס מיין הארץ ציט אזוי צו דיר?
— איך האָב דיר גאָרנישט אָפּגעטאָן,
טייער לעבן מיינס,
איך האָב זיך פּשוט איינגעליבט אין דיר.

פאָרן פאָרסטו פון מיר אוועק,
טייער לעבן מיינס.
פיל טייכן טרערן(ע) טו איך פאר דיר גיסן,
אוי, העלף־זשע מיר שוין, גאָטעניו,
זאָלסט ארוים פון קייסערס הענט,
מיר זאָלן שוין קענען פון א חתונה שמועסן.

אז גאָט האָט מיר געהאָלפן,
ביזט ארוים פון קייסערס הענט,
מיר האָבן אָנגעהויבן פון א חתונה צו ריידן,
סע האָבן דיינע עלטערן צווישן אונדז א שייד געמאכט
און מיר האָסטו פארשאפט צרות און ליידן.

* 62

א לייטערל צום הימל



— א לייטערל צום הימל וועל איך שטעלן
און וועל ארויפקריכן צו גאָט,
איינע צוויי ווערטער, אוי, וועל איך ביי אים פרעגן,
פאַרוואָס מיין ליבער דארף זיין א סאָלדאַט, אוי, אוי, אוי!

— קיין לייטערל צום הימל וועסט ניט שטעלן
א סאָלדאַט וועל איך בלייבן סיי ווי סיי
נאָר ניעוזשעלי ביסטו אזא מין מיידל,
זאָלסט אָף מיר ניט וואַרטן א יאָר דריי, אוי, אוי, אוי!

— דריי יאָר וועל איך אָף דיר וואַרטן,
אפילו צען יאָר אויך כדאי,
נאָר דו אליין, דו ווייסט דעם גאנצן אמת
וויאזוי ס'איז שווער צו נייען שניידעריי, אוי, אוי, אוי!

* 63

לייג איך מיר מיין קעפעלע

בוקארעשט, 1944



געהערט צום ערשטן מאָל ביי א קאָנצערט אין 1932, געזונגען פון א יאסער סטודענטין (ע. ס.)

לייג איך מיר מיין קעפּעלע
אויף מיין מאַמעס בעטעלע,
גייט מיין מאַמע פאַרביי,
נאָכאַנאַנד זי טוט און קוועלט:

שלאָף מיין טעכטערל האַרצינקע (שיינינקע),
אייגעלעך האָסטו שוואַרצינקע (ריינינקע);
שלאָף געזונטערהייט,
שלאָף געזונטערהייט.

לייג איך מיר מיין קעפּעלע
אויף ביין טאַטנס בעטעלע,
גייט מיין טאַטע פאַרביי,
נאָכאַנאַנד ער טוט און קוועלט:

שלאָף מיין טעכטערל פיינינקע,
ביזט דאָך גאָר אַ שיינינקע,
שלאָף געזונטערהייט,
שלאָף געזונערהייט.

לייג איך מיר מיין קעפּעלע
אויף מיין שוויגערס בעטעלע,
גייט מיין שוויגער פאַרביי,
נאָכאַנאַנד זי טוט און שעלט:

מיין שנור איז קיין בריה נישט,
קיין מלאָכה טוט זי נישט,
נאָכאַנאַנד זי טוט און שלאָפט,
נאָכאַנאַנד זי טוט און עסט.

לייג איך מיר מיין קעפּעלע
אויף מיין מאַנס בעטעלע,
גייט מיין מאַן פאַרביי
נאָכאַנאַנד ער טוט און קוועלט:

שלאָף מיין ווייבעלע קליינינקע,
ציינדעלעך האָסטו שיינינקע —
שלאָף געזונטערהייט,
שלאָף געזונטערהייט.

* 64

נאָך א גלעזעלע טיי

מעקסט און מוזיק: מ. געבירטיג. באָטאָשאַן — 1944.



— בערעלע, מיין ליבינקער,
כ׳האָב צו דיר א בקשה.
— פערעלע, מיין ליבינקע,
וואָס איז דיין בקשה?

— ווען מיט מזל איך וועל האָבן
א יינגעלע אין פריידן,
וויל איך אונדזער קינד זאָל הייסן } ביס
נאָך מיין פרומען זיידן.

— פארוואָס עפּעס נאָך דיין זיידן?
כ׳האָב דאָך אויך א דעה,
האָסט דאָך ערשט געהאט א מיידל } ביס
נאָך דיין באבע לאה.

— בערעלע, מיין מאנעלע,
כ׳וויל דיך עפּעס דערמאָנען —
— פּערעלע, מיין ווייבעלע
וואָס ווילסטו מיך דערמאָנען?

— דו פארגעסט, אז אונדזער לייבקע
הייסט שוין נאָך דיין זיידן,
פארוואָס קלויבסטו זיך די יונגען, } ביס
ווארפסט מיר צו די מיידן?

— און דו פארגעסט, אז נאָך דיין טאטן
הייסט דאָך אונדזער נחום,
ער איז דערפאר אין אים געראָטן — } ביס
נישט קיין גרויסער חכם.

— בערעלע, מיין טייערער,
כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן —
— פּערעלע, מיין טייערע,
וואָס ווילסטו מיר זאָגן?

— וואָזשע דארף מען איצט זיך קריגן,
לאָמיר נאָר דערלעבן,
וועל איך דווקא נאָך מיין זיידן } ביס
ס׳קינד א נאָמען געבן.

— וואָזשע טאקע איצט זיך קריגן
און אומזיסט צו רעדן,
אפשר וועט גאָר זיין א צווילינג — } ביס
ס׳קאָן גאָר זיין צוויי מיידן.

ג. אויף חתונות, אויף שמחות, ימים־טובים

מאָטאָ: העכער, בעסער,
די ראָד, די ראָד מאכט גרעסער!

65 *

די מעזינקע אויסגעגעבן

טעקסט און מוזיק: מ. מ. וואַרשאַווסקי.

באָטאָשאַן — 1944.



העכער, בעסער,
די ראָד, די ראָד מאכט גרעסער!
גרויס האָט ער מיך געמאכט,
גליק האָט ער מיר געבראכט,
הוליעט קינדער א גאנצע נאכט!
די מענזינקע אויסגעגעבן! (בים)

שטארקער, פרייליעד,
דו די מלכה, איך — דער מלך.
אוי! אוי! — איך אליין
האָב מיט מינע אויגן געזען
ווי גאָט האָט מיך מצליח געווען;
די מעזינקע אויסגעגעבן! (בים)

איציק-שפּיציק,
וואָס שוויגסטו מיטן שמוטשיק?
אויף די כלי-זמר גיב א געשריי!
צי שפּילען זיי, צי שלאָפן זיי?
רייסט די סטרונעס אלע אויף צוויי!
די מעזינקע אויסגעגעבן (בים)

אייזיזק, מזיק,
די באבע גייט א קאָזיק,
אָן עין הרע, זעט נאָר, זעט,
ווי זי טופּעט, ווי זי טרעט!
אוי, א שמחה, אוי, א פריידּ!
די מעזינקע אויסגעגעבן! (בים)

מאַטל, שמעון,
די אָרעמע לייט געקומען,
שטעלט פאַר זיי דעם שענסטן טיש,
טייערע וויינען, טייערע פיש,
אוי, מיין טאָכטער, גיב מיר א קוש!
די מעזינקע אויסגעגעבן! (ביס)

66

די חתונה

בוקארעשט, 1950



* וויכטיק איז דאָ דער פאַקט וואָס דער אינפאָרמאַטאָר האָט געהאַט דעם טעקסט, ווי אויך יענעם וואָס ביי נר. 143 וואָס גייט אויף דער זעלבער מעלאָדיע.

עס רעשט און זידט דער אונטערהאלט,
מע האָט כמעט פארגעסן,
חתן־כלה פאסטן, געוואלט,
יידן ווילן עסן!
שרייט דער בדחן: אוי, אוי, אוי,
ליבע מחותנים,
האלט דעם עולם ניט אזוי,
מען פאלט שוין אויפן פנים.

שוין צייט צו שטעלן די חופה
די חופה, די חופה,
שוין צייט צו שטעלן די חופה
די חופה, נו שוין, נו!

דאנקען גאָט זיך אָפּגעקריגט
שוין די צדדים ביידע;
אצינדער, יידן, נאָר געריקט
צו דער חופה היידא!
ס׳ווארטן דאָרטן ביי דער שול
חברה מעשים־טובים,
יינגען, מיידן, אזוי פיל,
שטיפן, רעשן, ווייוועז.

פלוצים, קולות שטיל שוין,
מע גייט שוין, מע ריקט שוין,
פלוצים, קולות שטיל שוין,
מע גייט שוין, מ׳איז שוין דאָ.

פאָרויס קלעזמער ערשטע קלאַס,
פידלער — משה רימפל;
חיים־יאָקל מיט דעם באַס,
בערל מיט דעם צימבל.
קלאָפּט אוורימל אויף דער פויק,
יונה מיט די טאצן;
וואָלף טרומייטער גיט א הויך,
עס הילכט אין אלע גאסן:

טא־טא־טא, טא־טא־טא,
טא־טא־טא, טא־טא־טא!

איצטער גיין כל־מיני אדעץ,
פול א גאנצע מחנה:
מחותן זרח, מחותן זעץ,
מחותן שלום שאכנע;
פראכט א יידענע מיט צוויי בערד
ברייט ווי נח׳ס תבה,
אויסגעצירט ווי דעם קייסערס פערד.
ווער איז די נקבה?

דאָס איז דער כלה׳ס מאמע,
די מאמע, די מאמע.
דאָס איז דער כלה׳ס מאמע,
די מאמע אן אנטיק.

איצט גייט איינער אָפּגערוט,
שיבע, שיבע, שיבקע;
און זיין בייכל איז גוט געניט
ס׳איז מחותן זיפקע.
איצט שפאנט איינער אָנגעטאָן
אין א ראזעווולקע,
א קאַפּאָטע אין א שטראַם,
א שטעקן מיט א גולקע.

דאָס איז אונדזער „רייפל“,
דאָס רייפל, דאָס רייפל,
דאָס איז אונדזער רייפל
רייפעלע דער רב.

איצט שפאנט איינער אָנגעטאָן
פוטער מלבוש גדול,
א קאַפּאָטע און א שטראַם
ערשט ניי פון דער נאָדל,
צוויי צי דריי האָר אין דער באָרד,
פייקעלעך — נישקשה;
דאכט זיך מיר ער איז פארטאָרעט, —
ער חזרט זיך די דרשה.

הורא! עס גייט דער חתן,
דער חתן, דער חתן!
הורא! עס גייט דער חתן,
דער חתן, דער „כאסאן“!

פירט מען ווי א בלינדע קו
עפּעס איינס א מיידל,
דאָס פנים מיט א דעקטוך צו,
פון הינטן מיט א ווידל.
דאכט זיך מיר אזוי כמעט,
זי ווישט זיך די אויגן;
פייפט דאָס פלייטעלע׳ן א זייט
גלייך ווי ס׳וואָלט זי פרייגן:

כלהניו, וואָס ווייכסטו?
וואָס ווייכסטו, וואָס ווייכסטו?
כלהניו, וואָס ווייכסטו?
וואָס ווייכסטו, כלהניו?

וואָסזשע ווייכסטו גאָר אצינד,
פאר דעם חופה־רינגל?
אוי, דאָס שיינע ליבע קינד
ליבט אן אנדער יינגל.
אירע יונגע יאָר פארמיאוסט
האָט מען איר אויף תמיד,
פייפט דאָס פלייטל אזוי זיס —
עס ציפּט ארויס די נשמה:

שיין איז ער געוועזן,
געוועזן, געוועזן!
שיין איז ער געוועזן,
געוועזן איז ער שיין!

קוק נאָר מיידעלע, ניט ווייט
שטייט פאר דיר דער קבר;
קוק נאָר דאָרטן דעם כאסאַן,
ער רירט ניט מיט קיין עבר.
צינדט הבדלות אָן א שיער,
חתן, אוי, א זינגל;
ארומגעדרייט זיך זיבן מאָל,
איר אָנגעטאָן דאָס רינגל.

טראך, צעקנאקט א גלייזל,
א גלייזל, א הערצל,
טראך, צעקנאקט א גלייזל,
א הערצאלע א קליינס.

אפשר טוט גאָר גאָט א נס,
ווי סע שטייט אין ביכלעך;
מיידעלע, פארגעס, פארגעס,
אין די קינדער־שיכלעך!
קוק, די מאמע האלט דאָרט פעסט
דעם טאטן דעם מיוחס —

סקריפּעט אונטער אים דער באס
בייז ווי טויזנט רוחות:

א יידישע מויד באגראָבן,
באגראָבן, באגראָבן!
א יידישע מויד באגראָבן,
צו אלדע גוטע יאָר!

באנצע־חייה, די גבאיטע
עס טאנצט אויף איר דער טשיפּיק;
העפּקעט די מחותנתטע,
דער מחותן מיט דעם פּיפּיק.
געלויבט איז דער, מיט זיין געווער;
וואָס טוט אייביק לעבן!
כ'בין מיט מזל געוואָרן א שווער,
די מעזינקע אויסגעגעבן!

מזל טוב אונדז אלע,
אונדז אלע, אונדז אלע!
מזל טוב אונדז אלע!
אונדז אלע מזל טוב!

* 67

מיר זענען ניכטער

באַטאַשאַן, 1928.



מיר זענען ניכטער, גיט אביסל משקה,
מיר זענען ניכטער, גיט אביסל משקה,
טרוקן איז ביי אונדז אין האלדז. וועלן מיר אייך זינגען באלד.**

---

* דער צווייטער וואריאנט איז שבעל־פה. אינטערעסאנט איז דאָ דער מעלאָדישער גאנג פון די לעצטע דריי טאקטן דערמיט, וואָס ער בילדעט אויס א קעגנזייטיקע הארמאָני לגבי דעם געדרוקטן וואריאנט.

** דאָס ליד ווערט איבערגעחזרט א סך מאָל.

* 68

איין מאָל, איין מאָל
(א וואָלעכל)

באָטאָשאַן, 1932
בוקארעשט, 1950.



איינ מאָל, איין מאָל (איין מאָל, איין מאָל, איין מאָל) } ביכ
אוי, איין מאָל טו איך זיך באנייען
א גאנצע וואָך, האָרעוועט מען דאָך, } בים
אויף שבת דארף מען לייען.

לייען, לייען, (לייען, לייען, לייען,)
אוי, לייען זאָל מען נישט באדארפן;
שבת אָן כריין, קאָן מען זיך באגיין,
אָבער נישט אָן בראָנפן. בים

לויט א יין אינטערפּרעטאציע ווערן געזונגען נאָך די ערשטע צוויי טאקטן, דער פינפטער טאקט, האלטנדיק איין ריטם. דער דריטער און דער פערטער טאקט וואָס ווערן געזונגען צוריק געהאלטן געהערן צו אן אנדערער אינטערפּרעטאציע.

דאָס ליד איז באקאנט אויך אונטערן נאָמען „א וואָלעכל“ און עס הויבט זיך אָן אזוי:

א וואָלעכל, א וואָלעכל, א וואָלעכל, א וואָלעכל,
אוי, לאָמיר אלע שרייען (בים)
א גאנצע וואָך... א. א. וו. (ע. ס.)

בראָנפּן, בראָנפּן, (בראָנפּן,
בראָנפּן, בראָנפּן)
אוי, בראָנפּן, דאָס איז דאָך מיין נחמה;
אז איך מאך א כוס נאָך א כוס, } בים
דערקוויק איך מיין נשמה. }

מיין נשמה, מיין נשמה מיט מיין נחמה
זענען דאָך אינגאנצן;
אז איך נעם א כוס נאָך א כוס, } בים
גייען די פיסעלעך טאנצן. }

טאנצן, טאנצן, טאנצן, טאנצן, טאנצן,
איז גאָר א הויכע מידה.
און אז איך נעם נאָך אמאָל א כוסה, } בים
טאנץ איך מיט א חסידה. }

מיט א חסידה, מיט א חסידה?
מיט א חסידה
איז דאָך א גרויסע עבירה;
אָבער, אז איך נעם א כוס נאָך א כוס, } בים
האָב איך נישט קיין ברירה. }

צו טאנצן, צו זינגען, צו שפּרינגען,
דערצו טו איך טויגן:
אז איך מאך א שנאפּס נאָך א שנאפּס, } בים
באקום איך קלאָרע אויגן. }

אויגן, אויגן, אויגן —
אויגן האָב איך קלאָרע:
אז איך מאך א שנאפּס נאָך א שנאפּס } בים
איז: שהכל נהיה בדברו. }

69 *

בייט־זשע מיר אויס א פינף־און־צוואנציקער

באָטאָשאַן, 1942.



בייט=זשע מיר אויס א פינף=און=צוואנציקער
אויף סאמע ראָדנע דרייער;
שפּילט=זשע מיר, קלעזמאָרימלעך,
א לידעלע, א טייער.

רעפרען:

דאָם־טשו־רים־טשו, דאָם־טשו־רים־טשו,
דאָם־טשו־רים־טשו, דאָם־טשו־ראם!

בייט־זשע מיר אויס א פינף־און־צוואנציקער.
אויף סאמע ראָדנע צענער;
שפּילט־זשע מיר, קלעזמאָרימלעך,
דאָס זעלביקע — נאָך שענער.

רעפרען

בייט־זשע מיר אויס א פינף־און־צוואנציקער'
אויף א סאמע ראָדנע פירער;
שפּילט־זשע מיר, קלעזמאָרימלעך,
דאָס זעלביקע וואָס פריער.

רעפרען

בייט־זשע מיר אויס א פינף־און־צוואנציקער
אויף סאמע אימפּעריאלן;
איך וועל בעטן די קלעזמאָרימלעך.
זיי זאָלן זיך ניט איילן.

רעפרען

*70

דער רבי אלימלך

טעקסט: משה נאדיר





אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן זייער פריילעד —
איז געוואָרן זייער פריילעד אלימלד,
האָט ער אָנגעטאָן דעם קיטל
און דאָס שבתדיקע היטל
און געשיקט נאָך די פידלער די צוויי.

און אז די פידלדיקע פידלערס
האָבן פידלדיק געפידלט,
האָבן פידלדיק געפידלט האָבן זיי,
און אז די פידלדיקע פידלערס
האָבן פידלדיק געפידלט
אָט די פידלדיקע פידלערס די צוויי.*

...האָט ער אויסגעטאָן די תפילין
און האָט אויסגעווישט די ברילן
און געשיקט נאָך די פייקלערס די צוויי.

...האָט ער אָפּגעמאַכט הבדלה
און דער גבאי ר'נפתלי
איז געלאָפן נאָך די צימבלער די צוויי.

...האָט ער געענדיקט שלוש-סעודות
און געזאָגט אז ער שוין מיד איז
און געשיקט די קאפעליע אהיים.

איז די קאפעליע געגאנגען
און געפידלט און געפייקלט
און געצימבלט ביז אין ווייסן טאָג אריין!
און דאָס איז פון די פידלערס
און די פייקלערס און צימבלערס
געווען זייער שיין או, זייער פיין!

K 80/94 די מעלאָדיע — אן אויסצוג פון זיוול זילבערטס ארבעט; די קליינע נאָטן זענען לויט מיר זענען זיך משער אז דאָ — ביי דער לעצטער שורה — האָט זילבערט אריינגעפירט אן אָגמענטאציע מיט פויזן, כדי איבערצוראייסן די מאָנאָטאָניע.

* אונטער די נאָטן ווערט דאָ געזונגען: „האָבן פידלדיק געפידלט האָבן זיי".

* 71

דער רבי אלימלך

געזונגען פון צענדליקער אינטערפרעטן.



אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן זייער פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך
אלימלך,

האָט ער אויסגעטאָן דעם קיטל
און האָט אָנגעטאָן די (דאָס) היטל
און געשיקט נאָך די פידלער
די צוויי.

און אז די פידלדיקע פידלער,
האָבן פידלדיק געפידלט,
האָבן פידלדיק געפידלדט,
האָבן זיי.
(ביס)

און אז דער רבי אלימלך,
איז געוואָרן גאָר שטארק פריילעך,
איז געוואָרן גאָר שטארק פריילעך,
אלימלך,

האָט ער אָפּגעמאַכט הבדלה
מיטן שמש רב נפתלי
און געשיקט נאָך די צימבלער
די צוויי.

און אז די צימבלדיקע צימבלער,
האָבן צימבלדיק געצימבלט,
האָבן צימבלדיק געצימבלט,
האָבן זיי.
(ביס)

און אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן נאָך מער פריילעך,
איז געוואָרן נאָך מער פריילעך
אלימלך,

האָט ער אויסגעטאָן די תפילין
און האָט אויסגעווישט די ברילן
און געשיקט נאָך די פּייקלער
די צוויי.

און אז די פּייקלדיקע פּייקלער
האָבן פּייקלדיק געפּייקלט, } בים
האָבן פּייקלדיק געפּייקלט
האָבן זיי.

א טייל אינטערפרעטן — פּראָפעסיאָניסטן איבערהויפּט — פלעגן זייער אמוזירן דעם עולם מיט אזא מין וואריאנט פון א רעפרען, אין דער פאָרם פון א „געמישעכץ" מיט וועלכן זיי פלעגן ענדיקן דאָס ליד:

„און אז די פידלדיקע צימבלער
האָבן פּייקלדיק געפידלט
האָבן צימבלדיק געפּייקלט
האָבן זיי,

און אז די פּייפּלדיקע פּייקלער
האָבן פידלדיק געצימבלט
האָבן צימבלדיק געפּייקלט
האָבן זיי."

*72

צו דיין געבאָרטס-טאָג

טעקסט און מוזיק: א. גאָלדפאדען*



* פון ערשטן בילד פון דער „כשוף=מאכערין".



צו דיין געבאָרטס־טאָג,
צו דיין יום־טוב, היינט,
האָבן זיך פאַרזאַמלט
דיינע גוטע (בעסטע) פריינד;
יעדער ווינטשט דיר צו געזונטערהייט:
פיל נחת און פיל פרייד!

הורא, הורא!
(וויוואַט, וויוואַט!) מיר ווינטשן דיר } 3 מאָל
מיר ווינטשן דיר געזונט און פרייד!

73

מזל־טוב!

בוקאַרעשט, 1955.





מזל־טוב און מזל־טוב!

אוי, פרייט אייך יידן, פרייט!

גיכער, אוי, גיכער,

די חופה ז'אָנגעגרייט!

דער פעטער יאָשע נ'די מימע גיטאַלע,

וועלן גיין א „כאָפּקע“

און שטעלן דאָס פיסאַלע, אוי!

מזל־טוב און מזל־טוב!

אוי, פרייט אייך יידן, פרייט!

גיכער, אוי גיכער,

די חופה ז'אָנגעגרייט!

פרעגט נישט קיין „שאלע“,

אָט גייט די כלה!

פרייט אייך יידן אין א גוטער שעה!

74

צו דער חופּה!

באָטאָשאַן, 1940



75

לעבעדיק!

בוקארעשט, 1956.





76

אויפגעשפילט!

בוקארעשט, 1955.





77

מיטן פידעלע

געשפילט פון א קלעזמער 70 יאָר,
בוקארעשט, 1952.



חסיד*

פון א. גאָלדפארען,

בוקארעשט, 1956.



79

א פריילעכער ניגון



80

צוויי ניגונים

אראד, 1954.





* די דאַזיקע „צוויי ניגונים" ווערן געזונגען אויך ווי צוויי באזונדערע ניגונים.

81

א טאנץ

באָטאָשאַן, — 1933.



** א וואריאנט דערצו געפינט מען אין „חבד-ניגון", $\frac{\text{JSA}}{92}$

82

פריילעך!

אראד 1954.





83

שמעלנערס טאנץ

בוקארעשט — 1956



* א וואריאנט נאָר צום אָנהויב פון דעם ניגון, לויט 92/FK „א ש״ת ניגון״.



84

א פריילעכס

אראד, 1954.





85

חסידיש

אראד, 1954.





* 86

מחותנתטע מיינע !



מחותנתטע מיינע, מחותנתטע געטרייע,
(אוי,) לאָמיר זיין אויף אייביק מחותנים; (ביס)
איך גיב אייך אוועק מיין טאָכטער פאר א שנור, } ביס
זי זאָל ביי אייך נישט אָנווערן דאָס פּנים.

מחותנתסטע מיינע, מחותנתסטע געטרייע,
מיין קינד זאָלט איר נישט פרי אויפוועקן, (ביס)
און מאָטער וועט איר זען אן עוולה אויף מיין קינד, } ביס
ווי א מאמע זאָלט איר דאָס פארדעקן.

מחותנתטע מיינע, מחותנתטע געטרייע,
אויף קינדער האָבן טוט מען בלוט פארגיסן (ביס)
און טאָמער וועט איר זען, אז דער זון האָט ליב די שנור, } ביס
זאָל עס אייך גאָרנישט פארדריסן.

מחותנתטע מיינע, מחותנתטע געטרייע,
איך פאָר צו אייך מיט א פּאַריקל, (ביס)
טאָמער וועט איר זיין א שלאק, א בייזע שוויגער, } ביס
איז מיין טאָכטער אויכעט אן אנטיקל.

87

מחותנתטע מיינע

בוקארעשט, 1949.





איך פאָר פון אייך אוועק, (בים)
מיינע ליבע מחותנים, (בים)
איך לאָז אייך איבער דאָ מיין טאָכטער פאר א שנור } בים
זי זאָל ביי אייך ניט אָנווערן דאָס פנים.*

מחותנתטע מיינע, מחותנתטע געטרייע,
אוי לאָמיר זיין אויף אייביק מחותנים. (בים)
איך גיב אייך אוועק מיין טאָכטער פאר א שנור } בים
זי זאָל ביי אייך נישט אָנווערן דאָס פנים.

* דער דאָזיקער סטראָף קומט פאָר אלס צוגאָב צום ליד נאָך וועלכן עס ווערן געזונגען אלע סטראָפן לויט זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן ביים פאָריקן נומער (86), אָבער אין אונדזער וואריאנט (לויט דער מעלאָדיע פון נר. 87).

*88

דריי טעכטערלעך

טעקסט און מוזיק: מרדכי געבירטיג.
„א מתנה מיין ליב ווייבל, בלומקע"



ווען מיט מזל, געזונט און לעבן
ס'עלטסטע טעכטערל מיר וועלן אויסגעבן,
וועל איך טאנצן מיר האָפּ, האָפּ!
אראָפּ אן עול פון קאָפּ,
וועל איך טאנצן, אוי וועל איך טאנצן —
אראָפּ אן עול פון קאָפּ.

שפילט, קלעזמאָרים! שפילט מיט לעבן —
ס'ערשטע טעכטערל היינט אויסגעגעבן,
נאָך געבליבן אונדז מיידלעך צוויי,
ווי האלט מען שוין ביי זיי!
שפילט קלעזמאָרים, נעמט די כלי־זיין!
זאָל די גאנצע וועלט מיט אונדז זיך פרייען,
אוי, אונדזער שמחה ווייסט נאָר איין גאָט
און דער וואָס טעכטער האָט.

ווען כ'וועל זען שוין דאָס צווייטע מיידל
אָנגעטאָן אין ווייסן חופה־קליידל,
וועל איך טרינקען און פריילעך זיין —
אראָפּ פון הארץ א שטיין,
וועל איך טרינקען, אוי, וועל איך טרינקען,
אראָפּ פון הארץ א שטיין.

שפילט, קלעזמאָרים, הייבט אָן שניידן!
ס'צווייטע מיידל גיבן מיר אוים אין פריידן,
דאָרט מוזינ'קל נאָך האָבן מיר,
ווי האלט מען שוין ביי איר...
שפילט, קלעזמאָרים, פאר אונדז מחותנים,
זאָלן א לעב טאָן אויך אמאָל קבצנים,
א קינד אויזגעגעבן, אוי, גאָטעניו,
א מיידל נאָך דערצו.

ווען ביים לעצטן כ'וועל שפילן הערן,
וועל איך עפּעס טרויעריק שטיין און קלערן —
ס'לעצטע טעכטערל שוין אויך אוועק,
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק?
ס'לעצטע טעכטערל, אוי, ס'לעצטע טעכטערל,
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק?

שפילט, קלעזמאָרים! באזעצט די כלה,
צוגענומען אונדז די קינדער אלע,
שווער געווען אונדז די טעכטער דריי
אוי, שווערער נאָך אָן זיי.
שפילט, קלעזמאָרים, ארויס אונדז טרערן,
ס'לעצטע בעטל וועט היינט ליידיק ווערן,
ס'גאנצע שטיבל, איר קליידער־שאנק —
אוי־וויי, ווי פּוסט און באנג.

אז די יום־טובדיקע טעג

פון מ. מ. ווארשאווסקי

באָטאָשאַן, 1950
בוקארעשט, 1951.



אז די יום־טובדיקע טעג הייבן זיך אָן באוויזן
ווער איך ביי מיר (טאקע) א גדול;
איך לעג מיר אוועק די שער און אייזן
און ווי האָב ביי מיר נאָר א נאָדל.
אויפגעהערט נייען, ארבעט(ן) זוכן,
הארצעדיקער טאטע!
א ביסעלע (גלעזעלע) ווײַן אום יום־טוב צו פארזוכן
איז בעסער ווי לעגן א לאטע.

דאָס גלעזעלע ווײַן איז דאָך לויטער ווי דער הימל
און ווארעם ווי א פעלץ אינמיטן ווינטער;
נאָך דעם עסן כאַפּ איך א דרימל
און חנה דרימלט אונטער.
דערנאָך דעם טו איך זיך גאָר איילן,
מען טאָר קיין צייט ניט פארלירן
נעם איך חנהן מיט ביידע קינדער
און גיי אויפן שליאך (גאס) שפאצירן.

דאָרטן טרעף איך די גאַנצע קאָמאַנדע,
מע רעדט וועגן מלחמה,
מע סטרויעט אַרמאַטן מכל המינים
און מע לעגט מענטשן אין דער אדמה.
דאָרטן זאָגט מען איז א פּחד,
מענטשן קוילען מענטשן,
זאָג=זשע מיר חנה, סערצע מײַנע,
צי קען אזוי גאָט בענטשן?

כאָטש אין דער מלחמה פאַרשטיי איך מיר ווייניק,
וואָס האָט מען דאָ צו שמועסן?
ווען איך זאָל זײַן א גרויסער קעניג
וואָלט איך פאַרבאָטן צו שיסן.
איך וואָלט ניט דערלאָזט אזעלכע רציחות,
איך וואָלט געזאָגט אָן מורא:
אָנשטאָט זיך צו שלאָגן ביידע מלוכות —
בעסער צו גיין צו א דין=תורה.

אז די יום=טובדיקע טעג הייבן אָן פאַרגיין,
האַרצעדיקער טאַטע!
איז ווידער שניידן, ווידער נייען
און ווידער לייגן א לאַטע.
ווידער ציט זיך דאָס אַלטע לעבן,
עס נעמט בײַם האַרצן רײַסן,
אוי, וויי, חנה, סערצע לעבן,
צי האָסטו ניט וואָס צו פאַרבײַסן?

*נאָך דער שול מאַך איך א גוטן קדוש
און פאַרבײַס מיט קאָרענעם לעקעך
צו די פיש האָב איך קיין תענוגות,
מען רעדט און מען קנאַקט זיך ניסלעך.
אוי, איך וועל אײַך זאָגן, טײַערע קינדער,
די מעשה איז גאָר ניט קיין נײַע, —
אז גאָט וויל, מאַכט ער די גרעסטע וואונדער,
בײַ זיך אין דער מאַסטערסקײַע.

ZAF
17

* די דאָזיקע סטראָפע איז לויט

שא, שטיל, ניט געזאָרגט *



(און) אז עס קומט דער ליבער פסח
ווידער אויף דאָס ניי,
נישטאָ קיין מצות, נישטאָ קיין וויין,
אײ־אײ־אײ־אײ־אײ!

רעפרען:

שא, שטיל, ניט געזאָרגט,
גאָט אין הימל איז א פאָטער,
דאָרט געליען, דאָ געבאָרגט,
האָסט שוין אלץ און פּטור.
היי, היי!

---

* דאָס ליד האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג אויך אויף דער יידישער בינע.

וואָס מיר זענען, זענען מיר,
אָבער חסידים זענען מיר,
און צום רבין פאָרן מיר
אונדזער גאנץ לעבן.

שא, שטיל, ניט געזאָרגט,
גאָט אין הימל איז א פאָטער!
דאָרט געליען, דאָ געבאָרגט,
האָסט שוין אלץ — און פטור.

און אז עס קומט דער ליבער שבועות,
ווידער אויף דאָס ניי,
נישטאָ קיין מילכיקס, נישטאָ קיין גרינס —
אוי=אוי=אוי=אוי.

רעפרען

אז עס קומט דער ליבער סוכות,
ווידער אויף דאָס ניי,
נישטאָ קיין סכך, נישטאָ קיין אתרוג —
אוי=אוי=אוי=אוי.

רעפרען

91 *

קינדער מיר האָבן שמחת-תורה

טעקסט און מוזיק: מ. מ. ווארשאווסקי.

באָטאָשאַן, 1928.



קינדער, מיר האָבן שמחת־תורה,
שמחת־תורה אויף דער גאַנצער וועלט!
תורה איז די בעסטע סחורה —
אַזוי האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט!

רעפרען:

אוי, וויי, אוי־אוי־אוי!
פריילעך, קינדער אָט אַזוי!
רענדלעך שיטן זיך פון די זעק!
פריילעך — אָן אַ עק!

כאָטש איך בין מיר אַן אָרעם יידל,
און עס דאַרט מיר גוט דער מוח,
שמחת־תורה זינג איך אַ לידל,
און מאַך אַ גוטע כוסה אויך!

רעפרען

דבורה, גיב מיר די נייע קאַפּאָטע,
איך וועל זי אָנטון טאַקע אַצינד,
איך וועל דיר זאָגן, אַלצדינג איז בלאָטע, —
אַבי מען איז ברוך־השם געזונט!

רעפרען

דבורה, גיס־זשע נאָך אַ גלעזל
פון דעם יום־טובדיקן וויין...
וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט דאָס נעזל?
אַ רוח אין מיינע שונאים׳ס טאַטן אַריין!

רעפרען

צי עס דרייען זיך מיט דיר די גאַסן,
צי עס דרייט זיך מיט מיר די שטוב?
דבורה, אָט האָסטו באמת געגאָסן! —
לעבן זאָלסטו, דאָס לעבן איז ליב!

רעפרען

קינדער, מיר האָבן שמחת־תורה,
שמחת־תורה אויף דער גאַנצער וועלט!
„תורה איז די בעסטע סחורה!“
אַזוי האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט!

רעפרען

*92

א ניגונדל

1945 — באָטאָשאַן



האָבן מיר א ניגונדל,
אין נחת און אין פריידן, (בים)
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אזוי שיין!
דאָס האָט דאָך געזונגען
די באבע מיטן זיידן,
ווען זיי זענען קינדער נאָך געווען.

רעפרען:
אוי, אוי, אוי, אָט אזוי=זשע
ווי דער ניגון קלינגט אצינדער,
אזא פריילעכס, אזא פריילעכס
זינגט=זשע, קינדער.
אָט אזוי=זשע, ווי דער ניגון קלינגט אצינדעו
אזא פריילעכס לאָמיר אלע גיין.

האָבן מיר א ניגונדל,
זינגען מיר צוזאמען, (בים)
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אזוי שיין!
דאָס האָט דאָך געזונגען
דער טאטע מיט דער מאמען,
ווען זיי זענען קינדער נאָך געווען.

רעפרען

האָבן מיר א ניגונדל,
אין מזל און אין ברכה, (בים)
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אזוי שיין!
דאָס האָט דאָך געזונגען
די גאנצע משפחה,
ווען זיי זענען קינדער נאָך געווען.

רעפרען

93

פורים-ליד

באָטאָשאַן, 1944.



איך, דער מלך אחשורוש,
זאָג צו אייך אצינד בפירוש,
אז אין לעבן איז דער עיקר׳
עסן, טרינקען און זיין שכור.

עסן, טרינקען און זיין שכור,
דאָס אין לעבן איז דער עיקר;
עסן טרינקען און זיין שכור,
אזוי דענקען אונטערדריקער.

*„דאָס ליד האָבן מיר געזונגען אין לאַגער, דער גאנצער עולם. א חבר, א יאסער האָט דאָס געמאכט.

* 94

לאָמיר טרינקען א לחיים

באָטאָשאַן, 1944.



לאָמיר טרינקען א לחיים,
איי-איי-איי, איי איי איי!
פאר דעם לעבן, פאר דעם נייעם, } ביס
איי איי איי, איי איי איי!

לאָמיר טרינקען א לחיים,
איי איי איי, איי איי איי!
פאר די קינדער, פאר די טרייע, } ביס
איי איי איי, איי איי איי!

פאר די פעלדער, פאר די זאַטע,
איי איי איי, איי איי איי!
פאר דער נייער הויכער כאַטע, } ביס
איי איי איי, איי איי איי!

פאר די קינדער, פאר די זקנים,
איי איי איי, איי איי איי!
און פאר אלעמען אינאיינעם, } ביס
איי איי איי, איי איי איי!

* א טייל אינטערפרעטן זינגען די ערשטע צוויי טאַקטן ברייט (מאַעסטאָזאָ), און דערנאָך גייען זיי איבער צו א גיכערער באַוועגונג.

ד. הומאָר און סאַטירע

מאָטאָ: עלע=בעלע, דלות, דלות!
דו האָסט גאָרנישט,
איך האָב אַלעס!
ווער צעזעצט און ווער צעשפּרינגען,
וועל איך דווקא לידער זינגען!

* 95

עלע-בעלע

טעקסט און מוזיק: ז. באַרדימשעװער.



* בײ אונדז װערט דאָס געזונגען מיט דער אויבערשטער ט׳. מיר זענען זיך משער אז דאָס קומט פאָר צוליב אויסמײדן די מאָנאָטאָניע. (דער מאָטיװ װערט נישט געזונגען צװײ מאָל גלײך).

ווילסטו שאָף און רינדער —
האָב איך,
פייגל, גאָטס א וואונדער —
האָב איך.
שאָף און רינדער —
ס'ווייב און קינדער
אוי, זיי זענען — גאָטס א וואונדער!
עלע-בעלע!

רעפרען:

געפעלט אים דאָס אוודאי,
רייץ איך אים און יאדע,
עלע-בעלע, דלות, דלות!
דו האָסט גאָרנישט,
איך האָב אלעס!
ווער צעזעצט און ווער צעשפּרינגען,
וועל איך דווקא לידער זינגען!
עלע-בעלע!

ווילסטו מיליאָנען —
האָב איך,
ווילסטו גראַמאָפאָנען —
האָב איך.
יעדער (יעדעס) קינד איז ווערט מיליאָנען,
אוי, זייער שפּילן — גראַמאָפאָנען!
עלע-בעלע!

רעפרען

ווילסטו א שנירל פּערל —
האָב איך,
ווילסטו א בריליאַנטל —
האָב איך.
מיין עלטסטע שנור —
זי הייסט דאָך פּערל,
און עכט בריליאַנטל
איז איר בערל.
עלע-בעלע!

רעפרען

נחת פון די בנים —
האָב איך,
ברוגזע מחותנים —
האָב איך.
מיינע בנים — ביי די יחנים,
אוי איז דאָס שוין מחותנים!
עלע-בעלע!

רעפרען

* 96

זונטיק בולבע



זונטיק בולבע,
מאָנטיק בולבע,
דינסטיק און מיטוואָך בולבע,
דאָנערשטיק און פרייטיק בולבע,
שבת אין א נאָווינע א בולבע־קיגעלע!
זונטיק ווייטער בולבע.

ברויט מיט בולבע,
פלייש מיט בולבע,
וואַרימעס און וועטשערע — בולבע.
אָבער און ווידער בולבע.
איינמאָל אין א נאָווינע — א בולבע־קיגעלע!
זונטיק ווייטער בולבע.

אָבער — בולבע,
ווידער — בולבע,
נאָך א מאָל און אָבער אמאָל — בולבע!
היינט און מאָרגן — בולבע!
אָבער שבת נאָכן טשאָלנט — א בולבע־קיגעלע!
זונטיק — ווייטער בולבע.

97

זונטיק בולבעס

באָטאָשאַן, 1956.



זונטיק בולבעס,

מאָנטיק בולבעס,

דינסטיק בולבעס,

מיטוואָך בולבעס,

דאָנערשטיק און פרייטיק בולבעס,

שבת, אויף א נאָווינע, א בולבען־קיגעלע,

זונטיק ווייטער בולבעס!

*98

דירה־געלט

באָטאָשאַן, 1930.



רעפרען:

דירה=געלט און אוי, אוי, אוי,
דירה=געלט און באָזשע=מוי,
דירה=געלט און (דער) גאַרדאָוווי,
רירה=געלט מוז מען צאָלן!

*קימט אריין דער באַלעבאָס,
מיטן גראָבן שטעקן,
אז מען צאָלט קיין דירה=געלט —
שטעלט ער ארויס די בעטן.
רעפרען

---

* לויט $\frac{ZAF}{26}$ ווערט די דאָזיקע סטראָפע געזונגען מיט דעם טעקסט:

„קומט אריין דער סטרוזש,
נעמט אראָפּ דאָס היטל,
און אז מען צאָלט קיין דירה=געלט,
הענגט ער ארויס א קוויטל.

פאַרוואָס זאָל איך צאָלן

(אייך געבן) דירה־געלט,

אַז די קיך איז מיר צעבראָכן?

פאַרוואָס זאָל איך צאָלן

(אייך געבן) דירה־געלט,

אַז איך האָב נישט ווי צו קאָכן?

רעפרען

* 99

*באַ מיין מאַמען



* צו זען די באַמערקונג ביים אַריינפיר־וואָרט, זייט 43.

בא מײַן מאַמען בין איך געװען
חשוב און טײַער, חשוב און טײַער,
אזױװי בא אַן אָרעמאַן
אַן אײנציקער דרײַער.

רעפרען:

אז אָך און װײ, אױ װײ צו מײַנע יאָרן,
צו װאָס האָב איך באַדאַרפט פון דער הײם אַװעקצופאָרן.

איך זאָג דער באַלעבאָסטע:
— גיט מיר עפּעס עסן, גיט מיר עפּעס עסן!
זי דרײט זיך, זי דרײט זיך,
זי מײנט איך װעל פאַרגעסן.

רעפרען

איך זאָג דער באַלעבאָסטע:
גיט מיר כאָטש טײגלעך, גיט מיר כאָטש טײגלעך!
זי דרײט זיך, זי דרײט זיך,
זי מאַכט זיך אַביסל טױבלעך.

רעפרען

די באַלעבאָסטע גיט מיר עסן,
זאָגט זי: עס און געדענק
און אין האַרצן טראַכט זי זיך —
עסן זאָלסט אַ קרענק.

רעפרען

*100

פרעגט וואָס קען איך

(בין איך מיר א שניידערל)

בוקארעשט 1947



בין איך מיר א שניידערל,
א נאָדל קען איך נישט האלטן אין האנט;
שטעל איך מיר ארויס א וויוועסקע,
אז איך פרעס געוואנט.

רעפערן:

פרעגט וואָס קען איך?
טידל־דידל־דאם,
כ'פרעס פארברען איך —
טידל־דידל־דאם,
האָט ניט קיין פאריבל (ביס)
טידל־דידל־דאם,

* בין איך מיר א כלי־זמרל,
קיין פידל קאָן איך ניט האלטן אין האנט,
שטעל איך מיר ארויס א וויוועסקע,
אז איך שפיל באטעמט,

רעפערן:

פרעגט וואָס קען איך?
טידל־דידל־דאם,
שפיל איך ניט איז שענער,
טידל־דידל־דאם,
האָט ניט קיין פאריבל, (ביס)
טידל־דידל־דאם.

---

* אין $\frac{ZMM}{6}$ קומט פאַר דער פאָלגנדיקער סטראָף אלס צווייטער און דערמיט ענדיקט זיך דאָרט דאָס ליד:

בין איך מיר א בעקערל,
א טייגל מאכן קומט מיר אָן מיט טויט
שטעל איך מיר ארויס א וויוועסקע
אז איך באק דאָ ברויט.

רעפרען:
פרעגט וואָס קען איך
טידל דידל דאם
אז איך באַק, פאַרברען איך
טידל דידל דאם
האָט נישט קיין פאַריבל,
ס'איז אלעם פאַרן ריבל...
טידל דידל דידל דאם.

אינטערעסאנט איז אויך די ענדערונג וואָס קומט פאָר ביי דער פאָרלעצטער שורה פונעם דאַזיקן וואריאַנט, ביים רעפרען.

* 101

וויאזוי לעבט דער קייסער?

באָטאָשאַן, 1927.



* די פאָלקס-אינטערפרעטן נעמען נישט אין אכט די אָנגעשריבענע איינטיילונג און זינגען דאָס ליד — אונטערן איינפלוס פונעם טעקסט — נאָך רעציטאַטיוו.

— רבותי, רבותי, חכמים אָן א ברעג!
כ'וועל אייך פרעגן, כ'וועל אייך פרעגן!
— פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!
— ענטפערט אלע,
אויף מיין שאלה:
ווי (אזוי) טרינקט דער קייסער טיי?
— טיי?
מע נעמט א הוטעלע צוקער,
מע מאכט אין דעם א לעכעלע,
מע גיסט אריין הייס וואסער
און מע מישט, און מע מישט,
אוי, אָט אזוי, אָט אזוי,
אָט אזוי טרינקט דער קייסער טיי.

— רבותי, רבותי, חכמים אָן א ברעג!
כ'וועל אייך פרעגן, כ'וועל אייך פרעגן!
— פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!
— ענטפערט אלע,
אויף מיין שאלה:
ווי (אזוי) עסט דער קייסער בולבעס?
— בולבעס?
מע שטעלט אוועק א וואנט מיט פוטער
און א סאָלדאט'ל מיט א הארמאט'ל
שיסט דורך די פוטער מיט א הייסער בולבע
און טרעפט דעם קייסער גלייך אין מויל אריין.
אוי, אָט אזוי, אוי, אָט אזוי,
אָט אזוי עסט דער קייסער בולבעס.

— רבותי, רבותי, חכמים אָן א ברעג!
כ'וועל אייך פרעגן, כ'וועל אייך פרעגן!
— פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!
— ענטפערט אלע
אויף מיין שאלה:
ווי שלאָפט דער קייסער ביינאכט?
— ווי ער שלאָפט?
מען שיט אָן א פולן חדר מיט פעדערן!
און מען שליידערט אריין אהינצו דעם קייסער
און דריי ראָטעס סאָלדאטן שטייען און שרייען:
שא, שא, שא!
אוי, אָט אזוי, אוי, אָט אזוי!
אָט אזוי שלאָפט דער קייסער ביינאכט!

102

צי האָט איר געהערט

באָטאָשאַן, 1950.



— צי האָט איר געהערט וואָס ס'האָט זיך געטראָפן

דער מלך איז פון דער מלכה אוועק אנטלאָפן.

— פייגעלע מיינס, פייגעלע שיינס,

צי קענסטו מיר נישט זאָגן

ווּ מיין מאַן זאָל זיין? (בּיס)

— ווּ דיין מאַן איז ווייס איך נישט,

אין ווייטע לענדער פלי איך נישט,

נאָר שרייב מיר אָפּ א בריוואלע

און בין עס צו מיין פליגעלע.

103 *

אמאָל און אמאָל איז א מעשהלע פארלאָפן

אמאָל און אמאָל איז א מעשהלע פארלאָפן,
דער מלך האָט די מלכה אוועקגעוואָרפן.
שרייב מיר אָן א בריוועלע,
קלעפּ עס צו צום פליגעלע.

דאָס פייגעלע איז געפלויגן א טאָג מיט א נאכט,
געקומען צום מלך — די לאָדעלעך פארמאכט.

שטיי אויף, שטיי אויף, דו אלטער מאן,
וואָס פאר א שלעכטס האָט דיר די מלכה געטאָן?

נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס,
כ'האָב קיינמאָל נים געגעסן קיין לעפל געקעכטס.

שרייב מיר אָן א בריוועלע,
קלעפּ עס צו צום פליגעלע.

איז דאָס פייגעלע געפלויגן א טאָג מיט א מעת־לעת,
געקומען צו דער מלכה, טויט ווי א מת.

שטיי אויף, שטיי אויף די ליכטיקע צורה,
כ'האָב געבראכט פאר דיר א פינסטערע בשורה.

אינוי נ. 40.101 (טריסק, וואלינער ג.)

* מיר האָבן איבערגעגעבן דאָס ראזיקע ליד אזוי ווי עס איז פארשריבן געוואָרן אין IFC 56*
ווייל מיר גלויבן אז דאָס האָט א שייכות מיטן ליד פון נר. 102, וועגן דאָקומענטאציע.

* 104

פרעגט די וועלט

(די אלטע קשיא)

באָטאָשאן, 1929;



פרעגט די וועלט אן אלטע קשיא: } בים
טראַ-לאַ, טראַ-די-רי-די-ראָם? }

ענטפערט מען:

— טראַ-די-רי-די-ריי-לאָם!

אוי, אוי! טראַ-די-רי-די-ראָם,

און אז מען וויל קאָן מען דאָך זאָגן:

טריי-דים!

בלייבט דאָך ווידער די אלטע קשיא:

טראַ-לאַ, טראַ-די-רי-די-ראָם?

* 105

קום אהער, דו פילאָזאָף

טעקסט און מוזיק פון וועלוול זבאַרזשער.



קום אהער, דו פילאָזאָף,
מיט דיין קעצישן מוחל,
קום אהער, צום רבנס טיש
און לערן זיך דאָרטן שכל.

רעפרען:

באַ=בים, באַ=באַם, באַ=בים, באַ=באַם,
באַ=בים, באַ=באַם=באַם, בים=באַם.

א דאמף=מאשין האָסטו אויסגעטראכט
(אויסגעקלערט)
און נעמסט דערמיט זיך איבער,
דער רבי שפרייט זיין טיכל אויס
און גייט דעם ים אריבער...

רעפרען

א לופט=באלאָן האָסטו אויסגעטראכט
און מיינסט דו ביזט א חריף,
דער רבי שפּאָט, דער רבי לאכט,
ער דארף עס אויף כפרות...

רעפרען

צי ווייסטו וואָס דער רבי טוט
בעת (ווען) ער זיצט ביחדות?
אין איין מינוט אין הימל פליט
און עסט דאָרט שלוש סעודות...

רעפרען

קום אהער, דו פילאָזאָף

טעקסט און מוזיק: וועלוול זבאַרזשער (ערענקראַנץ)

טראַנסקריפּציע פון גראַמאָפאָן-פּליטע, לויט דער אינטערפּרעטאַציע פון י. שטיינבערג.





קום אהער, דו פילאָזאָף,
מיט דיין קעציישן מוחל,
קום אהער צום רבנס טיש
און לערן זיך דאָרטן שכל.

רעפרען:

אוי, איי, איי, איי, איי, אאוי,
אוי, איי, איי, איי, אבאם, באם,
מ'בים=באם=באם, באם=באם=באם=בא
בא=באָם=באָם=באָם=באָם, באָ=ו=אָם.

א דאמף=מאשין האָט ער אויסגעטראכט
און נעמט זיך דערמיט איבער,
דער רבי שפּרייט זיין טיכל אויס
און שפּאַנט דעם ים אריבער.

רעפרען:

ע,בי=באָם=באָם, באָם, באָם=באָ=באָ,
ע,בים=באָם=באָם=באָם, בים=באם,
ל'בים=באָם=באָם, באָם=באָ=אוי,
אוי, או=וו יי=א יי=א יי=א יי=אא.

א לופט=באלאָן האט ער אויסגעטראכט
און מיינט ער איז א חרוץ
דער רבי לאכט, דער רבי שפּאַט,
ער דארף דעם אַף כפרות.

רעפרען:

אוי, בים=באם=באָם, באָם=באָם=באָ=באָ,
איי=איי=איי=איי=איי=איי,
ל'דיל=באם=באָם, באָם=דאָ=וואָ,
אוי, בים=באם=באם=באם, באָ=אָ.

צי ווייסט איר דען וואָס דער רבי טוט,
בשעת ער איז ביחודית?
אין איין מינוט אין הימל פליט
און פּראווועט דאָרט שלוש=סעודות.

רעפרען:

איי=איי=ואי=איי, איי=איי=איי,
אָ=יאוי=יאוי=יאוי, איי=א,
ע'דיל=באם=באָם, באם=דאָ=וואָ,
אָ, דיל=באם=באם=באָם, באָ=וואָ=באָם.

* 107

לאָמיר אלע זינגען

א זמרל



רעפרען:

לאָמיר אלע (זשע-זשע) זינגען, לאָמיר אלע (זשע-זשע) זינגען
א זמרל, א זמרל,
לחם איז ברויט, (לאכול), בשר ודגים
וכל מטעמים.

— זאָג-זשע מיר, טאטעניו: וואָס איז לחם?
— ביי די גרויסע גבירים (נגידים) איז לחם א בולקע (ווייסינקע בולקעלע).
אָבער ביי אונדז, קבצנים, אוי, דלפנים!
איז לחם א דארע סקאָרינקע.

רעפרען

— זאָג-זשע מיר טאטעניו: וואָס איז בשר?
— ביי די גרויסע גבירים (נגידים) איז בשר א געבראָטענע
קאטשקעלע...
אָבער ביי אונדז קבצנים, אוי, דלפנים!
איז בשר א דארע קישקעלע.

רעפרען

— זאָג-זשע מיר טאטעניו: וואָס איז דגים?
— ביי די גרויסע גבירים (נגידים) איז דגים א העכטעלע,
אָבער ביי אונדז קבצנים, אוי, דלפנים!
איז דגים א געוועזזעלטער הערינג.

רעפרען

— זאָג-זשע מיר טאטעניו: וואָס איז מטעמים?
— ביי די גרויסע גבירים, (נגידים) איז מטעמים — קאָמפּאָט!
אָבער ביי אונדז קבצנים, אוי, דלפנים!
איז מטעמים געהאקטע צרות.

רעפרען

לאָמיר אלע זינגען א זמרל

טראנסקריפּציע פון א גראמאפאָן־פּלאטע, לויט דער אינטערפּרעטאציע
פון מרדכי הערשמאַן.



רעפרען:

לאָמיר אלע זינגען

לאָמיר אלע זינגען

א זמרל, א זמרל!

לחם איז ברויט,

בשר ודגים וכל מטעמים.

— זאָג־זשע מיר רבניו, לחם איז וואָס?
— בא (ביי) די נגידים איז לחם א פּרישינקע בולקעלע
און בא די קבצנים, אוי, וויי,
אוי קבצנים! *
איז לחם א דאַרע סקאָרינקעלע, נעבעך.

רעפרען

— זאָג־זשע מיר רבניו, בשר איז וואָס?
— בא די נגידים איז בשר א געבראָטענע קאַטשקעלע
און בא די קבצנים, אוי, וויי, אוי, קבצנים!
איז בשר א לינג און לעבערל, נעבעך.

רעפרען

— זאָג־זשע מיר רבניו, דגים איז וואָס?
— בא די נגידים איז דגים א קאַוואָנעקע קאַרפּעלע
און בא די קבצנים, אוי, וויי, אוי, קבצנים און אביונים
איז דגים א אויסגעווייקטע הערינגל, נעבעך.

רעפרען

— זאָג־זשע מיר רבניו, מטעמים איז וואָס?
— בא די נגידים איז וכל מטעמים א זיסענקע צימעסל
און בא די קבצנים נעבעך, אוי, קבצנים!
איז מטעמים א זויערע אוגערקעלע, נעבעך.

רעפרען

---

* בײַ דער דריטער סטראָפע האָט דער אינטערפּרעט דאָ צוגעגעבן אויך „אוי, אביונים".

ה. ארבעטער און בעלי־מלאָכות

באָבע: מלאָכה — מלוכה,
זינגט במנוחה
א לידעלע א יידיש.

* 109

מלאָכה־מלוכה

טעקסט און מוזיק: זעליק באַרדיטשעווער.

בוקארעשט, 1944





רעפרען:

וועך ס'וויסט נישט (בים)
זאָל אצינדער וויסן (בים)
ווי שווער און ביטער, }
קארג און שיטער, } בים
קומט אונדז אָן דער ביטן }
היי, לעבעדיק, פריילעך!
לעבעדיק, פריילעך!
וואָס איז דאָ דער חידוש? (בים)
מלאכה מלוכה }
זינגט במנוחה } בים
א לידעלע א יידיש }

בין איך מיר א סטאָליערל,
רופט מען מיך רב פישל, (בים)
כ'מאך א טיר א פענסטערל }
א בענקעלע א טישל. } בים
טאנצט און זינגט מיין זייגעלע
שניידנדיק די ברעטלעך, (בים)
באפוצן וועט דאָך אונדזער מי, }
דערפעלעך און שטעטלעך. } בים
ווערן הענט און פיס מיר שווער
היקעט צו דער הובל (בים)
און דאָס הארץ — עס קלעמט מיך זייער, }
האָט נישט קיין פאריבל! } בים

רעפרען

בין איך מיר א שניידערל
רופט מען מיך רב בערל, (בים)
ביי איך מיטן נעדעלע, }
שנייד איך מיטן שערל; } בים
פרעס איך מיטן פרעסעלע,
שטעפ מיט דעם מאשינדל, (בים)
פארטיק זיך א מלבושל }
פארן נגידס זונדל. } בים
אויסגעפוצט דאָס נגידל,
איז עס מלא שמחה; (בים)
נאָר דעם שניידערס יורשל, }
הונגערן איז א מומחה. } בים

רעפרען

בין איך מיר א שוסטערל
קלאפ איך מיר א פלעקל, (בים)
אָנגעטון א פארטוכל, }
דארף איך נישט קיין רעקל. } בים
זיץ איך אויף דעם בענקעלע,
טאנצט ביי מיר דער האמער (בים)
האָב איך נישט קיין שטובעלע -- }
וווין איך אין א קאמער. } בים
גיסט און גיסט א רעגנדל,
וואקסט און וואקסט די בלאָטע, (בים)
זיץ איך אויף דעם בענקעלע }
לאטעווע און לאטע. } בים
ווויל איז דעם וואָס איז א שוסטער
אין אזא פאגאָדע!
מאָנט דאָס ווייב ביי אים אויף פיתא
כ'מאך זיך כלא ידע.

רעפרען

* 110

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!

(צום העמערל)

טעקסט: אברהם רייזען.
מוזיק: א. מ. בערנשטיין.

באַטאַשאַן — 1943.



אָ, * העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער א שוועק (צוואַק) נאָך א שוועק! (צוואַק)
קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ (ניטאָ)
נאָר צרות און לייד אָן אן עק! } בים

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
עס שלאָגט שוין דער זייגער באלד צוועלף —
די אויגן זיי מאכן זיך צו —
גיב כח, אָ גאָטעניו, העלף!... } בים

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די שוועקעס (צוועקעס), שלאָג גיך,
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין
דער גבירה'טעס מאַכטערשעס שיך. } בים

---

* א מיל איבערפּרעמען לאָזן אויס דעם אויפטאַקט (אָ).

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
נים גליטש פון מיין האנט זיך ארויס!
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו, } ביס
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!...

111 *

מיט א נאָדל און אָן א נאָדל



רעפרען:

מיט א נאָדל און אָן א נאָדל } ביס
ניי איך מיר בכבוד גדול.

און אז איך האָב א נאָדל מיט א פאָדעם —
ניי איך מיר אָפּ די שענסטע בגדים.

רעפרען

און אז איך האָב א נאָדל מיט א פינגערהוט,
לעב איך מיר אָפּ מיין וועלט בארוט.

רעפרען

אבי איך נעם די שער און אייזן,
קאָן איך שוין מיין ווייב און קינדער שפּייזן.

רעפרען

איך פארלייג מיר א פוס אויף א פוס
און זינג מיר א לידעלע צוקער זיס.

רעפרען

*112

מיט א נאָדל, אָן א נאָדל



רעפרען:

מיט א נאָדל אָן א נאָדל,
זינג איך מיר בכבוד גדול

זיץ איך מיר א פוס איבער א פוס
ווייל מיין ארבעט איז צוקער זיס.

רעפרען

איך ניי און ניי א גאנצע וואָך
און גיי מיר אויס א פאריזשער לאָך.

רעפרען

ציען צי איך מיר די פארסטריגע
און איך עס מיר די מאמעליגע.

רעפרען

שבת גיי איך ארויס ווי אין פסוק שטייט,
אין די אייגענע בגדים, וואָס האָב אליין גענייט.

רעפרען

---

* מיר זענען זיך משער אז אין $\frac{\text{TJF}}{80}$ האָט מען — על פי טעות — פארגעסן צו שטעלן דעם דיעז פארן ד א.

* 113

מיט א נאָדל, אָן א נאָדל

דער זעלבער טעקסט ווי ביי נר. 112.



114

מיין מאמע וועקט מיך אויף

באָטאָשאַן, 1950.





מײן מאמע וועקט מיך אויף, (ביס)
מיט א גרויסער מי, (ביס)
שטיי שוין אָף, טעכטערל מײנס,
ווייל עס איז דאָך שוין ערשט פרי. } ביס

שטיי איך מיר אָף און טו מיך אָן,
און טו מיר צו מײן ארבעט גייען (ביס)
גרויסער גאָט שיק מיר צו מײן זיווּג
איך זאָל שוין מער נישט דארפן נייען! } ביס

*115

דריי נייטאָרנס

טעקסט: י. ל. פּרץ.



די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באק נישטאָ,
דער שטערן בלאס, באדעקט מיט שווייס,
דער אָטעם אָפּגעהאקט און הייס —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען.

די נאָדל — בלאנק, דער לייוונט — שניי,
און איינע טראכט: איך ניי און ניי,
איך ניי בייטאָג, איך ניי ביינאכט,
קיין חופּה=קלייד זיך נישט געמאכט!
וואָס קומט ארויס, אז איך ניי?...

ניסט איך שלאָף און ניסט איך עס...
איך וואָלט געגעבן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט,
אַן אלטן כאָטש, אַן אלטער ייד
מיט קינדערלעך א שאָק.

די צווייטע טראכט: איך ניי און שטעפּ,
איך שטעפּ מיר אוים נאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ — ער ברענט, אין שלייף — האקט,
און די מאשין קלאַפּט צו צום טאקט,
טא־טא, טא־טא, טא־טא!

איך פארשטיי דאָך יענעמס וונק!
אָן א חופּה, אָן א רינג,
וואָלט געווען א שפּיל, א טאנץ,
א ליבע אויף א יאָר א גאנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?...

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט,
איך ניי מיר קראנק, איך ניי מיר בלינד,
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך...
און ער האָט חתונה די וואָך!
איך ווינטש אים ניסט קיין שלעכטס.

עט, פארגעס וואָס אמאָל!...
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויך א קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן.

116

דריי נייטאָרנס

טעקסט: י. ל. פּ ר ץ. באָטאָשאַן, 1929.



דער זעלבער טעקסט ווי ביי נר. 114.

* זע די באמערקונג צום דאָזיקן ליד וואָס געפינט זיך אין אונדזער אריינפיר־וואָרט, זייט 48.

אָט אזוי נייט א שניידער

באָטאָשאן, 1930.



רעפרען:

אָט אזוי נייט א שניידער,
אָט אזוי שניידט ער צו (נייט ער גוט) } ביס

ער נייט און נייט א גאנצע האָך
פארדינט א פינעווער מיט א לאָך.

רעפרען

זיצט א שניידער א פוס איבער א פוס
און זינגט א לידל צוקער זיס.

רעפרען

א שניידער נייט און נייט און נייט
און האָט קדחת, ניט קיין ברויט.

רעפרען:

אָט אזוי שטעפט א שניידער,
אָט אזוי שטעפט ער צו. } ביס

רעפרען

א שניידער שטעפט און שטעפט און שטעפט.
ביז ער שטארבט און ניט ער לעבט.

רעפרען

118

אָט אזוי נייט א שניידער

בוקארעשט, 1953.



רעפרען:

אָט אזוי נייט א שניידער,
אָט אזוי נייט ער נייט.
אָט אזוי נייט א שניידער,
און די ארבעט איז גרייט.

די נאָדל און די פינגער פליט,
ער ווערט פון ארבעט קיינמאָל מיד,
ער זינגט און די מאשין באגלייט
צום טאקט זיין מונטער ליד פול פרייד.

רעפרען

* צו זען די באמערקונג אין אונדזער אריינפיר=וואָרט, זייט 48.

דארי-דארי-דארי-דארי, איי-איי-איי;
איי-איי, דארי-די-די, די-רי-דאם,
דארי-דארי-דארי-דארי, איי-איי-איי,
אַט אזוי גייט ער גייט!

א שניידער איז געווען א פלעק
אמאָל, אין פריערדיקע טעג,
נאָר יענע טעג, נישטאָ זיי מער —
צעהאַקט האָט זיי דעם שניידערס שער.

רעפרען

אנדערש קלינגט דאָס אלטע ליד
ווען דאָס לעבן וואַקסט און בליט!
נאָך א ביי און נאָך א שטאָך,
וועט זיין די שונאים וויי און אָך!

רעפרען

119

מיר וועבן

באָטאָשאַן, 1950.



מיר וועבן, מיר וועבן,
אָן שיר און אָן צאָל;
מיר וועבן, מיר וועבן
און לעבן קיינמאָל.

עס גלוסט זיך אונדז זען,
שפּאַצירן צו גיין,
כאָטש איינמאָל געניסן
פון דעם וואָס איז שיין.
} בים

אָבער לײדער, מיר בלײבן
בײם קלערן, בײם בענקען,
װײל מיר מוזן
נאָר אײן זאַך געדענקען,

װײל װעבן מיר מוזן,
װען נישט קומט די נויט;
דאַן קען אונדז דער הונגער
ברענגען דעם טויט! אוי, אוי. } בים

* 120

דױנע

טעקסט און מוזיק: ז. באַרדיטשעװער.



שפּיל דו קלעזמער, מיר א װאָלעך
געלט מזומן אָט דיר צאָל איך,
און דיר פּויקער, פּויק בים=באַם,
הײנט איז חגא, הײנט איז כראַם.

רעפרען:
אָף, אָף=אָף=אָף=אָף=אָף=ליו, אָף=ליו,
אָף=אָף=אָף=ליו,
אָף=ליו, אָף=ליו.

באַנאַנד מיטן טיפּישן „אָף“, מיטן ספּעציפישן רומענישן קרעכץ אָדער זיפץ — װאָס געפינט זיך בײם רעפרען — געלונגט באַרדיטשעװערן אויף א קינסטלערישן אופן אַרײנצופלעכטן אין זײן „דױנע“ אויך אנדערע רומענישע װערטער — אויף װעלכע ער איז נישט מבאר — װי: גאָל (—נאַקעט), ברינדזע (—שאָפּענער קײז), מינדזע (— לאָשעק) זשעליע (—טרויער=ליד), כראַם, (—יום=טוב קערמעשל). ע. ס.

ס'האָט דער ווינט געפּאַטשט, געשמיסן,
די צינצאַרעס מיך געביסן;
זון געברענט מיך און געבראָטן —
נישט קיין ווענט און נישט קיין שאָטן.

רעפרען

ס'האָט גערעגנט, ס'האָט געראָסעט,
גאַלאַקעס שאָף האָב איך געפּאַשעט;
ער האָט ברינדזע, שאָף און וואָל,
איך געבליבן הויל און גאָל.

רעפרען ;

נישט קיין שאָף און נישט קיין ברינדזע
און קיין קאָרמע פאַר דער מינדזע,
סיידען נאָר א גרוב אויף צווינטער—
איבערקומען דאָרט דעם ווינטער.

רעפרען

שפּילט-זשע שטאַרקער! היי, קאַפּעליע!
שפּילט א דוינע, שפּילט א זשעליע!
נישט קיין שאָף און נישט קיין רינדער,
נאָר א הונגעריק ווייב און קינדער

רעפרען

121

דוינע

בוקאַרעשט, 1949.



דער טעקסט איז דערזעלבער ווי ביי נר. 120.



122

פלאקער פייער(ל)

טעקסט און מוזיק: א. גאָלדפאַדען.

בוקארעשט, 1956.





רעפרען :

פלאקער פייערל, פלאקער,
לאכט אונדז פריילעך צו,
לאכט אונדז צו ביז אינדערפרי!
דער פויער ליגט ביים אקער
דער פאסטעך בא זיינע פי,
איעדען איז ליב זיין רו (מין)

לייגט=זשע צו האָלץ!
מיר מעגן זיין שטאָלץ,
פריילעך טאנצן אין קאָן!
ווייל פאסטעכער אליין,
זענען מיר געווען
אונדזערע אָבות פון אייביק אָן.
א=לא=א=א=א.

רעפרען

*123

פלאקער פייער!

טעקסט און מוזיק: א. גאָלדפאדען.

רעפרען:

פלאקער פייער פלאקער,
קנאק אונדז פריילעך צו,
לייכט אונדז צו ביז אינדערפרי ;
דער פויער רוט ביים אקער,
דער פאסטוך ביי זיין פי,
יעדן איז ליב זיין מי.

לייגט=זשע צו האָלץ,
מיר מעגן זיין שטאָלץ,
פריילעך טאנצן מיר אין קאָן,
ווייל פאסטוכער אליין,
זענען דאָך געווען,
אונדזערע אבות פון אייביק אָן.

רעפרען

דאָס פעלד איז אונדז ליב,
די לופט אין דער שטוב
כ'לעבן איז אומגעזונט;
דאָס דערציילט אייך אלצדינג
אייער אייגענע לונג,
מען באקומט דאָרט א קראנקע ווונד.

רעפרען

*124

קעגן גאָלד פון זון



קעגן גאָלד פון זון גייט אויף מיין גאָלד פון ווייצן,
קעגן גאָלד פון זון גייט אויף מיין גאָלדן גליק.
נייע האָריזאָנטן רופן מיך און רייצן, } בים
נייע לידער זינג איך יידישער מוזשיק.

גייט די ארבעט פריילעך פון גאנץ פרי ביז אָוונט,
זון איז מיין הודאָק און פעלד איז מיין פאבריק.
נעכטן שכנים ווייטע — היינט שוין אזוי נאָענט } בים
אוקראאינער פויער, יידישער מוזשיק.

* 125

אויף די פעלדער



אויף די פעלדער, וווּ ס'ווייען ווינטן,

אויף די פעלדער, וווּ ס'ווייען ווינטן,

אויף די פעלדער, וווּ ס'ווייען ווינטן,

סנאָפּעס, פּויערטעס זיי בינדן.

שווערע סנאָפּעס, פול מיט זאנגען, (3 מאָל)

פול מיט מונטערע געזאנגען.

און די זון, זי ברענט ווי פייער, (3 מאָל)

יעדע שעה איז פאר אונדז טייער.

ס'האָט דאָס פעלד אונדז ברויט געגעבן (3 מאָל)

פאר דעם נייעם שיינעם לעבן.

*** 126**

יאָשקע, יאָשקע



יאָשקע, יאָשקע, שפּאַן דעם לאָשעק,
זאָל ער גיבער לויפן;
זאָל ער לויפן, זאָל ער פליען,
איבער אלע הויפן.

רעפרען:

לאָמיר אלע פריילעך זיין
און ניט וויסן פון קיין פּיין.
לאָמיר אלע פריילעך זיין
און ניט וויסן פון קיין פּיין.

זאָל ער, זאָל ער, זאָל ער, זאָל ער
זיין געזונט, אַן אייזן;
זאָל ער איבער פרייע ערדן
ווי אַן אָדלער שפּרייזן.

רעפרען

גיב אים היי און גיב אים האָבער,
וואסער פון די קוואלן;
זאָל ער ווינען, זאָל ער רוען,
אין די שענסטע שטאלן.

רעפרען

יאָשקע, יאָשקע, ביזט א רייטער
אין קאָלווירט דער בעסטער,
טראָגסט אַן אָרדן אויף די לאצן —
ביזט א יאט, א פעסטער.

רעפרען

יאָשקע, יאָשקע, שפּאַן דעם לאָשעק —
ווען ער וועט מיך טראָגן,
וועלן שונאים ווי די האָזן
פון די פעלדער יאָגן.

רעפרען

* 127

אַז מען פֿאָרט קיין סעוואַסטאָפּאָל

בוקארעשט, 1947.



אז מען פאָרט קיין סעוואסטאָפּאָל,
איז נית ווייט פון סימפעראָפּאָל,
דאָרטן איז א סטאנציע פאראן;
ווער דארף זוכן נייע גליקן,
ס'איז א סטאנציע אן אנטיקל,
איז דזשאנקויע, דזשאן, דזשאן, דזשאן.

רעפרען.

היי דזשאן, היי דזשאנקויע, } בים
היי דזשאנווילי, היי דזשאנקויע,
היי דזשאנקויע דזשאן, דזשאן, דזשאן.

ענטפערט ייִדן אויף מיין קשיא,
ווו ז'מיין ברודער, ווו ז'אבראשע? —
ס'גייט ביי אים דער טראקטאָר ווי א באַן.
די מומע לאה ביי דער קאָסילקע,
ביילע ביי דער מאָלאָטילקע,
אין דזשאנקויע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.

רעפרען

ה. ליידן, בטחון, קאמף און נצחון

מאָטאָ: ייִדן שמידן זינגען:
מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך!

* 128

יידן שמידן

טעקסט: מ. בראָדערזאָן

בוקארעשט — 1948.



יידן שמידן, זינגען,
זינגען איז דער עיקר;
גליען פייער־צונגען,
שפּריצן פייער שטיקער.

רעפרען:

היי, היי, וויל דעם שמידער,
וויל איז אים און גוט;
זיינע שטאָל און־אייזן־לידער
צינדן אָן דאָס בלוט.

מענטשן, נעבעך בלינדע,
אין דער פינצטער טאַפּן,
מוז מען זיי אצינדער
פּאָדקאָוועס צוקלאַפּן.

רעפרען

נויט און צרות בליען,
טויט און הונגער וואַקסן,
דאַרף מען איבערשמידן
שטאָל אויף נייע אַקסן.

רעפרען

129

שמידן יונגע לידער

באטאשאן, (דעם 2=טן סעפטעמבער, 1934).



שמידן יונגע לידער,
זינגען איז דער עיקר!
שמידן יונגע ווייטער,
פליען פייער שטיקער.

מענטשן נעבער, בלינדע,
אין דער פינצטער טאפן,
כאטש נעם פאר זיי אצינדערט
פארקאוועס צוצוקלאפן!

רעפרען:

היי, היי!
וויל איז דעם שמידער,
וויל איז דעם שמידער און גוט!
זיינע שטאל און=אייזן = לידער
שמידן וועלן גוט!

רעפרען

היי, היי!
וויל איז דעם שמידער,
וויל איז דעם שמידער און גוט!
זיינע שטאל און=אייזן = לידער
שמידן תמיד גוט!

---

* די סינקאפן ווי אויך דער רעציטאטיוו — צווישן אנדערע — וואס כאראקטעריזירן דעם ראזיקן וואריאנט, געבן דעם ליד מער פאלקסטימלעכקייט לגבי יענע וואס ביים נר. 128.

* 130

אין דער קוזניע

טעקסט: מאָריס ראָזענפעלד. — בוקארעשט, 1936



אין דער קוזניע ביי דעם פייער
שטייט דער שמידער און ער שמידט.
ער קלאפּט דאָס אייזן פונקען פייער פליען } ביס
און ער זינגט דערביי א ליד.

שטארק באצויבערט פון דער פרייהייט,
זינגט ער ווייטער און עס קלינגט,
נאָר דער האמער קלאפּט נאָך העכער } ביס
און ער הערט ניט וואָס ער זינגט.

פון דער פרייהייט וואָס וועט קומען,
זינגט ער מוטיק, זינגט ער הייס;
און ער שפּירט ניט ווי עס גיסט זיך } ביס
פון זיין פּנים טייכן שווייס.

און די ערד באצירט מיט בלומען,
זינגט ער ווייטער אין זיין ליד;
אָפּגעקילט איז שוין דאָס אייזן } ביס
און ער קלאפּט און ווערט ניט מיד.

* 131

אין דער קוזשניע

טעקסט: מאָריס ראָזענפעלד.



* אין ≡UGV/20 זענען פארעפנטלעכט געוואָרן נאָר די ערשטע צוויי סטראָפעס.

* 132

עס רירט זיך

טעקסט: מ. ווינטשעווסקי.

באָטאָשאַן — 1930.





הערט איר קינדער, ווי עס רירט זיך,
ווי עס רירט זיך איבעראל?
ווי דער ארבעטס־מאן מושטירט זיך
צו דעם קאמף מיט קאפיטאל?

צו דעם טויט־קאמף מיטן שינדער,
מיטן גביר, דעם געלט־טיראן,
הערט איר ווי ס'רירט זיך, קינדער,
דער בארויבטער ארבעטס־מאן.
} ביס

הערט איר קינדער, ווי עס רירט זיך,
מערקט איר, אז דער סוף קומט אָן?
פאַרוועקט, קינדער, און מאַרשירט זיך,
לוסטיק ביי דער רויטער פאָן!

פרייהייט איז דער הערצער־צינדער
אָן טרומייט און באראבאן.
זיינע ברידער, זעט איר, קינדער,
גייט באפרייען דער ארבעטס־מאן.
} ביס

133

מיר זענען די פרייהייטס-סאָלדאַטן

טעקסט: מאָריס ראָזענפעלד.

בוקאַרעשט, 1952.



מיר זענען סאָלדאַטן פון פרייהייטס-אַרמיי,
מיר שטייען גאַנץ פעסט אין די רייען;
מיר קומען באַפרייען די וועלט פון איר ווײ
די מענטשהייט פון קנעכטשאַפט באַפרייען.
בים

באַגייסטערט מיט אמת, באַלאָדן מיט מאַכט,
מאַרשירן מיר קעגן האַרמאַטן;
מיר קומען אין זונשיין פאַרוואַנדלען די נאַכט,
מיר קומען ווי בראַווע סאָלדאַטן.
בים

אונדז פעלט קיין פירער, אונדז פעלט קיין געווער,
אָ, ציטערט איר שטאָלצע מאַגנאַטן!
מיר קומען פאַרזאָרגט און באַוואָפנט אַהער,
מיר קומען ווי בראַווע סאָלדאַטן!
בים

מיר האָבן דורך דורות געטראָגן די נויט
און שטיל און געדולדיק געשוויגן,
עס האָט אונדז דער רייכער געמאַטערט צום טויט,
געטראָטן, געהיבן ווי פליגן.
בים

נו קומען מיר זאָגן דעם מעכטיקן „האַלט"!
און וואַרפן אַ שרעק אויף דעם זאַטן,
מיר קומען צעשטערן די הערשאַפט פון גוואַלט,
מיר קומען ווי בראַווע סאָלדאַטן.
בים

* 134

באריקאדן

.1930 — באָטאָשאַן



טאטעס, מאמעס, קינדערלעך
בויען באריקאדן, (ביס)
און אין גאסן גייען אום } ביס
ארבעטער=אָטריאדן.

ס'איז דער טאטע היינט אוועק
פרי אין דער פאבריק, (ביס)
און די קינדער פרעגן נים } ביס
ווען ער קומט צוריק.

ס'איז די מאמע אויך אוועק
אין גאס פארקויפן עפל, (ביס)
און אין קיך פאריתומט שטייט } ביס
ס'פענדל מיטן טעפל.

ס'וועט ניט זיין קיין וועטשערע,
זאָגט חנה צו די יאטן (ביס)
ווייל די מאמע איז אוועק } ביס
מיטהעלפן דעם טאטן.

טאטעס, מאמעס, קינדערלעך,
בויען באריקאדן, (ביס)
און אין גאסן גייען אום } ביס
ארבעטער=אָטריאדן.

135

איך בין פארמאכט · און פארשלאָסן

באַטאַשאַן, 1950.



איך בין פארמאכט און פארשלאָסן
און מיין צעלע אליין,
און דער וועכטער דערשטיקט מיר דאָ
מיין קול און מיין געוויין.

און פון טירן און פון גראַטעס
און פון אלע פיר ווענט
רעדן אויגן פון קעמפער,
שטרעקן זיך צו מיר הענט.

און נים איינער און נים צוויי,
ווי אלע קעמפער פאר רעכט —
האָבן זיך דאָ פארלוירן
זייערע טעג און זייערע נעכט.

שרייבט צו דאָרט מיין נאָמען
צו דער הייליקער צאָל,
כדי מונטער צו ווערן,
דער זיג וועט קומען אמאָל!

* 136

עס ברענט

טעקסט און מוזיק: מרדכי געבירטיג.

בוקארעשט — 1945



עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פלאַמען,
אלץ ארום שוין ברענט!

רעפרען:

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
מיט פארלייגטע הענט!
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
ווי אונדזער שטעטל ברענט...

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
ס'האָבן שוין די פייער־צונגען
דאָס גאנצע שטעטל איינגעשלונגען —
און די בייזע ווינטן הודזשען,
ס'גאנצע שטעטל ברענט!

רעפרען.

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
אוי, עס קאָן חלילה קומען דער מאָמענט:
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאמען
זאָל אויף אש אוועק אין פלאמען,
בלייבן זאָל — ווי נאָך א שלאכט,
נאָר פוסטע, שוואַרצע ווענט!
רעפרען

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
די הילף איז נאָר אין אייך אליין געווענדט,
אויב דאָס שטעטל איז אייך טייער,
נעמט די כלים לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט
באַווייזט אז איר דאָס קענט.
רעפרען:
שטייט נישט, ברידער, אָט אזוי זיך,
מיט פארלייגטע הענט;
שטייט נישט, ברידער, לעשט דאָס פייער—
אונדזער שטעטל ברענט!

*137

רבקהלע די שבתדיקע*

בוקארעשט — 1949.



* „א ליד פון ביאליסטאָקער געטא, פארפאסט פון באקאנטן ביאליסטאָקער רעדאקטאָר פ. קאפלאן — איבערגעוויזן דער היסטאָרישער קאָמיסיע דורך דאָרא רובינא“.

רבקהלע די שבתדיקע
ארבעט אין פאבריק;
דרייט א פּאָדעם צו א פאָדעם,
פלעכט צונויף א שטריק,

איז פארטרויערט רבקהלע,
יאָמערט טאָג און נאכט,
און אצינד ביים רעדעלע
זיצט זי זיך און טראכט.
ביס

אוי, דו געטאָ פינצטערע,
דויערסט שוין צו לאנג,
און דאָס הארץ אזוי פארקלעמט,
טוט איר אזוי באנג.
ביס

ווו איז ער מיין ליבינקער,
לעבט ער נאָך כאָטש ווו?
אפשר אין א קאָנצענטראציע-לאגער,
ארבעט שווער, אָן רו.

איר געטרייער הערשעלע,
איז אוועק, נישטאָ,
זינט פון יענעם שבת אָן,
זינט פון יענער שעה,

אוי, ווי פינצטער איז אים דאָרט,
ביטער איז איר דאָ,
זינט פון יענעם שבת אָן,
זינט פון יענער שעה.
ביס

138

ליד פון בוג *

בוקארעשט, 1949.

עס לויפן און קלאפּן די מאשינען
און עס פייפט דער צוג,
מיר, פארשיקטע, זיצן דרינען —
מען פירט אונדז צום בוג.
ביס

דאָרט ווו ס'פליסט דער ברייטער דניעסטער
שיקט א גרוס דיר צו,
פון דיין מאמע פון דיין שוועסטער
וואָס זיי זענען דאָ.
ביס

פון דער היימאט אונדז פארטריבן
אין א פרעמדן לאנד,
גאָרנישט איז אונדז מער פארבליבן
מיר זענען „פערבאנט“,**
ביס

קיין גרוב און קיין מצבה
זענען פאר אונדז דאָ,
און א מאסן-גרוב א גרויסן,
לייגט מען אונדז צו רו...
ביס

אייביק וועט דער צאָרן ניט דויערן
ענדיקן וועט זיך דער קריג
און די זון וועט ווידער שיינען, (לייכטן,)
אונדזערער איז דער זיג.
ביס

* דאָס ליד ווערט געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון כאָמבערגס וויג-ליד (נר. 26 „ס'לויפן ס'יאָגן“.

** פארשיקט.

139

באַ דער אַרבעט

באַטאַשאַן, נאָוועמבער, 1944.



בא דער ארבעט שטייען יידן,
שטייען זיי איינגעבויגן;
טייכן רינט פון זיי שווייס
און טרערן פון די אויגן.

רעפרען:

ברידער, ברידער, ברידער!
גרויס זענען אונדזערע צרות!
אחדות האלט אייך! ווי אין גיכן
וועלן מיר שלאָגן מיט זיי כפרות.

בא דער ארבעט שטייען יידן,
ארבעטן אין די העמדעו,
די צאָל ציגל מוז מען מאכן —
ס׳טרייבט דער מיצרי — דער פרעמדער.

רעפרען:

* דאָס ליד איז געשאפן געוואָרן אויף דער מעלאָדיע פון אלטן פאָלקס-ליד: „אויפן וועג שטייט א בוים“.

** די באמערקונגען צום ליד נר. 93 זענען גילטיק אויך פארן דאָזיקן ליד.

אז משיח וועט קומען

* באַטאַשאַן, נאָוועמבער, 1944.



— וואָ'זשע וועט זיין אז משיח וועט קומען?
— אז משיח וועט קומען
צו אונדז זיך באווייזן,
פארשווינדן וועט דעמלט
שווערד און אייזן;

וואָלף און שייפעלע
וועלן פאסען אינאיינעם
און צרות וועלן דעמלט
נישט זיין מער בא קיינעם.

אז משיח וועט קומען
נאָך דעם גרויסן שטאָרעם,
נישט פון מערב און צפון
און אויך נישט פון דרום.

פארשווינדן וועלן דעמלט
אלע מערדערס און פלאגערס
און ס'וועלן זיך עפענען
אלע תפיסות און לאגערס.

* „דאָס האָב איך ארויסגעלערנט אין לאגער פון וואפניארקא, (טראנסניסטריע)“.

*141

שטיל, די נאכט איז אויסגעשטערנט

טעקסט: הירש גליק. | געזונגען פון צענטליקער אינטערפרעטן



שטיל, די נאכט איז אויסגעשטערנט
און דער פראָסט האָט שטארק געברענט } ביס
צי געדענקסטו ווי איך האָב דיך געלערנט
האלטן א שפייער אין די הענט. } ביס

א מויד, א פעלצל און א בערעט,
און האלט אין האנט פעסט א נאגאן,
א מויד מיט א סאמעטענעם פנים
היט אָפּ דעם שונאס קאראוואן. } ביס

געצילט, געשאָסן און געטראָפן
האָט איר קליינער פיסטויל,
אן אויטאָ א פולינקן מיט וואָפן,
פארהאלטן האָט זי מיט איין קויל. } ביס

פארטאָג פון וואלד ארויסגעקראָכן,
מיט שניי־גירלאנדן אויף די האָר,
געמוטיקט פון קליינינקן נצחון,
פאר אונדזער נייעם, פרייען דור. } ביס

לויט $\frac{UGV}{82}$: „שטיל די נאכט... געשריבן נאָך דעם ערשטן דיווערסיע־אקט פון די פאר־טיזאנען פון וויג איציק מאצקעוויטש און וויטקע קעמפנער, וועלכע האָבן הינטער ווילנע אין 1942 אויפגעריסן א דייטשן עשאלאָן“.

*142

זאָג נישט קיינמאָל

כעקסט: הירש גליק.

מוזיק: דמ. און דאַנ. פּאָקראַס — געזונגען פון צענדליקער אינטערפּרעטן



זאָג נישט קיינמאָל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה, } בים
ס'וועט א פויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זענען דאָ!

פון גרינעם פּאלמען=לאנד ביז ווייטן לאנד פון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פיין, מיט אונדזער וויי,
און וו געפאלן איז א שפּריץ פון אונדזער בלוט, } בים
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגן=זון באגילדן אונדז דעם היינט
און דער נעכטן וועט פארשווינדן מיטן פיינט,
נאָר אויב פארזאמען וועט די זון און דער קאיאָר, } בים
ווי א פּאראָל זאָל גיין (זיין) דאָס ליד פון דור צו דור.

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און נישט מיט בליי,
ס'איז נים קיין לידל פון א פויגל אויף דער פריי,
דאָס האָט א פאָלק צווישן פאלנדיקע ווענט } בים
דאָס ליד געזונגען מיט נאגאנעס אין די הענט.

טאָ, זאָג נישט קיינמאָל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען, בלייענע, פארשטעלן בלויע טעג,
ס'וועט א פויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זענען דאָ! } בים
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —

די חתונה

בוקארעשט — 1956.

צו זינגען לויט דער „חתונה“ פון נר. 66.

עס רעשט און זיד די גאס אצינד,
די דייטשן מאכן פליטה;
זיי לויפן אצינדער זייער געשווינד,
זיי לויפן ווי צעדרייטע.
שרייט איצט היטלער: אוי, אוי, אוי!
ליבע מחותנים,
טרייבט מיין עולם ביט אזוי,
זיי פאלן שוין אויפן פנים.

רעפרען:

אוי, סע גייען די רויטע!
די רויטע, די רויטע!
אוי, סע גייען די רויטע,
די רויטע זענען דאָ!

דאנקען גאָט, זיך אָפּגערעשט
שוין די דייטשן אלע,
איצטער יידלעך נאָר געריקט,
זען די נייע כלה.
עס ריקן דאָרטן אויפן בארג
שוין די טאנקן רויטע.
די מיט פוטער אויפן קאָפּ
זיצן ווי די טויטע.

רעפרען:

אוי, סע גייען די רויטע,
די רויטע, די רויטע!
אוי, סע גייען די רויטע,
די טאנקען זענען דאָ!

פאַרויס קלעזמער, ערשטע קלאס,
דאָס זענען פארטיזאנצעס,
זיי לויפן שוין ארום אין גאס,
מען כאפט שוין די קובאנצעס.
פראכט א טאנקל אויף דער גאס
בריט ווי נח׳ס תיבה,
יידן פרייליך און מע שפאסט.
דער טאנק איז א נקבה!

רעפרען:

דאָס איז דאָך די קאטיושא,
קאטיושא, קאטיושא!
דאָס איז דאָך די קאטיושא,
קאטיושא איז שוין דאָ!

זיצט דאָך היטלער אין בערלין
און האָט גרויסע צרות,
ווו לויפט זיין רייכס=ארמיי? וואוהין?
זי טויג שוין אויף כפרות.
דאכט זיך מיר אזוי כמעט
ער ווישט זיך די אויגן,
שטייט אים גערינג ביי דער זייט
און הייבט אים אָן צו פרעגן.

רעפרען:

היטלער, אוי, וואָס ווייסטו?
וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו?
היטלער, זאָג וואָס ווייסטו?
זאָג מיר, נו שוין נו!

עס איז מיר ביטער, ווינד און חיי,
ווו זענען מיינע רויזן?
גיב א קוק אויף מיין ארמיי,
זי האָט שוין פולע הויזן!
מיינע גוטע יאָרן פארמיאוסט
האָט מען מיר אויף תמיד,
מיין חלום איז געווען זיס,
עס ציפט ביי דער נשמה!

רעפרען:

שיין איז ער געווען
מיין חלום מיין חלום
שיין איז ער געווען,
אצינד איז ער אויס!

גאָט האָט דאָך געטון אַ נס,
ווי עס שטייט אין ביבל,
היטלער, אוי, פאַרגעס, פאַרגעס!
קוק אָן דאָס רויטע טיכל!
קוקט ווי אונדזער פּנים שיינט,
יעדער אַ מיוחס!
סקריפּעט דיר אין אויער דער באַס,
בייז ווי טויזנט רוחות:

רעפרען:

די רייכס־אַרמיי באַגראָבן,
באַגראָבן, באַגראָבן!
די רייכס־אַרמיי באַגראָבן,
באַגראָבן די רייכס־אַרמיי!

---

* דאָס ליד האָב איך גענומען ביי מענטשן וואָס האָבן עס געבראַכט פון מאָגילעוו (טראַנסניסטריע).

** „אין מאָגילעוו איז אין יענער צייט געווען אַ גרופּע בחורים, וואָס האָבן געמאַכט לידער וועלכע פלעגן אָפּשפּיגלען די צרות און ליידן אונדזערע. דאָס ליד איז איינס פון יענע. אין 1942־טן יאָר, נאָך דעם גרויסן דערפאָלג פון דער סאָוועטישער אַרמיי ביי סטאַלינגראַד, איז אין אַ שיינעם טאָג באַשאַפן געוואָרן אָט „די חתונה“ אויף דער מעלאָדיע פון אַן אַלט פאָלקס־ליד. דאָס ליד האָט זייער געפעלן דעם גאַנצן פאַרביטערטן עולם, פאַר וועלכן דאָס איז געווען אַן אמתע טרייסט און אַ שטראַל פון האָפנונג צו זייער אויסגעבענקטער באַפרייונג. פיר יאָר האָב איך דאָס ליד געזונגען מיט גרויס דערפאָלג און ס'איז נישט געווען קיין איין ייד וואָס זאָל נישט לאָזן אַ טרער הערנדיק עס“.

144 *

מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך

(לויט דער מעלאָדיע פון נר. 145)

מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך,
שוין צוואַנציק יאָר,
מיר זענען פריי מיר זענען רייך,
שוין צוואַנציק יאָר.

מ'איז אַלע גלייך — דער רוס, דער ייד
שוין צוואַנציק יאָר,
מ'איז אַלע גלייך, אָן אונטערשייד
שוין צוואַנציק יאָר.

די פעלדער זענען רייך מיט ברויט
שוין צוואַנציק יאָר,
נישטאָ קיין צרות און קיין נויט
שוין צוואַנציק יאָר.

און רויק שלאָפן מיר באַנאַכט,
שוין צוואַנציק יאָר,
מיט אַלץ באַזאָרגט די ראַטנמאַכט,
שוין צוואַנציק יאָר.

מיר זענען שוין



מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך
שוין פופצן יאָר,
מיר זענען פריי, מיר זענען רייך
שוין פופצן יאָר.

די פעלדער זענען רייך מיט ברייט
שוין פופצן יאָר,
און דרייסט באזיגן מיר די נויט
שוין פופצן יאָר.

מ'איז אלע גלייך, רומענער, ייד
שוין פופצן יאָר,
מ'איז אלע גלייך, אָן אונטערשייד
שוין פופצן יאָר.

און רויק לעבן מיר און פריי
שוין פופצן יאָר,
מיט אלץ באזאָרגט אונדז די פארטיי
שוין פופצן יאָר.

לידער־רשימה

— INDEX —

א. קינדער־יאָרן

			זייט
1	ס'איז געווען אמאָל א קליין יידעלע		57
2	אמאָל איז געווען א קליין יידעלע	UGV/154 Sol, SLO/44 La, IFBF/340 Sol	58
3	קינדער־יאָרן טעקסט פון שמשון פערסט	CIS/9 do	59
4	קינדער־יאָרן טעקסט פון מרדכי געבירטיג	ZMM/84 do, ML/8 do, UGV/198 do	61
5	איך געדענק נאָך טעקסט פון שמשון פערסט	GL/11 *	62
6	אויפן בוידעם שלאָפט דער דאך פון פרץ הירשביין	K 60/65 re, ZMM/122 la, ZAF/84*	63
7	מיין יינגעלע, טעקסט פון מאָריס ראָזענפעלד	TJF/25 re, ZAF/29*	64
8	דער אלף־בית מ. מ. ווארשאווסקי	ZTY/160 re, LB/76 mi, GB/5 re, JFA/686 re, ZAF/90*, CE**/41 la	65
9	ביי דעם שטעטל	K 80/42 sol, TJF/35 re, IFBF/345 sol, ZAF/88*, ES/10 re	66
10	בא דעם שטעטל		67
11	ציפּ צאפּ עמערל	IFBF/334 sol, JFA/685 sol	67
12	אלע ליולע ליולע	TJF/17 re, SLO/26 mi, IFBF/307 fa, JFA/683 mi, CE**/35 mi	68
13	אונטער דעם קינדס וויגעלע		68

* טעקסט אָן דער מוזיק

** אינדעקס CE = מעלאָדיעס אָן טעקסטן (נומ. 8, 12, 14, 33, 36 און 37)

14	אונטער דעם קינדס וויגעלע	CE/33 la · IFC/51-52* · FR/3 la · IFBF/301 la · JFA/684 la · SLO/27 la	69
15	אונטער דעם קינדס וויגעלע	IFC/No. 110-111* · TJF/16 mi	70
16	איילע, ליולע, פייגעלע	IFBF/303 mi	71
17	שלאָף, שלאָף, שלאָף	IFBF/304	72
18	שלאָף מיין מאָכטער	IFBF/312	73
19	אז איך וועל זאָגן	IFC/343 si	74
20	שלאָף מיין קינד	ZMM/104 fa · ZL/64 fa · ZAF/31* · IFBF/318 la · TJF/23 fa	75
21	שלאָף מיין קינד	JFA/680 mi	76
22	שלאָף מיין קינד		77
23	שלאָף מיין קינד		77
24	שלאָף מיין קינד		78
25	א וויג=ליד (שלאָף מיין קינד, שלאָף כסדר)	JFA/681 sol · IFBF/320 sol · ZL/65 mi · TJF/22 mi	78
26	ס'לויפן, ס'יאָגן	ZAF/30*	79
27	שלאָף=ליד		80
28	שלאָף מיין זון	ES/17 mi · IFBF/464 sol · ZL/70 mi · TJF/26 re	81

ב. ליריש

29	טיף אין וועלדעלע	IFBF/142 sol · SLO/49 sol · ZMM/43 mi · TJF/49 mi	85
30	גיי איך מיר שפּאַצירן	ZAF/48* · ZMM/33* · K 60/23 sol · IFA/689 fa · IFBF/140 sol	86
31	מאַריאַשע	ZMM/74 sol	87
32	צוועלעף קלאַפּט דאָך שוין	V SLO/57 mi	88
33	מאַמעניו, ליובעניו	CE/32 la · K60/7 la · ZMM/24*	89
34	מאַמעניו, ליובעניו	V PN/402 * · IFBF/194 la · TJF/50 mi	90

35	לאָמיר זיך צעקושן		91
36	יאָמע, יאָמע	CE 32 la, FR 6 sol, ZAF 38*, K 60 25 sol, IFBF 244 sol, SLO 64 sol, LB 88 sol	92
37	א יינגעלע פון פוילן (די מאמע איז געגאנגען)	CE 33 mi, K 60 27 Sol, IFBF 138 Sol, ZAF 51 *, TJF 54 mi	93
38	די מאמע האָט מיך געשיקט	K 60 38 Sol, ZAF 46 *, FR 171 *, ZMM 23 *, SLO 68 la	94
39	א יינגעלע פון פוילן (די מאמע איז געגאנגען)		95
40	דער מאמע איז געפאָרן (די בייקע)	K 60 33 la, v PN 394 *, ZAF 43 *, IFBF 146 Sol	96
41	די בייקע		97
42	די מאמע קאָכט ווארעניקעס (אז עס געפעלט א חופה)	ZMM 29 *, K 60 33 la, ZSL 30 *, IFBF 156 Sol	97
43	לאָמיר ביידע א ליבע שפּילן		98
44	לאָמיר ביידע א ליבע שפּילן		99
45	לאָמיר ביידע א ליבע פירן	ZMM 21 *, K 80 24 Sol	100
46	דו מיידעלע, דו פיינס	LB 83 mi, JFA 687 Sol, IFBF 128 Sol, TJF 44 mi	101
47	פאר דיר וועל איך קויפן		103
48	א מיידל אין די יאָרן	FR 157 *, ZMM 32 *, ZAF 39 *, K 60 9 re, IFBF 198 re	104
49	פּאפּיר איז דאָך ווייס	IFBF 148 re, LSH 64 do, TJF 56 re	105
50	מרייע ליבע	IMF 17, ZMM 40 Si	106
51	וואָס דערגייסטו מיר די יאָרן ?		107
52	לאָמיר זיך איבערבעטן	LB 90 Sol, ZMM 33 *, ZAF 42 *, IFBF 162 Sol, K 60 29 Sol	109
53	אוי, אבראם !	ZAF 47 *, K 60 47 fa	110
54	וו ביסטו געווען	ZL II 46 sol, ZAF 66 *, ZMM 20 *, IFBF 230 la, K 80 12 la	111
55	די ווערבע טעקסט פון ח. נ. ביאליק	ZMM 88 la	112

56 מיין רוע=פלאץ טעקסט פון מ. ראָזענפעלד ZL/17 re IFBF/70 mi GKH **/34 . . . 113

57 אזויווי ס'איז ביטער 114

58 מיין הארץ IFBF/210 sol 115

59 מיין הארץ 116

60 אוי, וויי, אָן און עק 117

61 פאָרן פאָרסטו פון מיר אוועק TJF/128 re ZL/57 mi IMF/155 re IFBF/114 sol 118

62 א לייטערל צום הימל ZL II/41 re IFBF/118 mi IMF/154 sol 119

63 לייג איך מיר מיין קעפעלע K 60/35 sol ZMM/48 mi IFBF/282 sol ZAF/52 * 120

64 נאָך א גלעזל טיי פון מ. געבירטיג ML/58 fa 122

ג. אויף חתונות, אויף שמחות, ימים־טובים

65 די מעזינקע אויסגעגעבן K 60/113 la TJF/104 mi UGV/207 la IFBF/256 la JFA/690 la
ZAF/80 * ZMM/96 * SSI/50 sol 125

66 די חתונה 126

67 מיר זענען ניכטער K 80/51 la 128

68 איינמאָל, איינמאָל (א וואָלעכל) K 80/69 si ZMM/35 * ZAF/63 * 129

69 ביים=זשע מיר אוים א פינפ=און=צוואנציקער K 80/36 la TJF/116 mi ZMM/61 sol
ZL/41 la IFBF/258 la ZSL/35* 130

70 דער רבי אלימלך EZ/la K 80/94 do JSA/84 la IFBF/400 do ZMM/20 * ZAF/72 * LB/78 do . 131

71 דער רבי אלימלך 133

72 צו דיין געבורטס-טאָג פון א. גאָלדפאַדען LSH/68 mi IZ/12 * SSI/83 fa 134

73 מזל=טוב! 135

** מיט אן אנדערע מעלאָדיע

			זייט
74	צו דער חופּה		137
75	לעבעדיק!		137
76	אויפגעשפּילט!		138
77	מיטן פידעלע		139
78	חסיד פון. א. גאָלדפאַדען		140
79	א פריילעכער ניגון		141
80	צוויי ניגונים		141
81	א טאַנץ		143
82	פריילעך!		143
83	שמעלנערס טאַנץ		144
84	א פריילעכס		145
85	חסידיש		146
86	מחותנתטע מיינע פון מ. מ. וואַרשאַווסקי	TJF 112 re, ZMM 73 re, UGV 216 mi, IFBF 262 mi, ZL II 43 re, ZSL 27 *	147
87	מחותנתטע מיינע		148
88	דריי טעכטערלעך פון מ. געבירטיג	ML 88 mi, UGV 192 mi	150
89	אז די יום-טובדיקע טעג פון מ. מ. וואַרשאַווסקי	ZMM 100*, ZAF 17 *	152
90	שאַ, שטיל, נים געזאָרגט	ZMM 38 sol	154
91	קינדער, מיר האָבן שמחת-תורה פון מ. מ. וואַרשאַווסקי	TJF 150 mi, GB 52 mi, ISA 5 fa, ZAF 91 *, CPS (ebr) 20 mi	155
92	א ניגונדל	GB 20 re	157
93	פורים-ליד		158
94	לאָמיר טרינקען א לחיים	FLO 12 sol, IFBF 439 mi	159

ד. הומאָר און סאַטירע

			זייט
95	עלע־בעלע פון זעליג באַרדיטשעווער	LN/17 do	163
96	זונטיק בולבע	IFBF/11 sol, TJF/79 mi	165
97	זונטיק בולבעס		166
98	דירה־געלט	BIW/103 *, ZAF/26 *, IFBF/sol 25, JFA/660 sol, GKS/14 la, TJF/82 mi	167
99	באַ מיין מאַמע	ZL/31 re, II 19	168
100	פרעגט וואָס קען איך	ZMM/136 *, IZ/19 *, UGV/34 sol, IFBF/17 sol, ES/20 sol	170
101	וויאַזוי לעבט דער קייסער	FK/148 sol, ZAF/77 *, IFBF/391 do, JFA/658 do, LB/94 do, K 80/123 do	171
102	צי האָט איר געהערט		173
103	אַמאָל און אַמאָל איז אַ מעשהלע פאַרלאָפן	IFC/56 *	174
104	פרעגט די וועלט	JFA/655 re, IFBF/419 sol, JSA/82 sol, LB/92 sol, TJF/12 ore, K 60/91 sol	
		FR/4 re, ZAF/69 *, SLO/94 re	175
105	קום אהער דו פילאָזאָף פון וועלוול זבאַרזשער	JFA/657 sol, IFBF/378 sol, TJF/136 re	
		K 60/93 Si	176
106	קום אהער דו פילאָזאָף		177
107	לאָמיר אַלע זינגען	ZAF/64 *, IFBF/380 sol, ZMM/52 fa, TJF/84 re, K 80/83 lab	179
108	לאָמיר אַלע זינגען		181

ה. ארבעטער און בעלי־מלאָכות

נומ.	ליד	מקורים	זייט
109	מלאָכה=מלוכה פון זעליג באַרדיטשעווער	LN / 8 re; GIS / 4 re; FR / 110 *	185
110	אַ, העמערל, העמערל קלאַפּ (צום העמערל) פון אַ. רייזען	UGV / 14 fa; K 60 / 65 la; ZMM / 11 *; ZAF / 22 *; JZ / 25 *	187
111	מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל	K 80 / 112 sol; ZAF / 25 *	188
112	מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל	TJF / 80 mi; FK / 145 fa	189
113	מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל	IFBF / 18 sol; ** JFA / 674 la; IMF / 125 sol	190
114	מײַן מאַמע וועקט מיך אויף		190
115	דרײַ נייטאָרינס טעקסט פון י. ל. פּרץ	ZL / 26 fa / II 14; UGV / 12 mi; IFBF / 66 mi; K 60 / 77 mi (la)	191
116	דרײַ נייטאָרינס		192
117	אַט אַזוי נייט אַ שניידער	ZAF / 27 *; TJF / 86 mi; IFBF / 24 la; JFA / 661 sol; IMF / 85-158 sol	193
118	אַט אַזוי נייט אַ שניידער		194
119	מיר וועבן		195
120	דווינע פון זעליג באַרדיטשעווער	LN / 24 do	196
121	דווינע		197
122	פּלאַקער פייערל פון אַ. גאָלדפאַדען		198
123	פּלאַקער פייער	ZMM / 101 *	199
124	קעגן גאָלד פון זון	TJF / 98 re; LSH / 74 mi; IFBF / 469 mi; ZSL / 16 *	200
125	אויף די פעלדער	UGV / 21 sol; IFBF / 456 sol; JFA / 669 sol	201
126	יאָשקע, יאָשקע	ZMM / 64 sol; IFBF / 462 la	202

** מיט אַן אַנדערער מעלאָדיע

			זייט
127	אז מען פאָרט קיין סעוואַסטאָפּאָל (דזשאַנקוי)	ES 9 mi · IFBF 452 la · GKH 8 sol · UGV 30 la · ZL 54 mi II 30 · TJF 94 mi	203

ו. ליַידן, בטוחן, קאַמף און נצחון

128	יידן שמידן טעקסט פון מ. בראָדערזאָן	ES 15 mi · ZAF 28 * · ** ZL 15 II 8 · UGV 24 fa	207
129	שמידן יונגע לידער		208
130	אין דער קוזניע טעקסט פון מ. ראָזענפעלד	ZL 22 do II 23 · TJF 110 do	209
131	אין דער קוזשניע	UGV 20 re	210
132	עס רירט זיך טעקסט פון מ. ווינטשעווסקי	IMF 114 sol · IFBF 88 sol · ZL 14 fa II 7	210
133	מיר זענען די פרייהייטס־סאָלדאַטן טעקסט פון מ. ראָזענפעלד		212
134	באַריקאַדן	ZAF 23 * · ZL 79 mi	213
135	איך בין פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן		214
136	עס ברענט פון מ. געבירטיג	FLO 16 mi · FR 42 * · ** ZMM 82 · CPI 16 mi · UGV 56 sol · MA 52 re	215
137	רבקהלע די שבתדיקע	UGV 130 do	216
138	ליד פון בוג	FR 70 *	217
139	בא דער אַרבעט		218
140	אַז משיח וועט קומען		219
141	שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט (פּאַרטיזאַנער ליד) טעקסט פון הירש גליק	UGV 82 mi · MA 60 mi · TJF 180 do	220

** מיט אַן אַנדערער מעלאָדיע

זייט

142 זאָג נישט קיינמאָל, טעקסט פון הירש גליק UGV/10 fa LSH/42 mi MA/54 mi TJF/182 do
IZ/13 * FR/43 * ZSL/5 * JFA/664 sol 221

143 די חתונה 222

144 מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך! IFBF/474 mi ZL/56 mi 223

145 מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך! 224

BIBLIOGRAFIE — ביבליאָגראפיע

INDEX

ALTMAN SHALOM	**The Judaean Songster**	1934 Joung Joudaea,	New-York City	JSA
AIZMAN IEHUDA	„ממעמקים" פאָלקס=לידער פון לאגערם און געטאָס (1944=1939) **(„Mimaamakim" Folks-lider fun lagers un getos** (1939-1944)	1945	București	MA
AUSUBEL NATHAN	**A Treasury of Jewish Folklore**	1948, Crown Publishers,	New-York	JFA
BARDICEVER ZELIG	לידער מיט ניגונים **(Lider mit nigunim)**	1939, A. Hornik 1948, „Zria"	Cernăuți Montevideo	LNB
BEN-JUMIN	לידער פאר שול און היים **(Lider far șul un heim)**	1946, Itșe Biderman,	New-York	LSH
BEREGOVSKI M.	יידישער מוזיק=פאָלקלאָר **(Iidișer muzik-folclor)**	1934, Muzgis Ogis	Moskva	IMF
BEREGOVSKI M. — FEFER I.	יידישער פאָלקלאָר **(Iidișer folklor)**	1938, Ukrnatzmindfarlag	Kiev	IFBF
BITTER ALBERT	זינג א ליד (60 lider) **(Zing a lid)** (50 lider)	1940 Albert Bitter 1941 Jewish Muzik-Alliance	N. Y. N. Y. City	ZL ZL II
CAHAN I. L.	יידישער פאָלקלאָר **(Iidișer folclor)**	1938, I W O	Vilna	IFC
Classified Palestine Songs		1946 J N F	Jerusalem	CPS
EISIKOWITS MAX, Dr.	**Cîntece și coruri evreiești** (יידישע לידער און כאָר=געזאנגען)	1937, Librăria Nouă,	Timișoara	CE
FERST ȘOMȘN	געקליבענע לידער **(Geklibene lider)**	1922, Hornik — Birnbaum,	Cernăuți	GL
GEBIRTIG MORDECHAI	מיינע לידער **(Maine lider)**	1936, Gebirtig-Comitet,	Krakovia	ML
GELBART MICHEL	זינג(ט) מיט מיר **(Zing(t) mit mir)**	1945, Workmen's Circle,	New York	ZMM
GELBART MICHEL	געזאנג=בוך **(Gezang-buch)**	Arbeter-ring	New York	GB
HELFMAN MAX	געזאנג און קאמף **(Gesang un Kamf)**	1940, Jewish Music Alliance,	N. Y. City	GKH
Ich Zing	איך זינג	Iidișer Fraterneln Ordn		IZ
IDELSOHN A. Z.	ספר השירים **(Sefer hașirim)**	1922, Jüdischer Verlag,	Berlin	SSI
Jüdisches Liederbuch	יידיש לידער=בוך	1930, Jüdischer Verlag,	Berlin	LB
KAUFMANN FRITZ MORDECHAI	**Die Schönsten Lieder der Ostjuden**	1920, Jüdischer Verlag,	Berlin	SLO

KIPNIS M.	60 פאָלקס־לידער (69 fclk-lider)	1925, A. Gitlin,	Varşava	K 60
KIPNIS M.	80 פאָלקס־לידער (80 folks-lider)	1925, A. Gitlin,	Varşava	K 80
KOTYLANSKI CHAIM	פאָלקס־געזאַנגען (Folks-gezangen)	1944, „IKUF", Los Angeles, California		FK
KUPERŞMID S.	פאָלקס־לידער פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע (Folks-lider fun der foterlendişer milchome)	1944, Der Emes,	Moskva	FFM
LIPTZIN SEM	זינגען מיר Zingen mir (75 English and Jewish Songs)	1949, „Amcho"	New York	ZSL
NIGER S.	דער פנקס (Der Pinkes)	1913, B. A. Kletzkin,	Vilna	PN
OCHMAN Z.	יידישע און העברעאישע פאָלקס־לידער Iidişe un ebreiişe folks-lider	1944, (?)	Bucureşti	FLO
RUBIN DAVID	Cîntecul popular evreiesc (דאָס יידישע פאָלקס־ליד)	1946, Bicurim,	Bucureşti	FR
RUBIN RUTH	A Treazury of Jewish Folksong	1950, Shocken Books Inc.	New York	TJF
SACULETZ EMIL	יידישע לידער Iidişe lider	1949, IKUF	Bucureşti	ES
SCHAEFFER IACOB	געזאַנג און קאַמף Gezang un Kamf No. 3	1935 Jewish Music Alliance	N. Y.	GKS
SILBERTS ZAVEL	דער רבי אלימלך (Der rebe Elimelech)	1935 „Metro Music Co."	New York	EZ
SCHWARTZ IULIAN	(15 פאָפּולאַריזירטע יידישע לידער) 15 cîntece iidiş popularizate Armonizate de Prof. A. Mendelsohn	1946 „IKUF"	Bucureşti	CS
STUCEVSKI I.	ניגוני חסידים Chassidic tunes	1945 Ed. Parnassus Ltd.	Tel-Aviv	NH
Undzer Gezang	אונדזער געזאַנג	1947, Folks-comitet far iidn in Poiln	Varşava	UGV
WANVILD M. Prof.	ביי אונדז יידן (Bai undz iidn)	1923 Pinkas Graubard	Varşava	BIW
	זאמלונג פון יידישע ארבעטער און פאָלקס־לידער (Zamlung fun iidişe arbeter un folks-	1937 „WDPC"	N. Y. C.	ZAF
	קאָלעקציע „ביולעטין פאר די פאָלקס־אַטעניייען" שפּעטער „דער קולטור־וועגווייזער" Clektzie „Buletinul Ateneelor populare în idiş" şpeter „Der Kultur-Vegvaizer"	1949 — 1953 Kultur-Ministerium	Bucureşti	BC

care acesta a învăţat cîntecul. Separat am întocmit un Index care arată, în iniţiale, culegerea în care a mai fost tipărit, pagina şi nota finală.

Cîntecele care au mai fost tipărite au în dreptul numărului de ordine o steluţă (*).

Totuşi, dacă la unele cîntece nu apar date, nu rezultă de aci că ele nu provin şi din sursă orală: din contră, le-am auzit cîntate de zeci de oameni.

Nu am pretenţia de a fi epuizat toate problemele, nici nu am dorit să o fac în această lucrare. Le-am semnalat pe acelea care mi s-au părut mai deosebite.

Desigur că ar fi fost de dorit o analiză de mai mare amploare, dar pentru aceasta este necesară confruntarea unui număr mai mare de cîntece. Materialul cules personal — deşi abundent — încă nu-l pot considera ca fiind suficient, iar cel tipărit — luat în ansamblu — este neomogen, fiind editat în locuri şi la date diferite, semnat de autori — şi aceştia — de competenţe diferite.

Mulţumesc tuturor informatorilor pentru cîntecele pe care mi le-au cîntat.

EMIL SĂCULEŢ

Acest rol hotărîtor al interpretării intervine adesea chiar în cuprinsul aceluiaşi cîntec, cînd textul conţine deopotrivă strofe mai vesele sau mai triste.

Mai ales modul minor cromatic (popular) cu secundă mărită, în care apare şi melodia de mai sus, a slujit în decursul vremurilor la exprimarea întregii game de stări sufleteşti. Cele mai aprinse cîntece vesele sau jocuri, ca şi cel mai înduioşător cîntec de dragoste sau cîntec de jale, s-au simţit bine în acest mod, fapt cunoscut şi din folclorul altor popoare.

★

Am considerat ca inedite toate cîntecele pe care nu le-am întîlnit în vreuna din culegerile cuprinse în bibliografie. Totuşi, se poate întîmpla ca unele din aceste cîntece să mai fi apărut în alte culegeri pe care nu am avut posibilitatea să le cunosc pînă în prezent. În consecinţă, rog pe cititor să nu dea un sens absolut termenului de **inedit**.

Relativ la notarea cîntecelor, am respectat convenţia adoptată de mai toate publicaţiile similare precum şi de Institutul de folclor din R.P.R., aceea de a folosi finala *sol* pentru cîntecele cu caracter major şi finala *mi* pentru cele cu caracter minor. Un singur cîntec *(Mitn, fidele,* nr. 77) face excepţie. El a fost interpretat la vioară în *re* minor şi trebuie să ţinem seama de greutăţile de ordin tehnic pe care le-ar implica o schimbare de tonalitate la acest instrument.

Este drept că această „reducere la acelaşi numitor" uşurează munca de studiu a folcloristului, creînd în schimb mici dificultăţi interpreţilor, mai ales celor vocali. Aceştia vor fi nevoiţi să transpună unele melodii, coborîndu-le sau urcîndu-le în tonalităţi corespunzătoare posibilităţilor lor vocale.

Textele de sub note au fost scrise cu caractere latine şi nu ebraice. aceasta pentru a merge paralel cu notele — de la stînga la dreapta. În acest scop, am folosit o transcripţie adecvată, indicată în tabelul de la pag. 54 şi care constituie o încercare de adaptare a transcripţiei fonetice universale la specificul limbii idiş.

Textele cîntecelor găsite în alte culegeri sau care figurează în volumele respective ale autorilor lor (vezi colecţia Autorii clasici) le-am reprodus întocmai, adică în dialectul literar sau cel preferat de autor. În ceea ce priveşte variantele acestora (culese şi nepublicate), m-am străduit să le redau în felul cum mi-au fost cîntate.

La transcripţia textelor în caractere ebraice, mi-am permis a uniformiza ortografia majorităţii cîntecelor, păstrînd numai forma gramaticală, aceasta indicîndu-ne adesea originea dialectală a autorului sau a interpretului respectiv. (A se vedea cîntecul *Oifn boidem,* nr. 6).

În dreptul fiecărui cîntec am pus localitatea şi adesea anul în care a fost cules cîntecul. La unele am menţionat şi persoana de la

Kovanovski (nr. 20). Se pare că ar mai exista şi alte melodii scrise sau adaptate acestui text.

Textul cîntecului *Ba deim ştetl* apare în mai multe culegeri pe o melodie în $\frac{2}{4}$ (nr. 9). Am găsit însă acelaşi text pe o melodie în măsura de $\frac{3}{4}$, cu un ritm asemănător geamparalelor. Acest ritm este foarte cunoscut în folclorul evreiesc, în dansurile *hasidice*, ca, de exemplu, în cîntecele *S'hot zich mir di zip tzezipt*, dansul *A broigisl* etc.

De asemenea, putem întîlni mai multe texte pe aceeaşi melodie, unele tratînd aceeaşi temă, iar altele — teme diferite.

Ca exemplu pentru primul caz, dăm cîntecul *Kinderiurn* (nr. 3 şi 4). Pe aceeaşi melodie, purtînd chiar acelaşi titlu, şi-au depănat amintiri din copilărie doi autori ale căror multe cîntece au devenit astăzi populare; aceştia sînt Mordechai Ghebirtig şi Şomşn Ferst. Am ţinut în mod deosebit să prezint versurile acestor doi autori, dintre care primul este mort într-un lagăr fascist, iar celălalt trăieşte în Bucureşti. Şomşn Ferst, animat de ideea principală a acestui cîntec, a urmat pilda lui Ghebirtig şi a cîntat şi el *Anii copilăriei* sale. Fiecare dintre cele două texte poartă amprenta caracteristică a autorilor lor. Totuşi, acest lucru nu a împiedicat pe un publicist american, Silberzweig, să afirme că Ferst l-a „plagiat" pe Ghebirtig.

Un alt exemplu care ilustrează acest fenomen este cîntecul *Lid fun Bug* (nr. 138), cules de la cei întorşi din Transnistria. Autorul a creat acest cîntec pe melodia cîntecului revoluţionar de leagăn a lui A. D. Nomberg (nr. 26).

Un caz identic îl prezintă şi *Cîntecul de nuntă* de la nr. 66, care apare cu un text nou (nr. 143), cîntînd apariţia armatelor sovietice eliberatoare. În ambele cazuri citate mai sus, autorii au folosit, în versurile noi, elemente din cele vechi.

Cîntecul *Rivkele di şabesdike* (nr. 137) a fost creat în ghetto pe cunoscuta melodie a cîntecului *Kegn gold fun zun* (nr. 124). Dacă în exemplele anterioare melodia a imprimat celor două texte acelaşi conţinut de idei, creînd aceeaşi atmosferă de suferinţă şi avînd deosebite — printre altele — şi acele elemente care marcau epocile diferite în care au fost create, în exemplul de faţă constatăm că aceeaşi melodie ne înfăţişează două texte contrastante în ceea ce priveşte conţinutul lor de idei. Astfel, melodia care a slujit unui text luminos, închinat vieţii noi a oamenilor sovietici şi conţinînd un element atît de sclipitor ca „Aurul soarelui", apare mai tîrziu cu un alt text care deplînge suferinţele unei tinere fete din ghetto. Se pune întrebarea: A folosit poetul anonim din ghetto o melodie cunoscută numai pentru că nu a avut altă melodie la îndemînă, sau pentru faptul că i-a plăcut aceasta mai mult? Presupun că el a folosit intenţionat melodia al cărei text cînta viaţa frumoasă de mai înainte, spre a putea crea un contrast faţă de viaţa îngrozitoare din ghetto şi totodată prin această evocare să întărească şi mai mult dorinţa de a lupta împotriva opresorilor. În felul acesta, cîntecul de jale devine un cîntec mobilizator. Este de la sine înţeles că vechea melodie ce serveşte unui text nou va suferi modificări atît din punct de vedere al structurii ei, cît şi al interpretării. Aici intervin din plin măiestria şi interpretarea creatoare a cîntăreţului popular.

multă hotărîre, de mai multă mulţumire. Melodia se îmbogăţeşte şi prin adăugarea unui nou motiv, despre care informatorul, un actor, ne spune: „L-am adăugat pentru că simţeam nevoia să mai spun ceva; cîntecul era prea sărac, prea mic". Cu acest adaus, el este satisfăcut.

În viaţa cîntecului popular se produce un fenomen deosebit de interesant care depăşeşte variantele în sine: este vorba de un text care îmbracă mai multe haine melodice sau viceversa: melodii care circulă cu mai multe texte, complet deosebite.

